STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02979

DER NIGN FUN NEKHTN

Julien Hirshaut

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. הירשהויט

דער ניגון פון נעכטן

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אביב, תשל"ח — 1978

J. HIRSHAUT

DER NIGN FUN NECHTEN

I.L. Peretz Publishing House
31, Allenby St., Tel-Aviv

©

Printed in Israel, 1978

דפוס לינו־טור, רח׳ יסוד המעלה 39, תל־אביב

אינהאַלט

צוריק צום שטאַם 9
שכנים 20
דער גרענעצפּונקט 29
אין פּאַריז 38
אין אַ פרעמדער וועלט 48
אַ שמייכל 57
די טאָכטער 67
דער באַגינען 75
מאַרישע 89
דער ווידוי 105
אַ בלבול 119
די אַלטע שניידערשול 131
דער רויטער בעקער 145
היימלאָז 155
דער פעטער לייבקע 183
מחותנים 196
דער נס פון קהלת 224



געווידמעט חנהלען
מיין געטרייער לעבנס־באַגלייטערין
און מיין אינספּיראַציע.

צוריק צום שטאַם

שטיל און פאַרשלאָפן איז געווען דער פריהאַרבסטיקער פאַרנאַכט. ביים ראַנד פונעם פּוילישן שטעטל זיינען צוויי שורות הייזקעס געשטאַנען פון ביידע זייטן שאָסיי. אַ ביסל ווייטער האָט זיך אַ רחבותדיקע לאָנקע צעשפּרייט מיט איר מאָגערער געלגראָזיקער אויבערפלאַך. זי האָט זיך געצויגן ווייט־ווייט און אָנגעשפּאַרט אַזש אינעם טייך.

שקצים האָבן זיך געיאָגט איבער דער לאָנקע. זיי האָבן צעלייגט אַ פייער פון אָנגעקליבענע כרוסטעס און געבראָטן פריש אָנגעגראָבענע קאַרטאָפל. יענדרעק, אַ בלאָנדער שייגעץ פון אַ יאָר פערצן, איז געשטאַנען אָנגעבויגן איבערן פייער. מיט אַ שטעקן האָט ער איבערגעשאַרט די קאַרטאָפל. פון דער זייט זיינען געקומען צו לויפן נאָך צוויי שקצים.

— יענדרעק, זיינען שוין די קאַרטאָפל פאַרטיק?

יענדרעק האָט נישט געענטפערט. ער איז היינט געווען אַ ביסל פאַר־טראַכט. פּלוצעם האָט ער זיך אויסגעגלייכט, געוואָרפן אַ בליק אויף זיינע חברים און אַ פרעג געטאָן:

— ווייסט איר וואָס אַזעלכעס ס׳איז אַ זשיד?

— אַ זשיד? וואַרט נאָר, איך ווייס עפּעס — האָט איינער פון די שקצים געענטפערט — ווען איך בין געווען אַ קליין יינגעלע, פלעגט מיך מיין מאַמע סטראַשען, אַז אויב איך וועל נישט פאָלגן, וועט מיך צונעמען אַ זשיד. ס׳מוז זיין עפּעס אַ שרעקלעך באַשעפעניש.

דער צווייטער חבר האָט זיך אָנגערופן:

— און איך האָב געהערט, אַז בעת דער לעצטער מלחמה האָבן די דייטשן אַרויסגעפירט אַלע יידן און זיי אַלע דערשאָסן. פּיף־פּאַף, און ס׳איז שוין מער נישטאָ קיין זשיד.

— דו האָסט אַ טעות — האָט אים יענדרעק איבערגעשלאָגן — ס'איז נאָך יאָ פאַראַן אַ זשיד. איך בין אַ זשיד.

— דו אַ זשיד? — האָבן זיך יענע אַזש איבעגעצלמט פאַר שרעק — ווי קומסטו?

אַנדערע שקצים זיינען צוגעקומען און יענדרעק האָט מיט גדולה גענומען דערציילן, ווי אַזוי ער איז דערגאַנגען דעם סוד, אַז ער איז אַ ייִד:

— אַנומלט איז מיין טאַטע אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט שיכּור. ווי אַלע מאָל נאָך אַ טרונק האָט ער זיך גענומען טשעפּען צו דער מאַמען. האָט מיך דאָס שטאַרק פאַרדראָסן און איך האָב אים געזאָגט ער זאָל אָפּלאָזן די מאַמע. האָט ער דעם כּעס אויסגעלאָזט צו מיר, דערלאַנגט מיר אַ פּאָר קלעפּ און זיך צעשריגן: „דו זשידאָווסקע נאַשעניע! (ייִדישער זאָמען), מיך ווערסטו לערנען? פאַר רחמנות האָב איך דעם פאַרשיוויִעץ אַריינגענומען אין שטוב, איך גיב אים אומזיסט צו פרעסן און אָט ווי ער דאַנקט מיר אָפּ.״ איז אויב מיין פאָטער האָט אַזוי געזאָגט, בין איך מסתּמא אַ ייִד.

— עע... — האָט אַ צווייטער זיך אָנגערופן מיט ספק — ווען מיין טאַטע איז שיכּור, רעדט ער כּלערליי נאַרישקייטן. מען קען זיך אויף דעם נישט פאַרלאָזן.

כאָטש די מעשׂה מיט יענדרעקס ייִדישקייט איז נאָך נישט געווען קיין זיכערע, האָט פון דעסטוועגן דאָס ייִנגל נישט געפונען צו מאָרגנס קיין חברים צו שפּילן זיך. אַנשטאָט זייערע פּנימער האָט ער געזען בלויז זייערע שאָטנס באַהאַלטענע הינטער ביימער אָדער סטאָגעס היי. זיי האָבן אים נאָכגעשריגן „פאַרשיווי זשיד״ און געוואָרפן אויף אים שטיינער. יענדרעק איז נישט געווען קיין איבערגעשראָקענער. נישט אומזיסט איז ער געווען דער רעדל־פירער צווישן די שקצים. ער האָט זיי נאָכגעיאָגט און וועמען ער האָט דער־טאַפּט, דער האָט געלייזט געזונטע קלעפּ.

יענדרעקס שטאַרקע האַנט האָט אָבער נישט געהאַט קיין גרויסע פּעולה. זיינע חברים האָבן אים ווייטער נישט צוגעלאָזט צו זייערע שפּילן און אין שולקלאַס איז ער געזעסן אָפּגערוקט און אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע ייִנג־לעך. ס'האָט נישט גענומען לאַנג און אויך דערוואַקסענע האָבן זיך גענומען שושקען וועגן אים; פרויען האָבן אים נאָכגעקוקט אין גאַס און צווישן זיך גערעדט:

— קוק אים נאָר אָן: אַ יינגל שיין ווי גאָלד. אַ בלאָנדן קאָפּ האָר האָט ער, און בלויע אויגן אויך, אָבער זיין קוק און די נאָז קענען קיינעם נישט אָפּנאַרן. ער איז אַ זשיד.

✶

איין מאָל איז יענדרעק אַהיימגעקומען פון גאַס. אַן אומבאַמערקטער איז ער אַריין אין קיך. דורך דער אָפענער טיר צו דער עסשטוב האָט ער געזען זיינע עלטערן זיצןביים טיש. די מאַמע האָט מיט אַ פאַרדאַגהט פּנים געמוסרט דעם טאַטן:

— זעסט, וואַיטשעך, וואָס דו האָסט אָנגעמאַכט מיט דיינע שיכורע רייד? וואָס וועלן מיר איצט טאָן מיטן יינגל?

וואַיטשעך איז איצט געווען ניכטער. ער האָט דעם קאָפּ געהאַלטן אַראָפּ־געלאָזט און שטיל זיך פאַרענטפערט:

— איך ווייס אַליין נישט, וואָס איך האָב געטאָן. איך האָב דאָך נישט געמיינט אים צו טאָן אַן עוולה. איבעריקנס, וואָס זאָרגסטו זיך. קיינער וועט אים נישט אויפעסן און אַז ער וועט אַ ביסל צוּוואַקסן, וועט ער דאָך במילא אַוועק אין אַ גרעסערער שטאָט זוכן אַרבעט. וועט אים דאָרט קיינער נישט קענען.

— דו שיקסט אים שוין אַוועק? איך וועל אים נישט אַוועקלאָזן.

יענדרעק האָט זיך אַ ריר געטאָן און די עלטערן האָבן אים דערזען. זיי האָבן אָפּגעהאַקט דעם שמועס. אָבער יענדרעק איז צו זיי צוגעגאַנגען און האָט זיי געפרעגט:

— איז עס טאַקע אמת? בין איך אַ ייד?

אין שטוב איז געוואָרן שטיל. אַלע דריי זיינען געבליבן אָן באַוועגונג. פּלוצעם האָט זיך וואַיטשעך אויפגעהויבן פון זיין בענקל, אויסגעשטרעקט זיינע צוויי אויסגעהאָרעוועטע הענט, צוגעצויגן יענדרעקן צום האַרץ און געזאָגט:

— וואָס איז דער חילוק, ווי אַזוי דו ביסט געבוירן געוואָרן? דו ביסט אונדזער קינד.

✶

אין מיטן ווינטער איז דאָס שטעטל געלעגן איינגעהילט אין שניי. די

נאַכט איז פרוי צוגעפאַלן און ביי וואַיטשעכן אין שטוב האָבן די שייטערס האַלץ פריילעך געברענט אין אויוון. יענדרעק איז געזעסן אין עסשטוב ביים גרויסן טיש און האָט צוגעגרייט זיינע שול־לעקציעס. דאָס לערנען איז אים אָבער לעצטנס נישט אָנגעקומען לייכט. זיין מוח האָבן געמאַטערט פאַרשיי־דענע מאָדנע מחשבות, וואָס האָבן געשטערט אין קאָנצענטרירן זיך אויף זיין אַרבעט. אַזוי איז ער אַ גאַנצע שעה געזעסן איבער זיין העפט, ער האָט אָבער נאָך נישט אָנגעשריבן קיין איין וואָרט.

אין קיך האָט די מאַמע זיך געפּאָרעט ביים צוגרייטן די וועטשערע. וואַיטשעך האָט באַלד געדאַרפט אַהיימקומען פון דער אַרבעט.

עמעץ האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. אַ פרעמדער מאַן אָנגעטאָן אין אַ פעלץ און הוט איז אַריינגעקומען אין קיך. ער האָט אַראָפּגענומען דעם הוט און גענומען אָפּשאָקלען פון שניי זיינע שיך. בעת מעשה האָט ער באַגריסט די פאַני וואַיטשעכאָווע און האָט זיך אַנטשולדיקט:

— איך בין בלויז אויף אַ ווייל אַריינגעקומען. איך וואָלט בלויז געוואָלט אַ קוק טאָן אויף דער דאָזיקער שטוב.

די פרוי האָט אַן אומרויקע זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צום פרעמדן:

— ווער זענט איר? — די שטים האָט ביי איר געציטערט.

— זייט נישט ברוגז. איך וועל אייך נישט שטערן. אין דער דאָזיקער שטוב בין איך געבוירן געוואָרן, אויך דאָ זיך אויסגעכאָוועט, וויל איך אַ קוק טאָן אויף איר.

ערשט איצט האָט יענדרעק מוטער באַנומען אין וואָס עס האַנדלט זיך. דער אַמאָליקער בעל־הבית פון דער הייזקע, דער ייִד, איז צוריקגעקומען. אַ פחד האָט אַרויסגעקוקט פון אירע אויגן: וועט ער זיי אַרויסוואַרפן פון דער דירה? וווהין וועלן זיי איצט גיין? אָט דאָס איז איר מזל: אַלע ייִדן זיינען אומגעקומען, און פונקט דער דאָזיקער ייִד, דער בעל־הבית פון איר דירה, האָט זיך געדאַרפט אָפּראַטעווען. זי האָט זיך גענומען בעטן:

— מיר האָבן ביי אייך גאָרנישט נישט צוגענומען. מיר אַליין זיינען דאָ פרעמדע. געקומען ווי פּליטים פון די מזרח־געביטן און די שטאָטמאַכט האָט אונדז איבערגעגעבן די דאָזיקע הייזקע צום וווינען. ווען מיר זיינען דאָ אַריין, איז דאָס הויז געווען ליידיק און האַלב־חרוב. מיר האָבן אַלץ אַליין אויס־פאַרריכט און פון אייערע זאַכן האָבן מיר דאָ גאָרנישט נישט געטראָפן.

— באַרויִקט זיך, פּאַני — האָט דער פרעמדער געשמייכלט ווי אין פאַר־לעגנהייט — איך בין נישט געקומען מאַנען די דירה. איך טראַכט נישט דאָ צו בלייבן. איך ווין אין קראָקע און אויך דאָרט וועל איך נישט בלייבן, ווייל איך האַלט ביים פאַרלאָזן פּוילן. פאַר מיין אַוועקפאָרן האָב איך געוואָלט בלויז באַזוכן דאָס דאָזיקע אָרט, ווייל דאָ זיינען אומגעקומען מיינע אַלטע טאַטע־מאַמע.

וואַיטשעך האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל. ער האָט געטראָגן אַן אַלט אָפּגעריסן פּעלצל און אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן דאָס ליידיקע קאַווע־קענדל, אין וועלכן ער פלעגט יעדן אינדערפרי מיטנעמען קאַווע צו דער אַרבעט. זינט דעמאָלט, ווען ער האָט שיכּורעהייט אויסגעפּלאַפּלט דעם סוד וועגן יענדרעקס אָפּשטאַם, האָט וואַיטשעך אויפגעהערט צו טרינקען. ער איז איצט כּסדר געווען ניכטער. אין קיך האָט ער געטראָפן זיין פרוי מיטן גאַסט. די פרוי האָט אים בקיצור דערציילט וועגן דעם צוועק פונעם דאָזיקן אומדערוואַרטן באַזוך, און ער, ווי אַ גאַסטפריינדלעכער בעל־הבית, האָט זיך ברייט צעשמייכלט צום גאַסט, זיין האַנט געלייגט אויף יענעמס אַקסל און זיך אָנגערופן:

— אַוודאי, פאַרבעט דעם גאַסט אין צווייטן צימער אַריין און זאָל ער מיט אונדז עסן וועטשערע.

די וואַיטשעכאָווע האָט געדעקט דעם טיש מיט אַ ריינעם געשטרייפטן טישטעך. זי האָט צוגעטראָגן גרויסע שיסלען קאַשעזופּ, פאַרבראָקט מיט קאַרטאָפל. זיי האָבן געגעסן די זופּ און פאַרביסן מיט ראַזעווע ברויט. דער גאַסט האָט קוים עפּעס טועם געווען פונעם עסן. ער האָט דערציילט:

— איך בין פון דאַנען אַוועק, ווען איך בין אַלט געווען אַכצן יאָר, אַוועקגעפאָרן שטודירן מעדיצין קיין פּראַג אין טשעכיע. געענדיקט דאָס שטודירן, בין איך שוין אַהער נישט צוריקגעקומען. איך האָב זיך באַזעצט אין קראָקע. דאָרט ווייטער שטודירט און געאַרבעט אין אַ שפּיטאָל. צו מיינע עלטערן פלעג איך קומען בלויז אויף קורצע וואַקאַציעס. ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, בין איך אַוועק אין די מזרחדיקע געביטן. געלעבט דאָרט אונטער דער ממשלה פון די סאָוויעטן. זיי האָבן מיך טאַקע שפּעטער מאָבי־ליזירט און די יאָרן פון דער סאָוויעטיש־דייטשער מלחמה האָב איך דורכגע־מאַכט ווי אַ דאָקטער פון דער רויטער אַרמיי.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב, איז אַריינגעגאַנגען אין די אַנדערע צימערלעך און דערנאָך האָט ער ווייטער דערציילט:

— דאָס לעצטע מאָל בין איך אינעם דאָזיקן הויז געווען זומערצייט 1939. זינט דעמאָלט האָב איך שוין מער נישט געזען, נישט מיינע עלטערן און נישט מיינע צוויי אויסגעגעבענע שוועסטער, וועלכע האָבן געוווינט דאָ אין שטאָט. איך געדענק אָבער גאַנץ קלאָר, ווי אַזוי אַלץ האָט דאָ אַ מאָל אויסגעזען. פּאָר מיינע אויגן שטייען מיר איצט אַלע שטובזאַכן, וואָס זיינען דאָ געווען און די געשטאַלט פון מיין מאַמען. זי פלעגט זיך דאָ כסדר אַרומ־דרייען און עפּעס טאָן...

ער האָט זיך פאַרטראַכט און איז געבליבן שטיל אַ לענגערע ווילע. דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטאָן ווי צו זיך אַליין:

— גייענדיק אַהער האָב איך געחלומט, אַז איך וועל געפינען עפּעס אַ זאַך, אַ קלייניקייט, וואָס וועט מיך דערמאָנען אין זיי. איך זע אָבער גאָרנישט.

יענדרעק, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ שטילינקער און האָט זיך צוגעהערט צום שמועס, האָט זיך פלוצעם אַ ריס געטאָן פון אָרט. ער איז אַרויסגעלאָפן אין צווייטן צימער און באַלד צוריקגעקומען מיט עפּעס אין דער האַנט. ער האָט עס דערלאַנגט דעם דאָקטער: ס׳איז געווען אַן אַלטע, אויסגעריבענע פאָטאָגראַפיע.

— אָט דאָס האָב איך געפונען אויפן מיסט, וואָס איז דאָ געלעגן, בעת מיר האָבן זיך אַריינגעצויגן, איך האָב עס געהאַלטן צווישן מיינע ביכער.

דער דאָקטער האָט זיך איינגעקוקט אין דער פאָטאָגראַפיע און באַלד אויפגעהויבן אויף יענדרעקן זיינע אויגן.

— יאָ, דאָס איז אַ בילד פון אונדזער גאַנצער משפחה פון דער צייט, ווען מיר זיינען נאָך געווען קינדער. — זיינע אויגן זיינען איצט געווען אָנגעצונדן רויט און די שטימע האָט געציטערט — איך ווייס אַליין נישט, ווי אַזוי דיר צו דאַנקען, יענדרעק. אָט דער ייִד מיטן קורץ־געשוירענעם בערדל און דער יאַרמלקע אויפן קאָפּ, איז מיין טאַטע. דאָס איז די מאַמע און די צוויי מיידלעך זיינען מיינע עלטערע שוועסטער. איך בין דאָס קליינע ייִנגעלע, וואָס זיצט ביים טאַטן אויפן שויס.

ער האָט נאָך לאַנג געקוקט אויפן בילד. די באַלעבאַטים האָבן געשוויגן,

ווייל זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז איצט דאַרף מען דעם גאַסט נישט שטערן אין זיינע טראַכטענישן.

יענע נאַכט איז דער דאָקטער נישט אַוועקגעפאָרן. וואָיטשעך אַליין האָט אים געבעטן ער זאָל דאָ איבערנעכטיקן. צו מאָרגנס וועט ער גיין צו דער באַן און צוריקפאָרן קיין קראָקע. דאָס געלעגער האָט מען אים געמאַכט אין יענדרעקס צימערל. דער דאָקטער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין געלעגער און גענומען זיך אויסטאָן. יענדרעק איז צו אים נאָענט צוגעטראָטן און שטיל געפרעגט:

— הער דאָקטער, וועל איך אייך נישט שטערן? איך וויל אייך עפּעס פרעגן.

— יאָ, נאַטירלעך, דו קענסט פרעגן.

— וואָס זיינען יידן?

דער דאָקטער האָט איבערגעריסן דאָס אויסטאָן זיך. ער האָט טיף אַריינגעקוקט אינעם יינגלס אויגן, פּונקט אַזוי ווי ער פלעגט אַריינקוקן אין די אויגן פון זיינע פּאַציענטן. ער האָט אַ ביסל געטראַכט און דערנאָך האָט ער געענטפערט:

— אַ פּשוטע זאַך. זיי זיינען אַ פאָלק, פּונקט אַזוי ווי פּאָליאַקן אָדער רוסן.

— יאָ, אָבער פאַר וואָס האָבן אַלע אַזוי שטאַרק פיינט די יידן? איך ווייס, למשל, פאַר וואָס פּאָליאַקן האָבן פיינט רוסן און דייטשן. זיי האָבן ביי אונדז צוגענומען אונדזער פרייהייט. אָבער יידן זיינען שוין אַפילו נישטאָ, און פון דעסטוועגן האַסט מען זיי. פאַר וואָס?

דער דאָקטער האָט זיך באַמיט צו ענטפערן אויף יענדרעקס פראַגע. פאַר יענדרעקן זיינען דעם דאָקטערס ענטפערס געווען אַנטפלעקונגען; ער האָט וועגן די זאַכן פון קיינעם נישט געהערט. האָט ער דעם דאָקטער געהאַלטן אין איין פאַרוואַרפן מיט פראַגן, ווי ער וואָלט אויף איין מאָל געוואָלט זיך דערוויסן אַלץ וועגן יידן און יידישקייט. דער דאָקטער האָט זיך לכתחילה געחידושט אויף יענדרעקס נייגיריקייט, נאָר שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן זיך משער זיין, אין וואָס עס האַנדלט זיך. ער האָט געזען, ווי דאָס יינגל שלינגט זיינע רייד, האָט אָבער אויסגעמיטן צו פרעגן צוליב וואָס יענדרעק אינטערעסירט זיך אַזוי שטאַרק מיט די דאָזיקע ענינים. און אַזוי, צווישן

דעם נישט דערפרעגטן און נישט דערזאָגטן, איז יענדרעק פון מידקייט אַנטשלאָפן געוואָרן. דער דאָקטער איז געבליבן וואַך אויף זיין געלעגער. אין זיין מוח האָבן זיך געפלאָנטערט די מאָדנע איבערלעבונגען פונעם פאַרגאַנגענעם טאָג.

✶

עס איז נאָך געווען פינצטער ווען דער דאָקטער האָט דערהערט שטילע באַוועגונגען אין די דערנעבנדיקע צימערן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז וואַי־טשעך איז שוין אויפגעשטאַנען, איז ער אויך אַראָפּ פון זיין געלעגער און האָט זיך אָנגעטאָן. אין דער עסשטוב איז געווען ליכטיק און וואַיטשעך מיט זיין פרוי זיינען שוין געזעסן איבער טעפּלעך געקאָכטע ציקאָריע באַ־ווייסט מיט מילך. אויפן טיש זיינען געלעגן פענעצלעך ברויט באַשמירט מיט מאַרמאַלאַדע. דער דאָקטער האָט זיך צוגעזעצט און גענומען רעדן:

— דערלויבט מיר צו שטעלן אייך אַ פראַגע. איך בין זיך משער דעם אמת וועגן יענדרעקן, וואָלט איך געוואָלט וויסן, אויב אייך איז באַקאַנט, ווער עס זיינען געווען זיינע עלטערן.

דאָס פאָרפאָלק האָט זיך איבערגעקוקט מיט אומרו. באַלד האָבן זיי זיך אָבער באַרעכנט, אַז פאַר דעם דאָזיקן מענטש דאַרפן זיי זיך נישט היטן. בפרט, אַז זינט אַ לאַנגער צייט האָבן זיי געזוכט עמעצן, פאַר וועמען זיי וואָלטן זיך געקענט פאַרטרויען און פרעגן אַן עצה, וואָס צו טאָן ווייטער. האָט וואַיטשעך געענטפערט:

— ניין, מיר ווייסן נישט.

די וואַיטשעכאָווע האָט גענומען דערציילן:

— מיר האָבן אים געפונען, ווען ער איז אַלט געווען אַן ערך צוויי יאָר. ס'איז געווען אין אונדזער היימשטעטל אין דער סטאַניסלאַווער געגנט. די דייטשן האָבן אַ גאַנצע נאַכט געטריבן יידן פון די אַרומיקע מקומות צו דער באַנסטאַנציע, לעבן אונדז. פאַר טאָג, ווען וואַיטשעך איז אַרויס פון שטוב, האָט ער לעבן דעם שייער געפונען דאָס יינגל. ער איז געשטאַנען אַ צעשראָקענער און פאַרגליווערטער פון קעלט, האָט אַפילו נישט געוויינט, נאָר זיינע אויגן האָבן עפּעס אַזוי געקוקט, אַז מיר זיינען פאַרציטערט געוואָרן. מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט צי מען שפּירט אונדז נישט נאָר און דערנאָך האָבן מיר אים באַהאַלטן ביי זיך אין שטוב. ס'איז אָבער געווען אַ סכנה

צו האַלטן אים אַט אַזוי. בין איך מיט אים אַוועק צו מיינע קרובים אין אַ דאָרף. דאָרט האָט עס געהייסן, אַז ער איז מיין זון און אַז צוליב הונגער בין איך אַוועק פונעם שטעטל. צוויי יאָר בין איך אָפּגעווען אין דאָרף. ווען די רוסן זיינען צוריקגעקומען, האָבן מיר זיך אומגעקערט אַהיים. דערנאָך האָט מען אונדז ווי פּאַליאַקן אַוועקגעשיקט קיין פּוילן און אַט אַזוי האָבן מיר זיך דאָ באַזעצט.

זי האָט זיך פאַרטראַכט און דערנאָך ווידער אָנגעהויבן:

— און איצט, הער דאָקטער, וואָלט איך אייך געוואָלט פרעגן אַן עצה. מיטן דאָזיקן יינגל האָבן מיר זיך אַ סך אָנגעליטן. מיר האָבן אָבער אַלץ אָנגענומען פאַר ליב, ווייל מיר האָבן קיין אייגענע קינדער נישט געהאַט און ער איז ביי אונדז געבליבן ווי אַן אייגן קינד. האָבן מיר אָבער מורא, אַז איצט קען אים עמעץ פון אונדז אַוועקנעמען. וואָס טראַכט איר וועגן דעם?

— לויט די געזעצן קען אים פון אייך אַוועקנעמען בלויז אַ נאָענטער קרוב זיינער, אויב ער איז געבליבן לעבן. נאָר אַזוי ווי ביז היינט האָט זיך קיין קרוב נישט באַוויזן, איז אָנצונעמען, אַז אַזעלכער איז נישט פאַראַן. דעריבער מיין איך, אַז קיינער קען אים פון אייך נישט מאַנען.

ביידע האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט. אָבער דער דאָקטער האָט זיי געהאַט נאָך עפּעס צו זאָגן:

— ס׳איז אָבער פאַר אייך פאַראַן אַן אַנדער סכנה צו פאַרלירן דעם זון. זייט וויסן, אַז ביי אים האָט זיך אָפּגערופן אַן אינערלעכער דראַנג צוריק־צוקערן צו זיין שטאַם. און דאָ דערלויבט מיר, ווי אַ מעדיקער, צו געבן אייך אַן עצה: איר טאָרט זיך דעם דאָזיקן דראַנג נישט אַנטקעגנשטעלן, וואָרעם אויב נישט, וועט איר אים פאַרלירן אויף אייביק.

— וואָס זאָלן מיר טאָן?

— ס׳איז אַ שווערע פראַגע צו פאַרענטפערן. העלפן קען אייך נאָר אייער אינטואיציע און ליבשאַפט צום יינגל. אָבער איין זאַך קען איך אייך זאָגן: ס׳איז בעסער צו האָבן אַ קינד פון דער ווייטנס, איידער נישט צו האָבן קיין קינד אין גאַנצן. און נאָך עפּעס: ביי יידישע משפחות איז זינט צענדליקער יאָרן געווען אַ געראַנגל צווישן עלטערן און קינדער. די קינדער פלעגן זיך רייסן אַוועק קיין פּאַלעסטינע און די עלטערן פלעגן וויינען אויף דער צעשיידונג. כמעט אַלע וואָס האָבן געבויט דאָס היינטיקע מדינת־ישראל,

זיינען אויף אַזאַ אופן אַוועק פון זייערע עלטערן. און דאָך זיינען זיי אויפן גאַנצן לעבן געבליבן די קינדער פון זייערע עלטערן.

✶

דער ווינטער איז אַוועק, און דאָס פּוילישע שטעטל האָט זיך ווידער געטונקען אין אַ פרישער גרינקייט. שקצים האָבן זיך ווידער געשפּילט אויף דער ברייטער לאָנקע, וואָס שפּאַרט אָן אינעם טייך. מען האָט שוין צו ביסלעך פאַרגעסן וועגן דער מעשׂה מיט יענדרעקן און דעם זשיד און שקצים האָבן געזוכט יענדרעקס געזעלשאַפט. געוואָלט אים האָבן צווישן זיך, ווייל ער איז געווען אַ יינגל אַ כוואַט און האָט געקענט מאַכן אַ שפּיל אינטערעסאַנט.

אָבער יענדרעק האָט זיך נישט געוויזן אויף דער לאָנקע. נאָך דער שול פלעגט ער גיין גלייך אַהיים, זיך אַוועקזעצן איבער זיינע ביכער און לייענען. ביכער האָט ער געהאַט אַ סך, נישט פון די, וואָס ווערן איצט אַרויסגעגעבן דורך די פאַרלאַגן, נאָר אַלטע פאַרמלחמהדיקע מיט עפּעס אומפאַרשטענד־לעכע נעמען און וועגן ענינים, וואָס האָבן נישט קיין שייכות צו פּאָליאַקן, נאָר צו יידן, וואָס האָבן אַ מאָל דאָ געלעבט. פון וואַנען ער האָט די ביכער גענומען, האָט קיינער נישט געוווּסט. ער פלעגט פון צייט צו צייט אַוועקגיין פון דער היים אויף עטלעכע שעה. איין מאָל איז ער פון אַזאַ באַגעגעניש צוריקגעקומען שפּעט אין אָוונט. ער איז געווען בלייך און די מאַמע האָט זיך דערשראָקן, אַז ער איז קראַנק. ער האָט אָבער געזאָגט, אַז ס'איז אים גאָרנישט און איז גלייך געגאַנגען זיך לייגן שלאָפן. צו מאָרגנס איז ער ווי אַלע מאָל אַוועק אין שול. אָבער נאָך מיטאָג, אין דער צייט, ווען ער האָט געדאַרפט אַהיימקומען, איז אַריינגעקומען עפּעס אַן אומבאַקאַנטער מאַן און האָט איר דערלאַנגט אַ בריוול.

— אָט דאָס — האָט ער געזאָגט — האָט מיר געגעבן יענדרעק אויף דער באַנסטאַציע. ער האָט מיך געבעטן אייך עס איבערצוגעבן.

די וואַיטשעכאָווע האָט דעם פרעמדן אָנגעקוקט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן. יענער האָט זיך אָן אַ ווייטערדיקן וואָרט אַרויסגעשאַרט פונעם הויז. זי האָט מיט ציטערנדיקע הענט געעפנט דאָס צעטעלע און גענומען לייענען:

„טייערע עלטערן. ס'איז אַ גרויסער ווייטיק מיט אייך זיך צו צעשיידן. איך האָב זיך נישט געפּילט בכוח מיט אייך צו געזעגענען. איך האָב נישט

קיין אַנדערן אויסוועג. איך קען אויף זיך נישט נעמען דעם עול דורכצוגיין מיין גאַנץ לעבן מיט שקר. די רעגירונג האָט איצט דערלויבט די ייִדן פון פוילן אויסצווואַנדערן קיין ישׂראל. פאָר איך אַוועק צוזאַמען מיט אַלע ייִדן. זאָל אייך גאָט אָפּצאָלן פאַרן גוטן, וואָס איר האָט מיר געטאָן. זייט מיר מוחל פאַרן צער, וואָס איך פאַרשאַף אייך איצט. איר זענט מיינע אמתדיקע עלטערן. קיין אַנדערע האָב איך נישט געקענט. איך וועל אייך קיין מאָל נישט פאַרגעסן און אויפן גאַנצן לעבן וועל איך בלייבן אייער געטרייער זון — יענדרעק.״

שכנים

דאָס הייפּעלע יידן, וואָס האָבן דערלעבט די אויסגעבענקטע שעה פון באַפרייונג, איז געבליבן פאַראייננזאַמט און אָפּגעריסן פון אַן אייגענער סביבה, אין מיטן פון אַ פרעמדער וועלט פול מיט פאָראורטיילן און שנאה. אין דער דאָזיקער פרעמדקייט האָבן זיך איצט די פאַראייננזאַמטע יידן געזוכט איינער דעם צווייטן, און ווען עס האָט געטראָפן, אַז איינער האָט געפונען אַ צווייטן, האָט ער אים באַטראַכט מיט האַלב פאַרזשמורעטע אויגן און דערנאָך האָט ער ביי אים געפרעגט דעם נישט אָפּגעשמועסטן פּאַראָל:

— עמך?

דאַן האָט דער צווייטער גוט באַטראַכט דעם ערשטן, און ווען ער איז ביי זיך זיכער געווען, אַז ס'איז נישט קיין פּאַסטקע, האָט ער געענטפערט:

— יאָ, עמך.

— אויב אַזוי, טאָ שלום עליכם. פון וואַנען איז אַ ייד?

✱

פאַר דוד שאַפּיראָ, דעם אַמאָליקן דאָזאָר פון דער וואַרשעווער קהילה און זיין פרוי, מירל, האָט זיך דער טאָג פון באַפרייונג אָנגעהויבן פונקט אַזוי, ווי זיי האָבן זיך דאָס געהאַט אויסגעחלומט אין משך פון דער לאַנגער צייט, ווען זיי זיינען געזעסן באַהאַלטן אין דעם פינצטערן קעמערל. באַלד אין דער פרי, ווי נאָר זיי האָבן זיך אויפגעוועקט פון שלאָף, האָבן זיי דערהערט אַ שטאַרקן קלאַפּ אינעם הילצערנעם שענקל, וואָס האָט פאַרמאַסקירט די טיר צו זייער באַהעלטעניש. דאָס האָט זייער באַשיצערין, די פרוי קאַראַסעוויטש, אַ שטאַרק דענערווירטע, צו זיי געקלאַפּט. זי האָט אַריינגעשריגן:

— איר קענט אַרויסגיין. זיי זיינען שוין דאָ.

די שאַפּיראָס האָבן גלייך פאַרשטאַנען, ווער ס'זיינען די „זיי". זיבעצן וואָכן האָבן די שאַפּיראָס כסדר געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז

אָט באַלד וועלן זיי אַריינקומען, די רוסישע חיילות, און די שאַפּיראָס וועלן זיך שוין נישט דאַרפן שטיקן אין דעם דאָזיקן ענגן קעמערל, ווו ס׳פעלט לופט צום אָטעמען, ס׳איז נישטאָ ווו זיך אויסצודרייען, און איבער די אַלע צרות הענגט די שרעק, אַז אָט וועט זיי עמעצער אַנטדעקן.

דוד שאַפּיראָ האָט באַלד דערהערט דאָס רופן פון דער באַלעבאָסטע. מיט אימפּעט האָט ער אויפגעמאַכט די טיר און איז אַריין אין דער דירה פון זייער באַשיצערין. מירל איז אים נאָכגעגאַנגען. זיי זיינען געבליבן שטיין אין דער גרויסער שטוב פון דער פרוי קאַראַסעוויטשעס דירה, וועלכע זיי האָבן ביז איצט נאָך נישט געזען ביי דער שיין פון טאָג. דורך די ברייטע פענצטער האָט די פרימאָרגנדיקע זון אַריינגעקוקט און דוד האָט צוליב דער פּלוצעמדיקער ליכטיקייט לאַנג געפינטלט מיט די אויגן, ביז ער האָט זיך צוגעוווינט אַריינצוקוקן דעם טאָג אין פּנים אַריין. ער איז געשטאַנען אַן איינגעבויגענער, זיין מילך־ווייסער קאָפּ אַראָפּגעלאָזט צום דיל און די באַקן געדיכט באַוואַקסן מיט גרויע באָרד־הערלעך. מירל, אַן איינגעקאָרטשעטע, האָט אים געהאַלטן ביים אָרעם.

די פרוי קאַראַסעוויטש איז אין גאַנצן פאַרכאַפּט געוווען פון דעם, וואָס זי האָט נאָר וואָס געזען אין גאַס. נאָך במשך פון דער נאַכט האָט זי געהערט דאָס זשומען פון שווערע וועגענער, אָבער פאַר טאָג, ווען זי איז אַרויס צום ברונעם אָנשעפּן דאָס ביסל וואַסער, האָט זי דערזען די אָנגעקומענע רוסישע טאַנקען און האַרמאַטן, און סאָלדאַטן אָן אַ שיעור. אַ טייל שטייען אויף אַן אָרט און אַ טייל פאָרן אָדער גייען דורך, אין אַלע ריכטונגען גייען זיי. ס׳איז אַ שרעקלעכער טומל.

— איר זענט שוין איצט פריי — האָט זי ווייטער גערעדט אין איין אָטעם — איר דאַרפט זיך שוין מער נישט באַהאַלטן. און אויב שוין אַזוי, טאָ לאָמיר זיך צוזאַמען אַוועקזעצן צום טיש און עסן דעם ערשטן פרישטיק אויף דער פריי.

זי איז אַריין אין קיך, ווו ס׳האָט זיך געקאָכט דאָס וואַסער פאַרן ביסל שוואַרצע ציקאָריע, וואָס זיי פלעגן טרינקען יעדן אינדערפרי.

✶

דוד האָט זיך ראַזירט אַנטקעגן דעם גרויסן שפּיגל, וואָס איז געהאָנגען איבער דער קאָמאָדע. דאָס מעסער איז געווען שטומפּיק און האָט געריסן די

הויט פון זיין פנים. אים האָט עס אָבער נישט געאַרט. ער איז געווען פאַרטאָן אין אַנדערע געדאַנקען. ער האָט געוואָלט מיט די אייגענע אויגן זען דאָס פנים פון דער שטאָט, וואָס איז נאָר וואָס באַפרייט געוואָרן. ער האָט זיך אַ ביסל צוגעפוצט דעם צעקנייטשטן אַנצוג און איז אַרויס אין גאַס.

פראַגע, די גרויסע וואַרשעווער פאָרשטאָט אויפן רעכטן ברעג פונעם טייך ווייסל, איז איצט געלעגן אויף דער סאַמע ערשטער פראָנט־ליניע. די דייטשן, וואָס זיינען פון דאַנען נאָר וואָס אָפּגעטראָטן, האָבן זיך באַפעס־טיקט אויף נייע פּאָזיציעס אויף דער צווייטער זייט פונעם טייך. זיי זיינען דאָרט נישט געשטאַנען מיט קיין פאַרלייגטע הענט. ווען דוד האָט נאָר גענומען שטעלן זיינע ערשטע אומזיכערע טריט אין גאַס, האָט ער באַלד דערהערט דאָס ברומען פון זייערע האַרמאָטן און דאָס רעווען פון זייערע מינען־וואַרפערס. אין זיין צעשראָקענעם מוח האָט איצט אָנגעהויבן צו עגבערן אַ געדאַנק: אפשר קענען זיי נאָך צוריקקומען? ס׳האָט זיך שוין געטראָפן, אַז אַ פראָנט האָט זיך אַ רוק געטאָן אַהין און שפּעטער ווידער צוריק. אויב זיי זאָלן, חלילה, צוריקקומען, וואָס וועט געשען מיט אים און מיט מירלען?

אַזוי טראַכטנדיק, איז ער געקומען צום אויספיר, אַז פאַר אים איז נישט גוט צו בלייבן אָט דאָ, ווו ס׳געפינט זיך די ערשטע פראָנט־ליניע. ער דאַרף זיך לאָזן גיין אויף מזרח. דאָס ערשטע קיין אָטוואָצק, און אפשר נאָך ווייטער, קיין לובלין. וואָס ווייטער פון דאַנען, אַלץ בעסער פאַר אים.

דערווייל אָבער איז ער געגאַנגען איבער דער גאַס. דער שפּעט־סעפּ־טעמבערדיקער פרימאָרגן איז געווען אַ זוניקער און אַ קילער. די שאַרפע און טרוקענע לופט, פון וועלכער ער איז געווען אָפּגעזונדערט אין משך פון די פערצן חדשים, וואָס ער איז געזעסן באַהאַלטן ביי דער פרוי קאַראַסעוויטש, האָט געקיצלט זיינע לונגען און אים פאַרשיכורט. אין גאַס האָט מען זעלטן געזען אַ דורכגייער. אין פראַגע זיינען ווייניק מענטשן געבליבן. די דייטשן האָבן פון דאַנען פאַר זייער אָפּטרעטן אַרויסגעפירט כמעט אַלע מענער און אויך אַ סך פרויען. עס זיינען געבליבן בלויז אַלטע לייט, קינדער מיט זייערע מאַמעס און אַ טייל מענער, וואָס האָבן געהאַט שׂכל זיך אויסצובאַהאַלטן פאַר די דייטשע כאַפּערס.

ערשט ביים עק פון דער גאַס אָטוואָצקע, לעבן דעם גרויסן שול־בנין,

האָט זיך דוד אָנגעשטויסן אויף אַ גרעסערער באַוועגונג. אַמעריקאַנישע דזשיפּס און סטודערבעקער לאַסט־וועגענער זיינען אַריינגעפּאָרן אינעם הויף פון דער שול. אין די אָפענע אויטאָמאָבילן זיינען געזעסן אָפיצירן און סאָל־דאַטן אין פּוילישע אוניפאָרמען. זינט פינף יאָר האָט איצט דוד דאָס ערשטע מאָל ווידער דערזען דעם פּוילישן מיליטערישן אוניפאָרם. אַרום זיין האַרץ האָט זיך צעגאָסן אַ וואַרעמקייט און טרערן האָבן גענומען זיך אַראָפּקייקלען איבער זיינע באַקן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט.

אויפן רחבותדיקן סקווער לעבן דער קאַטעדראַלער קירך האָט זיך אָנגע־זאַמלט אַן עולם ציווילע מענטשן. דוד איז אַהין צוגעגאַנגען. די מענטשן האָבן אַרומגערינגלט אַ סאָוויעטישן זעלנער מיט אַ גאַנצער שורה מעדאַלן און אויסצייכענונגען אויף זיין ברוסט. אָבער ווי אויף צו להכעיס זיין שטרענג־מיליטערישן הולך האָט דער זעלנער געטראָגן אויפן קאָפּ אַ ציווילע „שליאַפּע״ אַנשטאָט דעם מיליטערישן פּירעקיקן היטל. מסתּמא איז ער געווען שיכּור. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַן אַקטיאָרישער פּאָזע אין מיטן פונעם געזעמל און האָט גענומען דרשענען מיט אַ הייזעריקער שטימע:

— ברידער, פּאָליאַקן. די אומבאַזיגבאַרע סאָוויעטישע אַרמיי איז גע־קומען אייך באַפרייען פון די הענט פון די דייטשע מערדערס. זאָל לעבן דאָס באַפרייטע פּוילן!

די פּאָליאַקן, וואָס האָבן די גאַנצע צייט מיט ביטול געקוקט אויפן סאָלדאַט, האָבן נאָך זיין פייערדיקן אויסרוף אויסגעבראָכן אין אַ הילכיקן געלעכטער. דוד האָט זיך אַרומגעקוקט מיט פאַרווונדערונג. ער האָט נישט פאַרשטאַנען פון וואָס מען לאַכט דאָ. ער האָט נאָך נישט געקענט די אויס־געדראָשענע פראַזן פון דער סאָוויעטישער פּראָפּאַגאַנדע און די עטלעכע ווערטער פונעם סאָלדאַט האָבן ביי אים גראָד געטראָפן אין פּינטל אַריין.

אַ פלאַם פון פרייד איז פּלוצעם אויפגעגאַנגען אין דודן. ס׳האָט זיך אים פאַרגלוסט צו לאַכן און צו וויינען, צו זינגען און צו שרייען. ער איז צוגע־שפּרונגען צום שיכּורן סאָלדאַט, אים אַרומגעכאַפּט און גענומען קושן. יענער איז שטיין געבליבן אַ צערודערטער, האָט געפינטלט מיט די אויגן און באַלד זיך אָפּגעטראָגן. אויך דוד האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט געטאָן אַ נאַריש־קייט. ער האָט זיך פאַרשעמט און איז אַנטלאָפן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, איבערלאָזנדיק דעם עולם פּאָלאַקן שטיין מיט אָפענע מיילער.

*

דער אינצידענט מיטן רוסישן סאָלדאַט האָט אָבער ביי דודן נישט אונ־טערדריקט זיין געהויבענע שטימונג. אַ האָפּערדיקער האָט ער איצט גע־שפּרייזט איבער דער גאַס און צו זיך אַליין גערעדט:

— דוד שאַפּיראָ, דו מעגסט אין דעם יאָ גלייבן, אָדער נישט. ס'איז אָבער אַ געשעענער פאַקט: דו האָסט דערלעבט דעם טאָג פון דיין באַפרייונג. דו לעבסט און דיינע פאַרטיליקערס זיינען שוין דאָ נישטאָ. זיי ווערן איצט געטריבן ווי די משוגענע הינט.

ער האָט דערפילט אַ באַדערפעניש צו עמעצן צו רעדן, צו טיילן זיך מיט די געפילן, וואָס צעשפּאַרן זיין האַרץ. ווען ער האָט אַריבערגעטרעטן די שוועל פונעם הויז, ווו ער האָט איצט געוווינט ביי דער פרוי קאַראַסעוויטש, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַן עלטערן מאַן, אַן איינגעבויגענעם און אָרעם געקליידעטן. האָט ער אָפּגעשטעלט דעם דאָזיקן מאַן און האָט צו אים געזאָגט מיט פּאַטאָס:

— יאָ, מיין הער, דער דייטש איז שוין נישטאָ, איצט וועלן קומען בעסערע צייטן.

יענער האָט אויף דודן געקוקט מיט האַלב פאַרזשמורעטע אויגן און מיט אַ ביטולדיקן שמייכל.

— פון וואַנען ווייסט דער פּאַן, אַז די נייע זיינען בעסער?

אָבער דוד האָט זיך נישט געלאָזט אַראָפּפירן פון זיין געדאַנק. ער האָט דעם פּאָליאַק אָנגענומען ביים קנעפּל פון זיין אָפּגעטראָגענעם רעקל און אים געפרעגט:

— וווינט דער פּאַן אין דעם דאָזיקן הויז?

— יאָ, אינעם דאָזיקן הויז. צוליב וואָס פרעגט איר? — זיין שטימע האָט איצט פאַררעטן אומרו און פאַרדאַכט. אינסטינקטיוו האָט ער גענומען זיך צוריקצוציִען.

אָבער דוד האָט עס נישט באַמערקט. אין דעם זעלבן געהויבענעם טאָן, וואָס פריִער, האָט ער איצט ווייטער גערעדט:

— אויב אַזוי, זענט איר דאָך אַ שותף צום ווערדיקן אַקט פון מענטש־לעכקייט, וואָס איז פאָרגעקומען אין אָט דעם הויז. דאָ האָבן זיך אָפּגע־

ראַטעוועט ייִדן — האָט ער פֿאַרענדיקט מיט אַזאַ טאָן, ווי מען זאָגט עמעצן אָן די סאַמע פּריידיקסטע בשורה.

דער אַלטער האָט אָבער נישט געוויזן קיין שום צייכן פון פרייד. פֿאַר־קערט, ער האָט זיך פון פֿאַרדראָס אַזש איינגעקאָרטשעט.

— ייִדן אין דעם דאָזיקן הויז? — האָט ער אויסגערופן מיט צאָרן און שרעק.

אַ צווייטער מאָן איז פֿאַרבייגעגאַנגען די גאַס און הערנדיק וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביים טויער.

— וואָס איז?

— ער איז אַ זשיד — האָט דער עלטערער פּאָליאַק געוויזן אויף דוֹדן — געווען באַהאַלטן אינעם דאָזיקן הויז.

ביי דודן איז פּלוצעם פֿאַרשוווּנדן געוואָרן די יומטובדיקייט. ער האָט זיך דערפֿילט אומהיימלעך צווישן די צוויי פרעמדע מענטשן. ער איז אַריבער־געשפּרונגען די שוועל און אַוועק אין גאַס. ערשט מיט אַ שעה שפּעטער האָט ער זיך אומגעקערט און פֿאָרזיכטיק אַריינגעשלייכט זיך אין דער פרוי קאַראַסעוויטשעס דירה. ער האָט דאָרט געטראָפֿןביידע פרויען זיצן מיט פֿאַרזאָרגטע פּנימער. מירל האָט אים געפרעגט:

— דוד, האָסטו עמעצן דערציילט וועגן ייִדן, וואָס האָבן זיך דאָ אויס־באַהאַלטן?

דוד איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ ווי אַ פֿאַרשולדיקט חדר־ייִנגל. יאָ, ער האָט דערציילט.

מירל האָט פֿאַרביסן די ליפּן און די פרוי קאַראַסעוויטש, וואָס איר שטימע איז אַלע מאָל געווען אַ געלאַסענע און מילדע, האָט זיך איצט אָנגערופֿן מיט פֿאָרוווּרף און טרויער:

— הער שאַפּיראָ, איר האָט געטאָן אַ זייער שלעכטע זאַך.

*

יענעם נאָכמיטאָג איז די פרוי קאַראַסעוויטש צוריקגעקומען אין שטוב מיטן קענדל וואַסער. זי איז געווען שטאַרק פֿאַרזאָרגט און האָט דערציילט, אַז די שכנים, וועלכע זי האָט געטראָפֿן ביים ברונעם, האָבן איר געוויזן אָנגעברוגזטע פּנימער. קיינער האָט נישט געענטפֿערט אויף איר „גוטן טאָג״

און בעת זי האָט געהאַלטן ביים אַוועקגיין, האָבן אַלע זיך גענומען סודען און האָבן איר נאָכגעקוקט מיט פּיינטלעכע בליקן. מירל האָט זיך גענומען שרעקן, אַז עפּעס שלעכטס קען געשען מיט דודן. זי האָט באַשלאָסן אין משך פון אַ לענגערער צייט דודן נישט אַרויסצולאָזן פון שטוב.

נאָר ווי לאַנג האָט דוד געקענט זיצן אין שטוב אַ פאַרשפּאַרטער? דאָס ביסל געלט, וואָס זיי האָבן נאָך געהאַט, איז אויסגעגאַנגען, און אויב ער וועט נישט אַרויסגיין און זוכן חיונה, דראָט זיי אַלע דריי הונגער. איז דוד אין איינעם אַ פרימאָרגן אַרויסגעגאַנגען פון שטוב. ווען ער איז אַראָפּ פון די טרעפּ און האָט געהאַלטן ביים דורכגיין דעם לאַנגן פאָרהויז, האָט זיין אויג אויפגעכאַפּט אַן אויפשריפט, וואָס האָט זיך מיט אירע גרויס־שוואַרצע אותיות אָפּגעטיילט פון דער ווייס־געקאַלכטער וואַנט: ער האָט זיך אָפּגע־שטעלט און געלייענט: „אַ טויט די יידן, וואָס באַהאַלטן זיך אויס אינעם דאָזיקן הויז״.

אַ שוידער איז דורכגעגאַנגען זיין קערפּער. ער איז מיט גיכע טריט אַרויס אין גאַס. אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך געשלעפּט איבער די פּראַגער גאַסן, זוכנדיק אַ קאָנטאַקט מיט אַנדערע געראַטעוועטע יידן. דאָס באַוועגן זיך אין די גאַסן איז איצט געווען פול מיט סכּנות. די דייטשע אַרטילעריע האָט פון יענער זייט ווייסל אויף קיין איין רגע נישט אָפּגעשטעלט די שיסעריי. ערשט שפּעט נאָך מיטאָג איז דודן געלונגען צו דערשלאָגן זיך צו אַ גרופּע יידן. ער האָט באַקומען צוויי שוואַרצע ברויטן און דערמיט האָט ער זיך געלאָזט אַהיימגיין.

דער שפּעטהאַרבסטיקער אָוונט האָט שוין געהאַלטן ביים צופאַלן, ווען דוד האָט געזוכט זיין וועג אַהיים. אַרום אים האָבן זיך געהערט שווערע אויפ־רייסן פון אַרטילעריע־שאָסן און איבער זיין קאָפּ זיינען מיט יאָמערדיקער געפייפעריי געפלויגן קוילן פון מאַשין־געווער און אויטאָמאַטישע ביקסן. ביים עק פון דער סטאַלאָווע גאַס האָט דוד זיך פאַרקערעוועט צו דער באַן־ראַמפּע. ער האָט גערעכנט, אַז גייענדיק לענג־אויס דער איצט אָפּגעשטאָרבענער באַן־ליניע, וועט ער זיך פאַרקירצן דעם וועג. אָבער ווי נאָר ער האָט געשטעלט אַ פוס אויף די באַן־רעלסן, האָט ער פּלוצעם דערהערט אַ קנאַל פון אַ נאָענטן שאָס און אַ קויל איז מיט פייף דורכגעפלויגן לעבן זיין לינקן אויער. אַן איבערראַשטער האָט דוד אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין דער ריכטונג פונעם

קנאַל. אין דער פינצטערניש האָט ער אָבער נישט געזען קיין שום זאַך. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד און פונקט אין דעם זעלבן מאָמענט האָט ער דערהערט אַ צווייטן קנאַל.

דוד איז אַ לענגערע צייט געבליבן ליגן אויף דער ערד. דערנאָך איז ער אויף אַלע פיר אַרויסגעקראָכן פון דער באַן־ליניע. אַהיים איז ער געקומען אַ באַגאָסענער מיט אַנגסטן און אַ ציטערנדיקער אויפן גאַנצן לייב. ער האָט דערציילט וואָס מיט אים האָט געטראָפן און דעמאָלט איז פאַר אַלע דריי געוואָרן קלאָר, אַז זיי מוזן באַלד פון דאַנען אַנטלויפן.

✶

צו מאָרגנס האָבן זיי איינגעפּאַקט די סאַמע נייטיקסטע זאַכן אין רוקזעק און זיינען אַרויס אויף דער גראָבאָוועער גאַס. איבער דער דאָזיקער אַרטעריע זענען איצט דורכגעגאַנגען קאָלאָנעס סאָוויעטישע לאַסטאויטאָס. מענטשן אויסגעשטעלט אין רייען, האָבן דאָ געוואַרט אויף אַ מעגלעכקייט אַרויס־צופאָרן פון פּראַגע. אַ טייל פון די דאָזיקע מענטשן האָבן געוואָלט אַנטלויפן פון דער פראָנט־ליניע, אַנדערע זיינען געפאָרן מיט שמוגל, וואָס איז דער עיקר באַשטאַנען פון אַנגערויבטע שטובזאַכן. אין די דערפער אין דער געגנט פון לובלין וועלן זיי די דאָזיקע זאַכן אויסבייטן אויף שפייזן און די שפּייז־אַרטיקלען וועלן זיי שפּעטער צוריקפירן קיין פּראַגע און פאַרקויפן פאַר הויכע פּרייזן.

אַלע אויסגעשטעלטע פּאַסאַזשירן האָבן געהאַלטן אין די הענט פלעשער וואָדקע. מיט די דאָזיקע פלעשער האָבן זיי געפּאַכעט צו די שאָפערן פון די רוסישע לאַסטאויטאָס. פון צייט צו צייט פלעגט זיך טאַקע אָפּשטעלן אַ וואָגן. רוסישע סאָלדאַטן האָבן אַרויפגעלאָזט מענטשן אויפן אויטאָ, צוגענומען ביי זיי די פלעשער און זיינען געפאָרן ווייטער.

דוד האָט נישט געהאַט קיין בראָנפן. ער איז אַ פאַרלוירענער געשטאַנען ביי דער זייט פונעם וועג און לעבן אים די צוויי עלטערע פרויען מיט די פּעק אָנגעבונדענע אויף די פּלייצעס. ס׳איז דורכגעלאָפן אַ שעה און אַ צווייטע. דוד האָט פאַרשטאַנען, אַז אָן דעם בראָנפן וועט אים קיין רוסישער סאָלדאַט נישט אַרויפלאָזן אויפן אויטאָ. האָט ער געזאָגט צו די פרויען:

— לאָמיר גיין צופוס, אַזוי ווייט ווי די פיס וועלן אונדז טראָגן. בעסער ווי דאָ צו בלייבן.

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין מיטן וועג קיין אָטוואָצק. אָפּגעגאַנגען אַ ביסל זיינען זיי שטיין געבליבן פאַרמאַטערטע. דוד האָט מיט אַ טיכל געווישט דעם שווייס פון זיין פנים. ווי זיי זענען אַזוי געשטאַנען, האָט פּלוצעם אָנגעיאָגט אַ מיליטערישער דזשיפּ. ביים שאָפערערדל איז געזעסן אַ פּוילישער אָפיציר. ער האָט דעם אויטאָמאָביל אָפּגעשטעלט גלייך לעבן דודס פיס. פון אונטערן ברייטן אָפיצירישן היטל האָבן אויף דודן געקוקט צוויי טיף־יידישע אויגן.

— עמך ? — האָט דער אָפיציר געפרעגט.

דוד האָט געשאָקלט אויף יאָ. דער אָפיציר האָט געעפנט דאָס טירל פונעם אויטאָמאָביל.

דער גרענעצפונקט

אויף די גרענעצפונקטן אין די בערג פון קאַרפּאַטן און סודעטן זיינען יעדן טאָג הונדערטער ייִדן אַריבערגעגאַנגען פון פוילן קיין טשעכאָסלאָװאַקיע. זיי זיינען געגאַנגען אויף פאַרשידענע אופנים. אַ טייל האָבן געמוזט זיך גנבענען אונטערן צודעק פון דער נאַכט, אַנדערע האָבן געקענט אַריבערגיין ביי טאָג, בעת די פּוילישע גרענעצװאַך האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי זעט נישט די אַריבערגייערס. דער אופן, ווי אַזוי מען איז אַריבערגעגאַנגען, איז אָפּהענגיק געווען פונעם גרענעצפונקט, אויף וועלכן מען האָט אָנגעטראָפן און פונעם קאָמענדאַנט פון דער וואַך, וואָס האָט דאָרט געהיטן דעם אַריבערגאַנג. פון דער צענטראַלער מאַכט אין וואַרשע איז געגעבן געװאָרן אַ ווונק, אַז מען זאָל ייִדן נישט שטערן ביים אַריבערגיין, ס׳האָט זיך אָבער נאָך גענייטיקט אַ גוטער ווילן פון די גרענעץ־באַוואַכערס, כדי דאָס דאָזיקע אַריבערגיין זאָל פאַרלייכטערט ווערן פאַרן ייִדישן וואַנדערער.

אויפן גרענעצפונקט אין קודאָווע, וואָס איז טיף איינגענורעט אין די שנייען פון די הויכע סודעטן, האָט במשך פון אַ געוויסער צייט דאָס אַריבערגיין געהאַט אַ האַלב־לעגאַלן כאַראַקטער. אין דער דערנעבנדיקער שטאָט קלאַדזקע האָט זיך געהאַט באַזעצט אַ גרופּע פון דער בריחה (אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געהאָלפן ייִדן ביי דער אויסוואַנדערונג), וועמענס אָנפירער איז געווען משה ראַפּ, אַ יונגער־מאַן פון אַ שטעטל אין גאַליציע, אַ גרויסער אויפטוער. דער קאָמענדאַנט האָט אים געגעבן אַ צוזאָג, אַז יעדן טאָג וועט ער דורכלאָזן אַ גרעסערע צאָל ייִדן אונטער איין באַדינג: משה מוז אים גאַראַנטירן, אַז זיינע אַריבערגייערס זיינען אַלע ייִדן, געבוירענע אין פוילן — נישט קיין פאָליאַקן, נישט קיין דייטשן און נישט קיין סאָוויעטישע בירגער.

האָט משה גאַראַנטירט און יעדן טאָג זיינען קיין קלאַדזקע געקומען ייִדן פון גאַנץ פוילן. צו מאָרגנס פאַר טאָג פלעגט זיי משה מיט זיינע חברים פאַרלאָדן אויף לאַסטאויטאָס, צופירן קיין קודאָווע, אַריבערוואַרפן דורכן

גרענעץ־שלאַבאַן און איבערגעבן אין די הענט פון אַנדערע בריחה־יונגעלייט אויף דער טשעכאָסלאָוואַקישער זייט. יענע האָבן די וואַנדערערס ווייטער טראַנספּאָרטירט אין די לאַגערן פון דייטשלאַנד און עסטרייך.

ביים האַלבן טאָג איז שוין משהס גרופּע געווען צוריק אין דער קוואַרטיר, אינעם גרויסן און אָפּגעלאָזענעם הויז אויף אַ זייטיקער גאַס פון קלאַדזקע. דאָרט האָבן געוואַרט די ניי־אָנגעקומענע. מען האָט זיך מיט זיי געדאַרפט דורכשמועסן, כדי צו דערגיין ווער זיי זיינען און פון וואַנען מען האָט זיי געשיקט. ביז מען האָט זיי פונאַנדערגעשיקט אויף די ערטער, ווו זיי האָבן געדאַרפט נעכטיקן, איז שוין דער קורצער ווינטערטאָג אַוועק און משה מיט זיינע חברים האָבן זיך געזעצט אַרום דעם לאַנגן, פון ברעטער צוזאַמענגעקלאַפּטן טיש, צו דער וועטשערע.

אין איינעם אַן אָוונט, בעת ס'האָט זיך אין דרויסן געטראָגן אַ פּראָסטיקע שניי־זאַווערוכע, זיינען די חברים געזעסן ביים טיש, געגעסן ברויט מיט הערינג און פאַרטרונקען מיט הייסער געצוקערטער טיי. דער אייזערנער אויוון איז געווען צעפלאַמט, ער האָט אָבער קוים אָנגעוואַרעמט אַ העלפט פון דער גרויסער און האַלב ליידיקער שטוב. ס'האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. מען האָט געעפנט און ס'האָבן זיך אַריינגערוקט צוויי אָנגעפּעלצטע פרויען־געשטאַלטן מיט שווערע קלומיקעס אין די הענט.

פון פאָרנט איז געשטאַנען אַ פעסט־געבויטע פרוי. זי האָט אַראָפּגעשאַרט דאָס וואַרעמע טיכל פונעם קאָפּ און געשמייכלט מיט איר ברייט פאַררויטלטן פנים. אַ טראָט הינטער איר איז געשטאַנען אַ פרויען־געשטאַלט, קליין און אויסגעדאַרט, מיט אַ פּאָר דיקע, שוואַרץ־געראַמטע ברילן אויף די אויגן. זיי זיינען ביידע געווען שוין באַיאָרטע, מסתמא אין די הויכע פופציקער.

די העכערע פרוי האָט גערעדט פאַר ביידע. זי האָט דערציילט, אַז אָט איצט זיינען זיי אָנגעקומען מיט דער באַן פון קראָקע, געשלעפּט זיך צוויי טעג און נעכט אין אַ מוראדיקער ענגשאַפט. נישט קיין ווונדער, אַז איצט פאַלן זיי ממש פון די פיס.

משה ראַפּ, וואָס איז צוזאַמען מיט די אַנדערע חברים געזעסן אויף אַ לאַנגער באַנק, מיטן רוקן צו דער טיר, האָט זיך אויסגעדרייט און באַטראַכט די ווייבער. ער האָט אַ פרעג געטאָן:

— פון וואַנען זענט איר און ווער האָט אייך געשיקט?

די פרוי האָט אָנגערופן אַ שטאָט אין מזרח־גאַליציע, וואָס איז איצט באַזעצט דורך די רוסן און האָט גענומען ברייטלעך דערציילן, ווי מען האָט זיי ביידע מיט עטלעכע וואָכן צוריק רעפּאַטריִירט פון דאָרט קיין פּוילן.

— אין קראָקע — האָט זי דערציילט — האָב איך דורכן ייִדישן קאָמיטעט באַמיט זיך צו געפינען מיין טאָכטער, וואָס איך האָף, אַז זי לעבט ערגעץ, ווייל זי איז געווען אויף אַרישע פּאַפּירן. אָבער אין קאָמיטעט האָט מען מיר געזאָגט, אַז איר נאָמען איז נישט פאַררעגיסטרירט אין קיין שום קאָמיטעט אין פּוילן. טראַכט איך, אַז זי מוז זיין ערגעץ ווו אין אויסלאַנד. ווילן מיר אַרויספאָרן.

— יאָ, אָבער ווער האָט אייך געגעבן דעם אַדרעס צו אונדז?

— אָ, דאָס וויל איך טאַקע זאָגן. גדעון פון קראָקע, און ווי אַ סימן האָט ער געהייסן זאָגן, אַז די קינדער פון ישׂראל וועלן דורך אַלע וועגן גיין אין זייער לאַנד אַריין.

דערהערט דעם דאָזיקן סימן האָט זיך משה אויפגעריסן פון דער באַנק און איז צוגעגאַנגען צו די ווייבער.

— ווער זענט איר? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

— איך בין מרים העלער — האָט ווידער געענטפערט די העכערע — און זי איז רחלע קוטנער.

— קוטנער — האָט זיך משה פאַרטראַכט — יאָ, דוד קוטנער איז דאָך פון אייער שטאָט. ער האָט זיך געראַטעוועט. איך האָב פון אים געהאַט אַ גרוס.

— ס׳איז אמת — האָט יענע צוגעשאָקלט, — אַז ער האָט זיך געראַטע־וועט פון די דייטשן, אָבער לעבן לעבט ער נישט.

— וואָס הייסט ער לעבט נישט? ער לעבט, איך האָב פון אים געהאַט אַ גרוס.

— אוי, נאַריש קינד. וואָס שפּאַרט איר זיך מיט מיר. איך בין דאָך זיין שוויגער און אויב דאָס איז אייך ווייניק, איז אָט די פרוי זיין מאַמע. ער לעבט נישט. רוסישע סאָלדאַטן האָבן אים באַרויבט און געהרגעט.

אויף משהן האָט די דאָזיקע ידיעה געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. ער האָט זיך שוין מער נישט געשפּאַרט מיט מרימען. ער האָט בלויז פאַרבעטן ביידע פרויען צום טיש. געהייסן זיי אַראָפּוואַרפן די שווערע מאַנטלען און אַליין

זיי אָנגעגאָסן טעפּלעך הייסע טיי. בעת אַלע האָבן זיך געהאַט צוריקגעזעצט צום עסן, האָט ער זיך אָנגערופן:

— מיר האַלטן זיך דאָ אין אַ פּרינציפּ, אַז די מענטשן, וואָס מיר פירן אַדורך איבער דער גרענעץ, לאָזן מיר נישט נעכטיקן אין דעם דאָזיקן הויז. מיר האָבן פאַר זיי צוגעגרייט ערטער אין פאַרשידענע האָטעלן און גאַסט־הייזער אין שטאָט. דאָס טוען מיר צוליב זיכערקייט. איר ווייסט דאָך: אונדזער אַרבעט איז פאַרבונדן מיט אַ סך געפאַר. אמת, איצט האָבן מיר גוטע באַ־ציִונגען מיט דער גרענעצוואַך, אָבער ווער ווייסט, וואָס ס׳קען טרעפן מאָרגן? ווערן דאָך יעדן טאָג אין פאַרשידענע פּונקטן פון פּוילן אַרעסטירט און פאַרשיקט קיין סיביר מיטגלידער פון דער בריחה. ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז בעסער נישט צו האָבן קיין סך מענטשן אָנגעזאַמלט אויף איין אָרט. נאָר פון דעסטוועגן וועלן מיר מיט אייך — האָט ער זיך געווענדט צו די צוויי פרויען — מאַכן אַן אויסנאַם. מיר וועלן אייך איצט שוין נישט לאָזן שלעפּן זיך צוריק אין שטאָט אַריין. חברים וועלן אָנהייצן דעם אויוון אין דער צווייטער שטוב און מען וועט פאַר אייך דאָרט אויסבעטן געלעגערס.

✶

צו מאָרגנס האָט דער בריחה־פּונקט אין קלאַדזקע באַקומען אַן אַנדער אויסזען. ווען די חברים האָבן מיטאָגצייט זיך אומגעקערט פון זייער רייזע, האָבן זיי די שטוב געפונען ציכטיק אויפגערוימט. דער גרויסער טיש האָט זיך נישט געגעלט מיט דער נאַקעטקייט פון די ברעטער, פון וועלכע ער איז געווען צונויפגעקלאַפּט. ער איז געווען פאַרדעקט מיט אַ ווייסן געוואַנט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ טישטעך. פון דער קיך האָט זיך געטראָגן אַ היי־מישער ריח פון אַ געשמאַקן געקעכץ. די חברים האָבן זיך דערפילט יום־טובדיק דערהויבן, פּונקט ווי מענטשן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט אַהיים נאָך אַ לאַנגער צייט פון נע־ונדקייט.

ביים עסן האָט משה ראַפּ שטאַרק געלויבט די צוויי פרויען פאַרן איבער־נעמען די ווירטשאַפט און גלייך אויפן אָרט האָט ער זיי פאַרגעשלאָגן, אַז זיי זאָלן איצט נישט אַוועקפאָרן. משהס גרופּע דאַרף דאָ פאַרבלייבן נאָך איין חודש. דערנאָך, אויב דער גרענעצפּונקט וועט נאָך אַרבעטן, וועט אַהער קומען אַ נייע גרופּע און משה מיט זיינע חברים וועלן אַוועק קיין דייטשלאַנד.

מיינט משה, אַז אויך פֿאַר מרימען און רחלען וועט זיין בעסער צו פֿאַרבלייבן דאָ במשך פונעם מאָנאַט און דערנאָך אַריבערגיין קיין דייטשלאַנד צוזאַמען מיט אים.

דער שמועס האָט זיך ווידער געדרייט אַרום דוד קוטנערן. משה האָט אים גוט געקענט. פֿאַר דער מלחמה פֿלעגן זיי זיך טרעפֿן אויף צוזאַמענפֿאָרן פֿון דער אָרגאַניזאַציע.

— אָ, וואָס פֿאַראַ גאָט־געבענטשטער רעדנער איז ער געווען — האָט זיך משה צעוואָרעמט — די צענטראַלע פֿלעגט אים אַרויסשיקן מיט רעפֿעראַטן נישט בלויז איבער גאַליציע, נאָר איבער גאַנץ פּוילן.

רחל קוטנער, וואָס ביז איצט האָט זי כּמעט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, האָט איצט גענומען דערציילן מיט אַ געבראָכענער שטימע:

— און וואָס פֿאַראַ מענטש און וואָס פֿאַראַ זון און מאַן! אונדז ביידע האָט זי געוויזן אויף מרימען — האָט ער געראַטעוועט פֿון אומקום. ער האָט פֿאַר אונדז באַזאָרגט אַ באַהעלטעניש ביי אַ קריסטלעכן פֿריינד און אַליין האָט ער נישט איין מאָל איינגעשטעלט זיין אייגן לעבן, כּדי אונדז צו ברענגען שפּייז. און ווען די דייטשן זיינען אַוועק פֿון דער שטאָט האָט ער זיך גענומען צו געשעפֿטן. ער האָט זיי געפֿירט אויף אַ ברייטן שטייגער. ער האָט געזאָגט, אַז איצט מוז ער רייך ווערן. האָב איך זיך ביי אים געבעטן: דודזיע, לאָז אָפּ די געשעפֿטן. לאָמיר בעסער אַנטלויפֿן ווו די אויגן טראָגן. האָט ער געענטפֿערט: אַוודאי וועלן מיר אַנטלויפֿן, אָבער ווי אַזוי קען מען לויפֿן מיט ליידיקע הענט? איז ער שוין אַנטלאָפֿן — האָט זי שטיל געהעשעט — איין מאָל איז ער מיט סאָוויעטישע סאָלדאַטן אַרויסגעפֿאָרן אויף לאַסט־מאַשינען ברענגען סחורה. זיי האָבן אים פֿאַרנאַרט, געפֿירט אים ביי נאַכט דורך די בערג קיין אונגאַרן. ער איז מער נישט צוריקגעקומען.

ס׳איז געווען אַ גרויס רחמנות אויף דודס צעבראָכענער מאַמען. אָבער ביי משהן האָט זיך דאָס רחמנות צוזאַמענגעמישט מיט אַ געפֿיל פֿון פֿאַרוווּנדערונג. ווי מענטשן האָבן זיך געביטן ביי יענע משונהדיקע באַדינגונגען — האָט ער געטראַכט — אַזאַ דוד קוטנער, אַן אידעאַליסט און אַ בעל־חלומות, וואָס געדאַכט האָט זיך, אַז ער פֿאַרשטייט נישט קיין זאַך פֿון פּראַקטישע ענינים. און אָט איז ער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געלטזוכער, אַ נאָכלויפֿער פֿון פֿאַרמעגנס. און אַזוי נאַריש האָט ער פֿאַרשפּילט דאָס לעבן.

*

די יאָרן, וואָס מרים און רחל האָבן צוזאַמען פאַרברענגט אין אַ בשותּ־פּותדיקן געראַנגל פאַרן לעבן, האָבן ביי זיי אויסגעשמידט נאָענטקייט פון צוויי שוועסטערס. אויך דער ציל אין לעבן איז ביי זיי געווען דער זעלבער: צו דערלעבן די שעה, ווען זייערע קינדער דוד און אַניע וועלן זיך צוריק־געפינען און ווידער פאַראייניקן. זיי האָבן זיך קעגנזייטיק זייער גוט פאַר־שטאַנען, כאָטש זיי זיינען געווען פרויען פון פאַרשידענע מדרגות: רחל, אַ האַלב געבילדעטע און קלוגע, און מרים, אַ פּראָסטע יידענע, וואָס חוץ הויזאַרבעט האָט זי נישט געוווסט פון קיין שום זאַך. האָט טאַקע רחל אַלע מאָל געגעבן די איניציאַטיוו און מרים האָט זי געפאָלגט ווי אַ גוט קינד.

אָבער זינט דעם טראַגישן טויט פון דודן האָט רחל זיך אין גאַנצן געענ־דערט. זי איז געוואָרן אַ שווייגערין און צו מאָל האָט זי געמאַכט דעם איינ־דרוק, אַז זי האָט פאַרלוירן דעם אינטערעס פאַרן לעבן. מרים האָט אויף איר שטאַרק רחמנות באַקומען. זי האָט געפילט איר האַרץ, ווייל דער צער צוליב דודס אומקום איז אויך ביי איר געווען זייער גרויס. מרים האָט רחלען געניאַנטשעט ווי אַן אייגן קינד. זי האָט געזאָרגט פאַר אַלעמען, זי האָט איר צוגעברענגט, וואָס זי האָט נאָר געקאָנט און אויף איר שטייגער האָט זי אַפילו זיך באַמיט רחלען פריילעך צו מאַכן, כדי זי זאָל אַ ביסל פאַרגעסן אין די צרות.

ביי דעם אַלעמען האָט מרים געטראָגן אין האַרצן נאָך איר אייגענע זאָרג: איר טאָכטער אַניע. ס'איז נישט בלויז געווען די פראַגע, צי זי האָט זיך געראַטעוועט פון טויט. מרים האָט נישט פאַרגעסן יענע געשעענישן, וואָס זיינען פאַרגעקומען אין די טעג פון די גרויסע אַקציעס אין געטאָ, דעמאָלט ווען אַניע איז אַוועקגעפאָרן און איבערגעלאָזט דודן ער זאָל אַכטונג געבן אויף די צוויי מאַמעס.

ס'איז געווען אַזוי: אַניע האָט געהאַט אַ גוטן „אַרישן אויסזען", דאָס הייסט, לויט אירע האָר, אויגן, נאָז און פּנים איז זי געווען אַ פאַלבע שיקסע. איז נישט געווען קיין ספק אין דעם, אַז זי דאַרף זיך ראַטעווען אויף דער אַרישער זייט. דוד האָט מיט איר נישט געקענט מיטגיין. ער, אַ צאַרטער בחור, מיט שוואַרצע געקרייזלטע האָר און טיפע שוואַרצע אויגן פון אַ ישיבה־

בחור, וואָלט דאָרט קיין איין טריט נישט געקענט שטעלן. האָט זיך אָבער אונטערגערוקט איינער מענקעס, אַ יונגער בחור און אַ פּליט פון לעבן קראָקע, וואָס האָט זיך באַזעצט ביי זיי אין שטאָט נאָךביים אָנהייב פון דער מלחמה. יענער איז געווען אַ יונג, אַ פייער, און האָט אויך זיך געוואָלט ראַטעווען. איז ער געפאָרן מיט אַניען. וווהין? ס'האָט געהייסן קיין וואַרשע, נאָר ווער ווייסט ביז וואַנען זיי זיינען דערפאָרן, אַז קיין שום ידיעה איז פון זיי מער נישט אָנגעקומען.

מרים האָט חושד געווען, אַז צווישן אַניען און מענקעסן איז געווען עפּעס אַ נענטערע באַציִונג נאָך אין דער צייט, ווען זי איז געווען אין דער היים. איר איז נישט געווען צום האַרצן, אַז דער יונג איז מיט דודן געוואָרן צו פיל פריינד. דוד האָט אָבער אויף דעם אַלעמען נישט רעאַגירט. אָדער ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אָדער זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק. האָט זי, אַניעס מוטער, נישט געקענט אים עפענען די אויגן, איז זי מיט איר זאָרג געבליבן אַליין און האָט זיך פאַר קיינעם נישט פאַרטרויט.

זינט זיי זיינען געקומען אינעם קלאַדזקער בריחה־פּונקט, האָט רחל אָנגעהויבן צו זיך צו קומען. אייגנטלעך איז עס געווען איר געדאַנק, אַז מען זאָל איבערנעמען די ווירטשאַפט פונעם הויז. מרים האָט זיך צוגעכאַפּט צום דאָזיקן געדאַנק מיט אַזאַ אייפער, אַז אין משך פון געציילטע טעג איז דאָס קאַלטע און אָפּגעלאָזענע הויז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואַרעמער יידישער היים. משה ראַפּ און זיינע חברים זיינען שטאַרק גערירט געווען פון די אויפטוען פון די צוויי מאַמעס. זיי האָבן געזאָגט, אַז ווי לאַנג עס קומט זיי אויס אַזוי צו וואַגלען, וועלן זיי זיך נישט שיידן פון מרימען און רחלען.

✶

מרים און רחל זיינען צוזאַמען מיט משהס גרופּע אַריבער קיין דייטש־לאַנד. דאָרט האָבן זיי אָנגעפירט מיט אַ גרויסער לאַגערקיך. זיי האָבן זיך באַקענט מיט אַ סך מענטשן און צווישן זיי — מיט איינעם אַ יונגער־מאַן, וואָס פלעגט כסדר פאָרן איבער דער גרענעץ קיין פראַנקרייך. איין מאָל איז ער צוריקגעקומען פון אַזאַ רייזע און האָט זיך באַלד געוויזן ביי מרימען אין דער לאַגערקיך. ער האָט איר געזאָגט:

— איך האָב זיך געזעגט מיט אייער טאָכטער. דורך אַ צופאַל זיך מיט איר צוזאַמענגעטראָפן. זי וווינט אין פּאַריז.

ביי מרימען האָט דאָס בלוט אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין. זי איז געבליבן אָן לשון. האָט יענער זיך באַטראַכט, אַז ער איז מיט זיין ידיעה אַרויסגעקומען צו איילעוודיק; ער האָט זי פריִער געדאַרפט אַ ביסל צוגרייטן. האָט ער גענומען מרימען באַרויִקן, אָבער דערווייל האָט ער זיך אַליין פאַרלוירן.

— שאַ, שאַ, זאָרגט נישט. זי איז געזונט און האָט זיך שטאַרק געפרייט מיטן גרוס, וואָס איך האָב איר איבערגעגעבן פון אייך. זי האָט מיר טאַקע מיטגעגעבן אַ בריוול. אָט איז עס.

מרים האָט געלייענט דעם בריוו. ס'איז דאָרט געשטאַנען, אַז זי און איר מאַן, מענקעס, זיינען געזונט און ביי זיי איז מיט זעקס חדשים צוריק געבוירן געוואָרן אַ מיידעלע, זייער ערשט קינד. אין פּאַריז וווינען זיי, ווי אַלע פּליטים, אויף דערווייל און זיי קלייבן זיך צו עמיגרירן ערגעץ ווו אין די ווייטע לענדער אַזוי גיך, ווי זיי וועלן באַקומען די פּאַפּירן. וויל זי, אַניע, אַז די מאַמע זאָל צו איר אַריבערקומען און טאַקע אויף שטענדיק בלייבן צוזאַמען מיט זיי.

ביי מרימען האָבן הענט און פיס געציטערט בעת זי האָט דעם בריוו געלייענט. רחל האָט זיך דערנענטערט מיט אַ שמייכל. זי האָט איר פריינדין געוואָלט אָפּגעבן אַ מזל־טוב צוליב דער גוטער בשורה. אָבער מרים האָט אויפן קול זיך פונאַנדערגעוויינט. זי האָט רחלען צוגעוואָרפן דעם בריוו און אַליין איז זי אַנטלאָפן. ס'האָט גענומען עטלעכע טעג ביז מרים האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט. דעמאָלט האָט רחל באַשלאָסן מיט איר צו רעדן.

— ס'איז טאַקע אַ גאַנץ קלוגער געדאַנק — האָט זי געזאָגט — אַז איר, מרים, זאָלט גיין וווינען מיט אייער טאָכטער. ס'איז נישט גוט צו בלייבן איינזאַם אויף דער עלטער.

מרים האָט זי אָנגעקוקט מיט עפּעס אַ מאָדנעם בליק און אַנשטאָט צו ענטפערן האָט זי זיך אָנגערופן:

— איצט, רחל, קענט איר שוין פאַרשטיין צוליב וואָס דוד האָט געוואָלט האָבן אַ סך געלט. ער האָט געמיינט, אַז מיט געלט און פאַרמעגן וועט ער באַווייזן זי צו האַלטן לעבן זיך.

האָט רחל אַ טיפֿן זיפֿץ געטאָן און איז אַנטשוויגן געוואָרן. מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז מרים ווידער אַרויס מיט אַ פֿראַגע.

— הערט נאָר, רחל, ווי אַזוי איז עס מעגלעך? אַז דאָס קינד איז אַלט זעקס חדשים און נישט מער ווי צען חדשים זיינען אַריבער זינט דוד איז אומגעקומען, טאָ זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס איז דאָס? און אפשר ווייסט זי אַפֿילו נישט, אַז דוד לעבט נישט? האָ?

זי האָט איבערגעהאַקט און רחל האָט נישט געענטפֿערט. מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער איז דער יונגער־מאַן ווידער געפֿאָרן קיין פּאַריז. האָט אים מרים מיטגעגעבן אַ קורצן בריוו צו דער טאָכטער:

„טייערע אַניע. מיך האָט שטאַרק דערפֿרייט די בשורה, אַז דו לעבסט און ביסט געזונט. דו ביסט דאָך מיין קינד און איך דיין מאַמע, און ווי אַ מאַמע מוז איך דיר מוחל זיין אַפֿילו דאָס, אַז דו האָסט מיך אַזוי שטאַרק פֿאַרשעמט פֿאַר מענטשן. איך וויל זייער שטאַרק דיך זען נאָך איין מאָל איידער דו פֿאָרסט אַוועק אַהין, אין די ווייטע לענדער. אָבער אַריבערפֿאָרן צו דיר, כּדי מיט דיר צו פֿאַרבלייבן אויף שטענדיק, וועל איך נישט. איך האָב באַשלאָסן פֿאַר די איבעריקע פֿאַר יאָר, וואָס איך וועל נאָך לעבן, צו בלייבן צוזאַמען מיט רחלן, זי דאַרף מיך און איך דאַרף זי. מיר וועלן זיך נישט צעשיידן. זיי געזונט — דיין מאַמע מרים״.

אין פּאַריז

אין דער ביוראָ פון דער אייראָפּעישער „דזשאָינט"־צענטראַלע, ווו רעניע האָט באַקומען אַ שטעלע פון אַ סעקרעטאַרין תיכף נאָך איר קומען פון וואַרשע קיין פּאַריז, האָט זיך כּסדר געטומלט ווי אין אַ בינשטאָק. מענטשן זיינען געקומען און געגאַנגען. יידן פון גאָר דער וועלט האָבן זיך דאָ געמאָלדן, גענומען פּאַפּירן און אינסטרוקציעס און זיינען געגאַנגען ווייטער. זיי זיינען געגאַנגען אין דעם תהום פון יידישע צרות, אין די לאַגערן פון דייטשלאַנד, עסטרייך און איטאַליע, צו די רעשטלעך פון די ישובים אין פּוילן, אונגאַרן און רומעניע, אין אַלע עקן פון חרובן אייראָפּע, כּדי צו ברענגען הילף דער שארית הפּליטה.

דאָרט, אין איר ביוראָ, האָט רעניע באַגעגנט בערנאַרדן. ס'איז געווען אַ לויטערער זומערדיקער פרימאָרגן. זי איז נאָר וואָס געקומען צו דער אַרבעט און קוים באַוויזן אַראָפּצונעמען דעם צודעק פון איר שרייבמאַשין, ווי די טיר האָט זיך געעפנט און ס'איז אַריינגעקומען אַ הויכוואוקסיקער יונגערמאַן, אַ באַברילטער און אָנגעטאָן אין אַ „אונרראַ"־אוניפאָרם. ער האָט אַ ביסל אומזיכער זיך אַרומגעקוקט און דערזעענדיק רעניען ביי איר שרייב־טיש, איז ער צו איר צוגעגאַנגען און האָט זי באַגריסט אויף ענגליש. באַלד האָט ער אָבער זיך געכאַפּט, אַז דאָס מיידל פאַרשטייט נישט קיין ענגליש. האָט ער זיך פאַרלוירן און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

זי איז אים געקומען צו הילף:

— אָבער יידיש קענט איר דאָך מסתּמא?

— שור — האָט ער זיך דערפרייט און האָט גענומען רעדן יידיש. יענעם יידיש, וואָס עס רעדן אַמעריקאַנער יונגע־לייט, וועלכע האָבן געהערט די שפּראַך ביי זייערע עלטערן אין שטוב, האָבן זיך אָבער קיין מאָל נישט געגעבן די מי, כּדי זיך די שפּראַך גרינטלעך אויסצולערנען.

ער איז, האָט ער דערציילט, דער ניי־באַשטימטער פאַרבינדונג־אָפיציר

צווישן מינכען און פּאַריז. ער קומט איצט אין זיין ערשטער שליחות און האָט פּאַרשידענע בריוו און באַריכטן, וואָס ער דאַרף איבערגעבן דעם דירעקטאָר. ער וועט אויך וואַרטן אויף תּשובה.

דעם זעלבן נאָכמיטאָג איז רעניע געווען שטאַרק פאַרנומען מיט אויס־שרייבן אויף פראַנצויזיש פאַרשידענע באַשייניקונגען, וואָס בערנאַרד האָט געדאַרפט האָבן פאַר זיין צומאַרגנסדיקער צוריקרייזע קיין דייטשלאַנד. ער איז געזעסן גלייך אַנטקעגן איר און האָט איר אויף זיין מאָדנעם יידיש קלאָר געמאַכט דעם אינהאַלט פון אַ יעדן פּאַפּיר, וואָס ער דאַרף האָבן. זי האָט אויך גיך איבערגעטייטשט זיין יידיש אויפן נוסח פון דער פראַנ־צויזישער ביוראָ־שפּראַך, וואָס מען האָט געניצט אין די „דזשאָינט״־דאָקר־מענטן און דאָס גלייך אַריינגעקלאַפּט אין איר מאַשין.

ער האָט אַרומגענומען מיט די אויגן איר בלאָנדן קאָפּ האָר, אירע לענגלעכע ווייסע פינגער מיט די רויט־געפאַרבטע נעגל, וואָס זיינען אין אַ גיכן טאַנץ אַרומגעשפּרונגען איבער דער קלאַוויאַטור פון דער שרייבמאַשין.

נאָך דער אַרבעט האָט בערנאַרד נישט דרייסט געפרעגט רעניען, צי זי וואָלט מסכּים געווען צו פאַרברענגען מיט אים דעם אָוונט. אַוועקפאָרן וועט ער ערשט צו מאָרגנס, האָט ער זיך פאַרענטפערט, און דעם היינטיקן אָוונט וואָלט ער געוואָלט אויסנוצן, כּדי אַ ביסל זיך אַרומצוקוקן איבער פּאַריז. ווער איז בּיכולת בעסער אים צו ווייזן די שיינע ערטער פון דער שטאָט, ווי זי, רעניע, וואָס איז אַ פּאַריזערין?

זי האָט זיך צעשמייכלט:

— אָ, זייט נישט מגזם. איך בין אַ פּאַריזערין פּונקט ווי איר. סך הכּל צוויי מאָנאַטן זינט איך ווין דאָ. נאָר פון דעסטוועגן — האָט זי גענומען זיך צוריקציִען — האָב איך שטאַרק ליב באַקומען די דאָזיקע שטאָט און איך בין אויסגעווען ווי נאָר זי האָט אַן עק. איר ווייסט — האָט זי פּאַרטרויילעך צוגעגעבן — עס לעבט זיך דאָ עפּעס אַנדערש ווי ערגעץ ווו. אַזוי זאָרגלאָז און לייכט. נישטאָ ווען צו טראַכטן וועגן די צרות און וועגן דעם, וואָס מען האָט איבערגעלעבט.

זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען אויפן קאָנקאָרד־פּלאַץ און האָבן זיך געלאָזט צו פוס גיין צו די עליזעִישע פעלדער. די זון איז נאָך גאַנץ הויך געשטאַנען אויפן הימל. דער פאַרנאַכט איז געווען אַ מילד־וואַרעמער און די גאַסן זיינען

פאַרפלייצט געווען פון מענטשן. טייל זיינען פון די ביוראָס געגאַנגען צו די מעטראָ־סטאַציעס, כּדי אַהיים צופאָרן, אַנדערע האָבן סתּם שפּאַצירט. מענטשן האָבן געשמועסט און געלאַכט. קיינער האָט זיך נישט געאיילט.

פון דער ווייטנס האָט זיך אָנגעצייכנט דער מאַסיווער בנין פונעם טריומף־בויגן. לעבן די קאַפּעען ביים ראַנד פון טראָטואַר זיינען מענטשן געזעסן ביי טישלעך און געזופּט וויין. קלאַנגען פון מוזיק האָבן זיך געטראָגן פון אומעטום.

בערנאַרד האָט זיך געחידושט:

— נאָר וואָס פאַרטריבן פון דאַנען אַזאַ ביטערן שׂונא און איבערגעלעבט אַזאַ שווערע מלחמה, און דאָ זעט אויס, ווי קיין מאָל גאָרנישט. אַלץ איז פריילעך און צעלאַכט, און די מיידלעך! זעט נאָר ווי שיין זיי זעען אויס, ווי עלעגאַנט זיי זיינען.

— איר וואָלט געמוזט דאָ בלייבן אַ געוויסע צייט — האָט רעניע ווידער געשמייכלט — כּדי צו פאַרשטיין די ווירקונג פון דער דאָזיקער ערד און די מענטאַליטעט פונעם דאָזיקן פאָלק. ס׳איז זיי טאַקע שטאַרק מקנא צו זיין, ווייל זיי קענען זיך פרייען מיט ווייניק, נישט זעלטן אַפילו מיט גאָרנישט. אַ ביסל וויין, געזאַנג און אַ פריילעך פּנים, דאָס איז אַלץ, וואָס זיי דאַרפן, כּדי צו זיין גליקלעך.

זיי זיינען אַריינגעגאַנגען אין אַ רעסטאָראַן. ס׳איז געווען איינער פון די עלעגאַנטסטע לאָקאַלן אויף שאַנז־עליזעע. שווערע שפּיגלדיקע באַלוסטראַדעס האָבן פונאַנדערגעטיילט דעם ריזיקן זאַל. די ווענט זיינען געווען באַצירט מיט קינסטלערישע מאָלערייען. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טיש אין דער זייט. אַרום זיי האָט געהערשט אַ שטילקייט און האַלבע ליידיקייט. מען האָט סערווירט אַ וועטשערע, אַ מאָגערע און בצימצומדיקע. דאָ האָט שוין בערנאַרד געקענט זען די פאָלגן פון דער נאָר וואָס איבערגעלעבטער מלחמה, וואָס האָט פאַרטריבן די שפע פונעם דאָזיקן לאַנד.

נאָך דער וועטשערע האָבן זיי ווידער געוואַנדערט איבער די גאַסן ביז שפּעט אין דער נאַכט. דערנאָך זיינען זיי אַריין אין מעטראָ. רעניע איז אַוועק־געפאָרן צו זיך אין קליינעם צימערל פון איר ביליקן האָטעל און בערנאַרד אין זיין קוואַרטיר, וואָס ער האָט באַקומען צוגעטיילט פון „דזשאָינט״, אין אַ גרויסן האָטעל אין צענטער פון דער שטאָט.

עטלעכע וואָכן שפּעטער איז בערנאַרד ווידער געקומען קיין פּאַריז. ער האָט זיך געפרייט מיט רעניען ווי מיט אַן אַלטער באַקאַנטער. ער איז דאָס מאָל געווען דרייסטער און מער באַרעדעוודיק ווי דאָס ערשטע מאָל. די גאַנצע צייט, האָט ער דערציילט, האָט ער געטראַכט וועגן רעניען. ער האָט וועגן איר אַפילו געשריבן אין אַ בריוו צו זיינע עלטערן אין טשיקאַגאָ. ער פרייט זיך, אַז דאָס מאָל דאַרף ער דאָ בלייבן אַ גאַנצע וואָך, וועלן זיי האָבן אַ געלעגנהייט זיך בעסער צו באַקענען. אויב זי האָט פאַר אים לפּחות אַ ביסל סימפּאַטיע, זאָל זי אים נישט אָפּזאָגן, אויב ער וועט זי בעטן מיט אים צו פאַרברענגען.

רעניע איז צעטומלט געוואָרן פון בערנאַרדס באַרעדעוודיקייט. זי האָט געשמייכלט און געשוויגן. אָבער ער איז פון איר נישט אָפּגעטראָטן און אַזוי פלעגן זיי יעדן אָוונט צוזאַמען אַרויסגיין. אויף זונטיק האָבן זיי זיך אָפּגעע־רעדט אַרויסצופאָרן מחוץ פון דער שטאָט און פאַרברענגען דעם טאָג אויף דער לופט, באָדן זיך אין טייך.

זונטיק אין דער פרי האָט רעניע צוגעגרייט עסן פאַרביידע אויף אַ גאַנצן טאָג. אַ ביסל שפּעטער איז בערנאַרד צו איר געקומען אין איר קליינעם האָטעל־צימערל און פון דאָרט זיינען זיי צוזאַמען אַרויסגעגאַנגען. דער הינטערשטאָטישער אויטאָבוס האָט זיי געפירט צווישן רחבותדיקע פעלדער און אַלטע ווילעס. זיי זיינען אויסגעשטיגן ערגעץ ווו אויף אַ שמאָלן וועג און האָבן זיך געלאָזט גיין באַרג־אַראָפּ איבער נישט פאַרצוימטע פעלדער. דאָ און דאָרט איז געוואַקסן אַ בוים. אין אַ ווייטן מרחק צעשפּרייט זיינען געשטאַנען געמויערטע פּאַלאַצלעך. דער גלאַנץ פון אַמאָליקער עשירות האָט אַרויסגעקוקט פון זייער אויסערלעכן געבוי. אָבער איצט זיינען טירן און פענצטער געווען פאַרהאַקט. קיינער האָט דאָרט נישט געוווינט.

— איך האָב געהערט — האָט זיך רעניע אָנגערופן — אַז אַט די אַלטע הייזער זיינען צום פאַרקויפן און מען קען זיי באַקומען בחצי חינם.

בערנאַרד האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט געוואָלט אָפּשאַצן דעם ווערט פון די דאָזיקע הייזער און גערטנער. דערנאָך האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— איך גלייב נישט, אַז אַ ייִד וועט זיך גיין דאָ באַזעצן. נאָר וואָס האָבן ייִדן איבערגעלעבט אַזאַ גיהנום אויף דער דאָזיקער ערד, איז אַ סברה, אַז זיי

דאַרפן פון דעם עפּעס לערנען. גאַנץ אייראָפּע איז פאַר יידן אַ וווּלקאַן. יידן דאַרפן אַוועק פון אייראָפּע. ווער ס׳קען, דאַרף גיין קיין ארץ־ישראל, אַנדערע זאָלן אַוועק קיין אויסטראַליע אָדער אַמעריקע און דאָרט בויען אַ ניי לעבן. דו, רעניע, דאַרפסט וועגן דעם אויך אַ טראַכט טאָן.

— בויען אַ ניי לעבן? — איז זי פּלוצעם טרויעריק געוואָרן — איך בין נאָך נישט גרייט. איך האָב נאָך אַ סך חשבונות מיט מיין אַלטן לעבן, דער עיקר — חשבונות מיט זיך אַליין. ס׳וועט נאָך נעמען אַ סך צייט ביז איך וועל פאַרטיק ווערן.

בערנאַרד האָט זי אָנגעקוקט פון דער זייט. ער האָט נישט באַנומען אירע רייד. אַ געזונט מיידל, יונג און שיין, דאָס לעבן שטייט פאַר איר אָפן, און אָט קומט זי פּלוצעם אַרויס מיט חשבונות. ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַזוי שווייגנדיק האָבן זיי ווייטער געשפּרייזט איבערן שמאָלן וועג.

זיי זיינען נאָך אַ ביסל געגאַנגען און דערנאָך פאַרקערעוועט זיך מיטן וועג אויף רעכטס. פאַר זייערע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ ברייטע וואַסער־סטענגע, וואָס האָט זיך געשלענגלט אונטן אין דעם טאָל. אַ שטיל גערויש פונעם פליסנדיקן וואַסער האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן. זיי האָבן זיך דערנענטערט צום טייך. די וואַסערפלאַך איז געווען אַ רויִקע, מיט מיליאָנען גאָלדענע שימערן האָט זיך אין איר געשפּיגלט די פאַרמיטאָגדיקע זון. דאָס איז געווען די מאַרנע.

רעניע און בערנאַרד האָבן זיך אַ לאָז געטאָן לויפן. באַלד האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט ביים ברעג. יונגע מענטשן אין באָדקאָסטיומען האָבן זיך געבאָדן אין וואַסער. טייל זיינען געשפּרונגען פון הויכע טראַמפּאָלינעס גלייך אין דער טיפעניש אַריין, אַנדערע זיינען אין שיפלעך מיט לאַנגע הילצערנע רודערס אַרויס אויף לאַנגע שפּאַצירן לענג־אויס פונעם טייך.

בערנאַרד האָט געפונען אַ שאָטנדיק אָרט אונטער אַן אַלטן צעוואַקסענעם בוים מיט ווייניק בלעטער, אָבער אַ סך פאַרטריקנטע קאָנאַרעס. דאָרט האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוען. זיי האָבן אויסגעטאָן די אויבערשטע מלבושים און זיינען געבליבן אין די באָדקאָסטיומען. בערנאַרד האָט אַן אומדרייסטן בליק געוואָרפן אויף רעניעס געשטאַלט. אירע געטאָקטע פיס און רויזיק־אָפּגעברענטע הויט האָבן ביי אים אַרויסגערופן אַ שווינדל אין קאָפּ. זי האָט פונאַנדערגעלאָזט די גאָלדענע האָר און גענומען זיי בינדן אין אַ צאָפּ, כדי

זיי לייכטער קענען אַריינקוועטשן אונטערן גומענעם היטעלע, וואָס וועט זיי אָפּהיטן פון פאַרנעצט ווערן.

אַ שמייכל האָט זיך פאַרגנבעט אין בערנאַרדס אויגן־ווינקלען. רעניע האָט אָבער מיט גאָרנישט נישט געענטפערט אויף זיינע בליקן. זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זי וואָלט געווען מיט אירע מחשבות גאַנץ ווייט פון דאַנען, ווי איר וואָלט גאָרנישט אָנגעגאַנגען די גאַנצע באַגעגעניש מיטן בחור.

זיי זיינען אַריין אין וואַסער. רעניע איז לייכט געשווומען מיטן שטראָם. בערנאַרד האָט לכתחילה געצויגן ביי איר זייט, אָבער דערנאָך איז ער פאָרויסגעשווומען און האָט גענומען לייגן קלאַפּטערס ווי אַ געניטער שווימער. ער האָט זיך אומגעקערט און זיך דערנענטערט צו רעניען.

— איך וועל אַרויפקלעטערן אויף דער טראַמפּאָלינע און אַ פּרווו טאָן, צי איך געדענק נאָך ווי אַזוי מען שפּרינגט.

— חס ושלום! — האָט זי זיך אַ ריס געטאָן — איך האָב מורא דו זאָלסט שפּרינגען פון אַזאַ הויך.

— דו האָסט צוליב מיר מורא — האָט ער געחוזקט — וואָס גיי איך דיך דען אָן?

— אָ, בערנאַרד, זיי נישט קיין אַכזר.

בערנאַרד איז נישט אַוועק שפּרינגען, און אַ ביסל שפּעטער, ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט אויף זייער אָרט אונטערן בוים און גענומען זיך צום עסן, איז ער געוואָרן נאָך מער צוגעלאָזן. ער האָט געזאָגט, אַז אַזאַ געשמאַק עסן, ווי רעניע האָט צוגעגרייט, האָט ער נישט געגעסן זינט ער איז אַוועק פון דער מאַמעס טיש. זיינע עלטערן, האָט ער דערציילט, זיינען אימיגראַנטן פון פוילן. דער טאַטע האָט זיך אינעם נייעם לאַנד גאַנץ נישקשהדיק אָנגעמאַטערט. נאָך היינט האָט דער טאַטע אַ קליינע קראָם אין שיקאַגאָ און קיין גביר איז ער נישט. פון דעסטוועגן האָט ער מיט אַלע כוחות זיך באַמיט, אַז בערנאַרד זאָל שטודירן אין קאָלעדזש. האָט ער אויסשטודירט און געוואָרן אַ לאָיער. ער האָט שוין געהאַלטן ביים איינאָרדענען זיך אַן אייגענעם אָפיס, נאָר די מלחמה האָט אים געשטערט. מען האָט אים גענומען אין דער אַרמיי און ער האָט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן מלחמה־קאַמפּיין אין פראַנקרייך. איצט וואָלט ער געקענט זיך אומקערן אַהיים, אָבער ער פילט, אַז ער דאַרף

צולייגן אַ האַנט, כדי צו העלפן די געפלאָגטע ברידער אין די לאַגערן. ווען ער דאָ נאָך בלייבן אַ שטיקל צייט און ערשט שפּעטער אָנהייבן בויען זיין קאַריערע. איבעריקנס, האָט ער צוגעגעבן, האָט ער אויף דעם נישט קיין חרטה. ער האָט דאָך אַ דאַנק דער אַרבעט פאַר די לאַגערן באַקענט זיך מיט איר, מיט רעניען. איז שוין דאָס אַליין פאַר אים אַ גרויסע באַלוינונג פאַר זיין טרחה.

זי האָט איצט געפילט צו אים אַ וואַרעמקייט. זי האָט געגאַרט נאָך אַ סך צו הערן אים דערציילן וועגן זיך און וועגן זיין לעבן. ער האָט געמוזט פון אירע אויגן אַרויסלייענען דאָס, וואָס זי האָט איצט געפילט, ווייל אָט האָט ער זיך צו איר צוגעשאַרט און געוואָלט זי אַרומנעמען. זי האָט אים אָבער לייכט אָפּגעשטופּט פון זיך און דערביי האָט זי אַ טיפן זיפץ געטאָן.

— וואָס איז מיט דיר, רעניע? — האָט ער געפרעגט — פאַר וואָס ביסטו אַזוי? איך בין דאָך נישט אויסן צו זוכן מיט דיר קיין פאַרווייליגונג. איך מיין עס ערנסט.

— בערנאַרד — האָט זי זיך געבעטן און איר פּנים האָט אויסגעדריקט צער — דו טאָרסט עס נישט טאָן. דו קענסט מיך נישט און דו ווייסט וועגן מיר אַזוי ווייניק.

— פאַר וואָס ווייס איך נישט? האָסטו דען אַ מאַן?

— אַ מאַן, — האָט זי זיך פאַרטראַכט — אַ מאַן. איך האָב יאָ און איך האָב נישט.

— וואָס, דו האָסט אַ מאַן?

— זעסט, ס'איז אַ לאַנגע מעשה צו דערציילן.

— דערצייל! — האָט ער זיך געבעטן — דערצייל מיר תּיכּף.

זי האָט דערפילט אַן אינערלעך באַדערפעניש איצט זיך פאַר אים מתודה צו זיין.

— ווי איך בין געווען איידער איך בין געקומען אַהער, ווייסטו דאָך: אין פּוילן מיט די דייטשן. אויסבאַהאַלטן האָב איך זיך אויף אַרישע פּאַפּירן אין מיין געבוירן־שטאָט, וואַרשע. ווי אַ קריסטלעך מיידל פלעג איך זיך באַוועגן אין גאַס. איך האָב נישט געקענט זיצן באַהאַלטן, ווייל איך האָב נישט געהאַט קיין געלט צום לעבן. איך האָב געמוזט גיין אַרבעטן. ס'איז אָבער נישט געווען קיין לייכטע זאַך איבערצולעבן אויף אַרישע פּאַפּירן,

אַפילו מיט אַזאַ נישט יידישלעכן פּנים, ווי מיינס, און מיט נאַטירלעכע בלאָנדע האָר, ווי מיינע זיינען. מיר האָט זיך אַ מאָל געטראָפן, אַז גייענדיק אין גאַס האָבן מיר פאַרטשעפּעט שאַנטאַזשיסטן. זיי האָבן חושד געווען, אַז איך בין אַ יידישע. ווי זייער שטייגער איז, האָבן זיי פון מיר געוואָלט אויס־פּרעסן אויסקויפגעלט. ווי איך בין אַזוי געשטאַנען און זיך מיט זיי געאַמפּערט, איז פון ערגעץ ווו אָנגעקומען אַ יונגערמאַן, אַ הויכער, אַ בלאָנדער מיט קורץ־געשוירענע וואָנסעלעך. ער איז דרייסט צו מיר צוגעגאַנגען, אָנגענומען מיך ביי דער האַנט און געפרעגט: „קריסיאַ, וואָס טוסטו עפּעס דאָ?”

— אין ערשטן מאָמענט בין איך נאָך מער צעטומלט געוואָרן און גע־בליבן אָן לשון, נאָר באַלד האָט ביי מיר אויפגעבליצט אַ געדאַנק, אַז דער יונגער־מאַן איז אַן איידעלער מענטש און וויל מיך ראַטעווען. האָב איך צו אים אַ שמייכל געטאָן און מיט דער האַנט געוויזן אויף די שאַנטאַזשיסטן: „אָט די הערן. איך ווייס נישט וואָס זיי ווילן”. יענער האָט זיך מעשה סאָלדאַט אויסגעדרייט אויפן קנאַפּל צו די שאַנטאַזשיסטן און מיט אַן אַנטשלאָסענער שטימע אַ זאָג געטאָן: „זי איז דאָך מיין שוועסטער”.

— די שקצים זיינען, ווייסט אויס, אויך צעטומלט געוואָרן פון דער דאָזיקער אומדערוואַרטער אינטערווענץ. אַ ווײַלע זיינען זיי געשטאַנען נישט אַנטשלאָסענע און מיין רעטער האָט אויסגענוצט די דאָזיקע רגע. ער האָט מיך אַ צי געטאָן ביי דער האַנט און אַרויסגעפירט פונעם רעדל מענטשן, וואָס האָבן זיך שוין געגומען זאַמלען אַרום אונדז.

— זינט דעמאָלט האָט מיך וויקטאָר געהאַלטן אונטער זיין שוץ. אין די ווייטערדיקע חדשים האָב איך איבערגעלעבט נאָך עטלעכע שווערע סיטו־אַציעס, אָבער אַלע מאָל איז מיר אַ דאַנק זיין הילף געלונגען זיך אַרויסצו־דרייען. אויב איך בין געבליבן ביים לעבן, פאַרדאַנק איך עס דער עיקר אים, וויקטאָרן.

בערנאַרד האָט זיך צוגעהערט צו רעניעס דערציילונג מיט אַן אַראָפּגע־לאָזטן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך געפילט שולדיק, אַז נישט ער, נאָר וויקטאָר, איז דעמאָלט געווען ביי רעניעס זייט, כדי זי צו ראַטעווען. ער האָט שטיל געפרעגט:

— און ווו איז ער איצט, דער דאָזיקער וויקטאָר?

— איך ווייס נישט — האָט זי געענטפערט — ער איז צו מיר נישט

געוועז גלייכגילטיק. ער האָט געוואָלט, אַז ווי נאָר די מלחמה וועט זיך ענדיקן, זאָלן מיר חתונה האָבן. ס'איז אָבער צו דעם נישט געקומען. די דייטשן האָבן אים געכאַפּט ביי עפּעס אַן אַרבעט, וואָס ער האָט געטאָן פאַרן פּוילישן אונטערגרונט. מען האָט אים אַרעסטירט און זינט דעמאָלט האָב איך וועגן אים נישט קיין שום ידיעות. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט, ווו נאָר איך האָב געקענט. אין ערגעץ ווייסט מען נישט, וואָס עס איז מיט אים געשען.

— זאָג מיר, רעניע. אויב דו וואָלטסט אים היינט געפונען, וואָלטסטו מיט אים חתונה געהאַט?

— איך אַליין האָב שוין אויך וועגן דעם געטראַכט. געפינען אים, וואָלט איך טאַקע זייער געוואָלט, כאָטש ווייסן, אַז ער לעבט. נאָר חתונה געהאַט מיט אים וואָלט איך, דאַכט זיך מיר, נישט. נאָך זייענדיק אין פּוילן, האָב איך שטאַרק געבענקט צו ייִדן. איך וויל לעבן צווישן ייִדן, און אויב איך וואָלט חתונה געהאַט מיט וויקטאָרן, וואָלט איך דאָך געמוזט איבעררייסן מיט דער ייִדישער סביבה.

בערנאַרד האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. מיט אַ האַפּערדיקער שטימע האָט ער איצט געפרעגט:

— אָבער חוץ דעם, וואָס דו האָסט מיר דערציילט, איז צווישן אייך מער גאָרנישט נישט געווען?

זי האָט אויף אים געקוקט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן און ברעקלעך פון אַ טרויעריקן שמייכל האָבן זיך באַוועגט אויף אירע ליפּן.

— ווילסטו טאַקע אַלץ וויסן, אַלץ, ביזן סאַמע סוף?

— יאָ, האָט ער זיך געבעטן. אַלץ וויל איך וויסן.

— טאָ וועל איך דיר זאָגן. יאָ, עס האָט געמוזט זיין און עס איז געווען.

אויף אַזאַ ענטפער האָט בערנאַרד זיך נישט געריכט. ווי פון אַ דונער געטראָפן האָט ער זיך אויפגעריסן פונעם אָרט. זיין פּנים איז געווען רויט און זיין אָטעם אַ גיכער, אַ סאַפּענדיקער. ער האָט גענומען לויפן, ווי מען אַנטלויפט פון אַ בייז געוויטער, פון אַן אָנשיקעניש. רעניע האָט אים נאָכגעקוקט און געשאָקלט מיטן קאָפּ. זי איז געווען אין גאַנצן רויִק און האָט שטיל געפרעגט זיך אַליין:

— ווער קען דען דאָס אַלץ באַנעמען און ווער קען אונדז פאַרשטיין?

*

ווידער זיינען וואָכן און חדשים אַריבער. רעניע האָט געאַרבעט אויף איר שטעלע און אין די אָוונטן פלעגט זי ווייטער אַרומוואַנדערן איבער פּאַריז, אַנטדעקן און באַוווּנדערן נייע שיינקייטן פון דער דאָזיקער שטאָט. פון בער־נאַרדן האָט זי גאָרנישט נישט געהערט און זי האָט זיך שוין צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז זי דאַרף אים פאַרגעסן.

אָבער סוף ווינטער האָט ער אין אַ פרימאָרגן זיך פּלוצעם באַוויזן אין איר ביוראָ. ער איז פאַר איר געשטאַנען אַ צעשמייכלטער און פריילעכער:

— דאָס מאָל בין איך נישט געקומען אין קיין שום דינסטלעכער שליחות. איך האָב זיך אויף אַ גאַנצער וואָך באַפרייט פון דער אַרבעט און בין געקומען אויסשליסלעך צו דיר.

— וואָס איז געשען? — האָט זי זיך געחידושט.

— מיין אַרבעט אין דייטשלאַנד ענדיקט זיך שוין בקרוב און איך גרייט זיך צו פאָרן אַהיים. בין איך געקומען אַהער, כּדי מיר זאָלן שטעלן אַ חופּה. נאָר אויף אַזאַ אופן וועל איך קענען פאַר דיר באַקומען אַמעריקאַנער פּאַפּירן און דיך מיטנעמען. און איצט דער עיקר: דאָס אַלץ איז געזאָגט, אויב דו ביסט מסכּים.

ער האָט אויף איר געקוקט מיט צערטלעכקייט און ליבשאַפט און געוואַרט אויף איר ענטפער. זי האָט אים געענטפערט מיט אַ וואַרעמען בליק:

— איך בין מסכּים.

אין אַ פּרעמדער וועלט

פֿאַר אירווינג שוואַרצן, דעם פּרעזידענט פֿון דער פֿירמע שוואַרץ ענד קאָמפּאַני, סטאָק־בראָקערס אויף וואָל־סטריט, איז דאָס אָפּגעפּינען זיין ברודערס זון, עמיל, נישט געווען סתּם אַ פֿרייד, נאָר אַן איבערלעבעניש, וואָס האָט אויפֿגערודערט זיין נשמה. די זאַך איז געקומען פּלוצעם און אומגעריכט, און ס׳איז אַ נס, אַז אירווינגס שוואַך האַרץ איז דערביי נישט צעטרייסלט געוואָרן.

אין דער אמתן האָט אירווינג נאָך מיט יאָרן צוריק שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז פֿון זיין גאַנצער משפּחה, וואָס ער האָט געהאַט איבערגעלאָזט אין פּוילן, איז קיינער נישט געבליבן לעבן. די עלטערן זיינען געשטאָרבן נאָך לאַנג פֿאַרן אויסבראָך פֿון דער מלחמה. אָבער מיט זיינע ברידער און שוועסטער האָט ער אָנגעהאַלטן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט. נאָך אין יאָר 1940 האָט ער באַקומען אַ בריוו פֿונעם ברודער, אָבער זינט דעמאָלט איז שוין פֿון דאָרט קיין שום ידיעה נישט אָנגעקומען.

צום מיינסטן האָט אירווינג געטרויערט אויפֿן אומקום פֿון זיין עלטערן ברודער, יעקב. פֿאַר יעקבן האָט ער אין האַרצן געטראָגן נישט בלויז די ליבשאַפֿט פֿון אַ ברודער, נאָר נאָך מער אַ געפֿיל פֿון פֿאַרערונג, פֿון באַוווּנדערונג. אַזאַ מין געפֿיל, וואָס אַ תּלמיד האָט פֿאַר זיין גוטן און איבערגעגעבענעם לערער, וועלכער האָט אים געוויזן דעם ריכטיקן וועג אין לעבן. יעקב האָט אירווינגן געלערנט צו שטעלן די ערשטע טריט אין דער געשעפֿטס־וועלט. אין אירווינגס פֿאָרשטעלונג איז יעקב נאָך ביזן היינטיקן טאָג געבליבן דער מוסטער פֿון אַן אמתדיקן געשעפֿטסמאַן, אַ געשעפֿטסמאַן פֿון אַ גרויסן פֿאַרנעם, מיט ברייטע האָריזאָנטן און טאַלאַנט.

יעקב האָט זיינע געשעפֿטן אָנגעהויבן נאָך פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. קיין אייגענעם קאַפּיטאַל האָט ער דעמאָלט נישט פֿאַרמאָגט. נאָר פֿון דעסטוועגן האָט ער זיך אין משך פֿון עטלעכע יאָר אויסגעבויט אַ גרויסן

סינדיקאַט. ער האָט עקספּלואַטירט ריזיקע שטחים ערד מיט רייכע נאַפּט־קוואַלן, וואָס זיינען געווען באַהאַלטן אין איר שויס. אין זיין היימשטאָט און צווישן זיינע אייגענע מענטשן איז יעקב אויסגעוואַקסן ווי דער אָנפירער פון זיין נאַפט־סינדיקאַט. ער האָט געלעבט אין ווילטאָג און עשירות.

נאָך היטלערס מפלה האָט אירווינג שוואַרץ געשריבן בריוו צו ייִדישע קאָמיטעטן אין פאַרשידענע ערטער און זיך נאָכגעפרעגט אויף זיין משפחה. אפשר איז דאָך עמעצער אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פונעם פייער. אָבער די ענטפערס, וואָס ער האָט באַקומען פון די קאָמיטעטן, זיינען געווען אָן ערך אַזעלכע: „מיר באַדויערן. מענטשן מיט אַזעלכע נעמען זיינען ביי אונדז נישט רעגיסטרירט.״ האָט אירווינג נאָך אַ צייט אַראָפּגעלאָזט די הענט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַלץ איז פאַרלוירן. נישט יעקב און נישט ווער פון זיינע קינדער האָט זיך געראַטעוועט.

אָבער פּלוצעם האָט ער באַקומען אַ לופטפּאָסט־בריוו. עפּעס אַ מאָדנער בריוו. דער נאָמען פונעם אויפגעבער איז געווען אַ פרעמד־קלינגענדיקער און אירווינגס אַדרעס אויף אים — דער אַלטער, פון זיין אַמאָליקער דירה, ווו ער האָט געוווינט נאָך בעת זיין פרוי האָט געלעבט. די ניו־יאָרקער פּאָסט האָט אָבער געוווּסט, ווו אירווינגן צו געפינען. דער אַלטער אַדרעס איז געווען אַדורכגעשטראָכן און לעבן אים איז צוגעשריבן געוואָרן אירווינגס איצטיקער אַדרעס. אַזוי איז דער בריוו אָנגעקומען.

דער שרייבער פונעם בריוו איז געווען עמיל, יעקבס עלטערער זון. ער האָט געשריבן, אַז ער לעבט און וויל אַריבערקומען קיין אַמעריקע, אַז חוץ אים האָט זיך פון דער גאַנצער משפחה קיינער מער נישט געראַטעוועט.

האָט זיך אירווינג שטאַרק געפרייט מיטן דאָזיקן בריוו, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך נישט ווייניקער זיך געחידושט. צען יאָר זיינען אַריבער זינט די מלחמה האָט זיך געענדיקט און עמילן איז ערשט איצט איינגעפאַלן צו געבן זיין פעטער דעם ערשטן לעבנסצייכן. פאַר וואָס? פון דעסטוועגן האָט אירווינג קיין ווייטערדיקע קשיות נישט געפרעגט. ער האָט געטאָן אַלץ, וואָס נאָר מעגלעך, כּדי עמיל זאָל ווי צום גיכסטן קאָנען אימיגרירן.

★

יענעם טאָג, ווען עמיל האָט געדאַרפט אָנקומען קיין ניו־יאָרק, איז אורווינג נישט געפאָרן אין זיין אָפיס. באַלד אין דער פרי האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין אַ טעקסי און איז צוגעפאָרן צום פליפעלד. דער עראָפּלאַן פון פאַריז האָט געדאַרפט אָנקומען ערשט מיטאָגצייט, אָבער אורווינג האָט גערעכנט, אַז ס׳וועט זיין בעסער, אויב ער וועט אויפן פליפלאַץ זיין מיט אַ שעה פריער. ער איז געווען אויפגערעגט און אומגעדולדיק, ער האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויפן עראָפּלאַן.

געווען איז עס אין דער העלפט פון אָקטאָבער. נאָך אַ קילן פרימאָרגן האָט זיך דער טאָג געשטעלט אַ וואַרעמער און אַ זוניקער. אורווינג איז אַרויס אין דרויסן און האָט מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ שפּאַצירט לעבן דער ראַמפּע, הינטער וועלכער ס׳זענען אין אַ ריי אויסגעשטעלט געשטאַנען ריזיקע עראָפּלאַנען, וואָס האָבן מיט אַ זילבערדיקן גלאַנץ שימערירט אַנטקעגן דער זון. אַ מילד ווינטל האָט צעטראָגן זיינע ווייסע האָר, וואָס האָבן באַדעקט דעם הינטערשטן טייל פון זיין שאַרבן. ער האָט מיט כּוח באַמיט זיך צו באַהערשן דאָס ציטערן פון די קניִען און האָט כּסדר פאַרריכט די ברילן אויף זיין נאָז.

נאָך דעם, ווי דער עראָפּלאַן איז אָנגעפלויגן און האָט געלאַנדעט, האָט אורווינג צווישן דעם געזעמל פּאַסאַזשירן, וועלכע מען האָט געפירט צו דער צאָל־אָפּטיילונג, פון דער ווייטנס דערזען די הויכע געשטאַלט פון עמילן. ער האָט אים דערקענט און האָט אים צוגעשאָקלט, עמיל האָט אים געענטפערט מיט אַ האַנט־באַוועגונג.

אורווינג איז צוגעגאַנגען נענטער. ער האָט באַטראַכט זיין פּלימעניק, וואָס איז געשטאַנען אין דער ריי צו דער צאָל־קאָנטראָל. ער האָט געזען אַ פאַרעלטערטן מאַן מיט אַ שטאַרק איינגעבויגענער פּלייצע און קורצזיכטיקע אויגן. די שיטערע האָר אויף זיין אַנטבלויזטן קאָפּ האָבן געהאַט אַ קאָליר פון גרויען אַש. איז אורווינג שטיין געבליבן אַ געפּלעפטער. אין זיין דמיון איז עמילס בילד געבליבן אַזוי, ווי ער האָט אים דאָס לעצטע מאָל געזען אין די דרייסיקער יאָרן, ווען ער האָט געהאַט באַזוכט יעקבן אין פּוילן. עמיל האָט דעמאָלט געהאַט געענדיקט דעם אוניווערסיטעט און באַקומען דעם

דאָקטאָר־דיפּלאָם אין קאָמערציעלע וויסנשאַפטן. ער האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אינעם פּאַטערס נאַפט־סינדיקאַט. זיין געשטאַלט — אַ הויכע און אַ שלאַנקע, זיין פּנים קיילעכדיק־גלאַטיק, מיט אַ קאָפּ טונקל־בלאָנדע האָר, פאַרקעמט אין אַ שרונט.

בעת אירווינג האָט איצט באַטראַכט עמילן, האָט ער געזען מער דעם ברודער יעקב, ווי דעם דעמאָלטיקן עמיל, אַזוי ווי ער איז ביי אים פאַרבליבן אין זכרון. ער האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן און האָט זיך געגרייט צו באַגריסן עמילן, וואָס איז דערווייל שוין פאַרטיק געוואָרן מיטן צאָל־באַאַמטן. זיי האָבן זיך צעקושט און עמיל האָט געזאָגט:

— אָנקל איגנאַץ, דו האָסט זיך אין משך פון די יאָרן כמעט נישט געענדערט.

— נו, נו, עמיל, טרייב נישט איבער. איך בין אַן אַלטער מאַן, אַ זקן.

זיי זיינען צוגעפאָרן צו אַ רעסטאָראַן און פון דאָרט צו אירווינגן אין זיין דירה. אויפן וועג האָט אירווינג עמילן געגעבן צו פאַרשטיין זיין לאַגע:

— דו וועסט וווינען ביי מיר, ווייל צו וואָס דאַרפסטו אַ באַזונדערע דירה? זינט די טאַנטע איז געשטאָרבן, פיר איך אַ מין קאַוואַליערסקע לעבן. איך עס אין אַ רעסטאָראַן און קום אין מיין דירה בלויז איבערצונעכטיקן. וועסטו דערווייל פירן אַ לעבן צוזאַמען מיט מיר.

עמיל האָט אים געענטפערט:

— אָנקל, אויך איך בין מיט אַ יאָר צוריק געבליבן אַן אַלמן און איך האָב זיך שוין צוגעוווינט צו דעם דאָזיקן אופן פון לעבן.

פאַר נאַכט האָט זיך די משפחה צוזאַמענגעקליבן אין אירווינגס שטוב. עס איז געקומען זיין טאָכטער מיטן מאַן און מיט אירע צוויי קינדער. עס איז אויך געקומען אירווינגס זון, דער דאָקטער, מיט זיין פרוי. אירווינג האָט אין אַ רעסטאָראַן באַשטעלט אַ פיינעם מאָלצייט. די פאַרוויילונג האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

*

די געסט זיינען אַהיימגעפאָרן און אירווינג מיט עמילן זיינען אַליין געבליבן אין דער רחבותדיקער וווינונג. דעמאָלט האָט אירווינג געזאָגט עמילן:

— איך מיין, אַז ס׳קומט דיר עטלעכע טעג זיך אויסצורוען. מאָרגן וועסטו אַ ביסל לענגער שלאָפן און דערנאָך וועסטו אַרויספאָרן זיך אַרומצוקוקן אין דער שטאָט. אויב דו וועסט וועלן, וועסטו קענען אַריינקומען צו מיר אין אָפיס. בלויז אויף צו כאַפּן אַ קוק. אָבער אָנהייב קומענדיקער וואָך וועט זיך ענדיקן דאָס פּיעשטשען זיך. איך וואָלט געוואָלט, אַז דו זאָלסט אָנהייבן סיסטעמאַטיש אַרבעטן.

עמיל האָט אָנגעשטעלט אויף זיין פעטער אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן: וואָס פאַר אַ סיסטעמאַטישע אַרבעט קען ער, אַ שטייגער, טאָן אין אוירווינגס אָפיס? ער, אַ גרינער, וואָס האָט נאָך דערווייל אַ גאַנץ שוואַכע ידיעה אין דער ענגלישער שפּראַך און קען אין גאַנצן נישט די אַמעריקאַנער באַדינגונגען.

האָט זיך אוירווינג פונאַנדערגעלאַכט:

— דאַרפסט גאָרנישט זאָרגן, עמיל. דו האָסט אַזוי פיל יאָרן געאַרבעט אין באַנק־געשעפטן. דו ביסט אַ מומחה אין פינאַנץ ענינים. ביסטו דאָך דער מענטש, וועלכן איך דאַרף האָבן. איך אַליין פיל זיך שוין שוואַך. וואָלט איך דעריבער געוואָלט, אַז דו זאָלסט ביסלעכווייז איבערנעמען מיין אַרבעט. שוין צייט, אַז איך זאָל זיך אַ ביסל אָפּרוען.

אוירווינג איז געווען גערעכט. ביי עמילן האָט גענומען אַ גאַנץ קורצע צייט צו באַקענען זיך מיט די געשעפטן פון זיין פעטערס פירמע. לכתחילה האָט ער זיך פאַרנומען מיט דער רעאָרגאַניזירונג פונעם אַרבעטס־סיסטעם אין די ביוראָען און אַ ביסל שפּעטער איז ער שוין געווען אין זיין פולן שווונג. ער האָט אָנגעקניפּט נייע פאַרבינדונגען און די געשעפטן פון דער פירמע האָבן אונטער זיין פירונג גענומען וואַקסן און צעשפּרייטן זיך.

אוירווינג האָט געשעפּט נחת פון זיין פלימעניק. ער האָט אים נישט געוואָלט אַוועקלאָזן פון זיין דירה און אַזוי האָבן דיביידע מענער געפירט צוזאַמען זייער פאַראייניזאַמט לעבן. אין די אָוונטן, אויב זיי זיינען נישט געגאַנגען אויף באַזוך צו אוירווינגס טאָכטער אָדער זון, פלעגן זיי זיצן אין שטוב און פירן לאַנגע שמועסן. קיין טעמע האָט זיי נישט געפעלט. ווען ס׳איז זיי שוין נמאס געוואָרן צו רעדן וועגן די געשעפטן, האָבן זיי אָנגעהויבן שמועסן וועגן דער אַלטער היים און וועגן דער אומגעקומענער משפחה. בעת אַזאַ שמועס האָט אַ מאָל אוירווינג אַנטפּלעקט פאַר עמילן, אַז אייגנטלעך

איז דאָס אַלץ, וואָס ער האָט פאַר אים געטאָן, נישט קיין צדקה, נאָר אַ מין צוריקצאָלן פון אַן אַלטן חוב. און נישט נאָר דאָס, ווייל אויב עמיל מיינט, אַז ער איז ביי זיין פעטער נישט מער ווי אַן אָנגעשטעלטער, האָט ער אַ טעות. ער, עמיל, האָט אַ חלק, און אַפילו אַ גאַנץ באַדייטנדיקן חלק, אין אוירוויננס פירמע.

ווען עמיל האָט מיט פאַרווונדערונג געקוקט אויף אוירווינגן, האָט אים אוירווינג געגעבן צו פאַרשטיין אָט וואָס: ווען ער איז אין די דרייסיקער יאָרן געקומען קיין פוילן, איז ער דעמאָלט אין זיינע געשעפטן געווען פול־שטענדיק געבראָכן. ס׳איז דאָך געווען די צייט נאָכן גרויסן קריזיס. אין דער אמתן איז ער דעמאָלט געקומען צו זיין ברודער, יעקב, בעטן הילף. האָט אים יעקב געגעבן צען טויזנט דאָלער, מיט וועלכע אוירווינג האָט אָנגעהויבן בויען אַ ניי געשעפט, טאַקע דאָס זעלבע, וואָס ער האָט איצט. די צען טויזנט דאָלער האָט ער דעם ברודער קיין מאָל נישט צוריקגעצאָלט. דעריבער פילט ער זיך גליקלעך, אַז איצט קען ער עמילן צוריקצאָלן דעם חוב, וואָס ער איז שולדיק געבליבן זיין טאַטן.

עמיל האָט זיך אומבאַקוועם געדרייט אויף זיין שטול. ער האָט גענומען טענהן, אַז ער האָט קיין מאָל נישט באַמיט זיך אָפּצונעמען עפּעס פון זיין טאַטנס פאַרמעגן. האָט אוירווינג זיך אויפגעכאַפּט פון זיין אָרט און איז צוגעשפּרינגען צו עמילן:

— וואָס הייסט דו האָסט זיך נישט באַמיט? דו ביסט דאָך דיין טאַטנס איינציקער יורש. און דאָס, וואָס איך האָב דיר דערציילט, איז נאָך נישט אַלץ. זיי וויסן, אַז אין עטלעכע ניו־יאָרקער בענק ליגן איינגעלייגט דיין טאַטנס געלטער. ס׳זיינען גאַנץ גרויסע סומעס און איך ווייס גענוי, ווו זיי זיינען. וועלן מיר טאַקע באַלד אָנהייבן עפּעס צו טאָן, כדי דו זאָלסט דאָס דאָזיקע פאַרמעגן אָפּנעמען.

עמיל איז געבליבן זיצן אַ געפּלעפטער. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך אַן אומזיכערער זיך אָנגערופן:

— דו מיינסט איך זאָל ווערן דער יורש פון מיין טאַטן?

— אַוודאי — האָט אוירווינג אויסגערופן — ווער דען אויב נישט דו. ס׳איז דאָך אַ נאַטירלעכע זאַך.

דעמאָלט האָט עמיל אין אַ שטילער שטימע געזאָגט צו אוירווינגען:

— איך בין נישט ווערט, אַנקל.

און ווען ער האָט אין אוירוווינגס אויגן דערזען אַ גרויסן פֿאַרחידושטן פּרעגצייכן, האָט ער אין דעם זעלבן טאָן צוגעגעבן:

— דו ווייסט דאָך, אַז מיין טאַטע איז געווען אַ געטרייער און איבער־געגעבענער ייִד. ער האָט אונדז, קינדער, געגעבן אַ גוטע ייִדישע דערציִונג און איך — האָט עמיל געגומען שטאַמלען — איך בין געשמדט...

✶

לכתּחילה האָט אוירוווינג זיך נישט אָפּגעגעבן קיין קלאָרן חשבון פֿון דעם, וואָס עמיל האָט פֿאַר אים אַנטפּלעקט. אים איז אויסגעקומען, אַז דער גאַנצער ענין איז נישט קיין וויכטיקער. ווייס איך וואָס מענטשן האָבן געטאָן אין יענע מוראדיקע צייטן, כּדי זיך צו ראַטעווען פֿון טויט. אָבער ווי נאָר היטלער האָט איינגענומען אַ מיתה משונה, איז אַלץ צוריק געוואָרן ווי אַ מאָל. אַזאַ שמד אונטערן דרוק פֿון טויט, האָט קיין האַפּט נישט. עמיל דאַרף וועגן דעם פֿאַרגעסן פּונקט ווי ס'וואָלט קיין מאָל נישט פֿאַרגעקומען.

אָבער עמיל איז נישט מסכּים געווען. מיט דער זעלבער אומזיכערקייט ווי פֿריִער האָט ער איצט געזאָגט:

— איך האָב זיך נישט געשמדט אין דער צייט פֿון דער אָקופּאַציע, נאָר שפּעטער, ווען די דייטשן זיינען שוין אַוועק פֿון פּוילן. די סכּנה פֿון טויט האָט שוין דעמאָלט נישט געדראָט.

אוירוווינג האָט דערפֿילט אַ שטאָך אין האַרצן. ער איז געבליבן זיצן אָן לשון. עמיל האָט דערציילט: אייגנטלעך איז עס געווען די אידעע פֿון זיין פֿרוי. זיי זיינען אַ לענגערע צייט געווען באַהאַלטן אין אַ מאָנאַסטיר הינטער קראָקע און די פֿרוי איז שטאַרק באַאיינדרוקט געוואָרן פֿון דעם אַלעמען, וואָס זי האָט אינעם מאָנאַסטיר איבערגעלעבט. זי איז געוואָרן אַ פֿאַנאַטישע קריסטין און האָט אים, עמילן, מיט זיך מיטגעצויגן. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער איז צוזאַמען מיט איר געגאַנגען זיך שמדן און שפּעטער יעדן זונטיק באַזוכט די קירך. זיין פֿרוי האָט זיך ממש מקריב געווען פֿאַרן גלויבן. זי האָט טעג און נעכט פֿאַרבראַכט אין אַ יתומים־הויז, וואָס נאָנעס האָבן אויסגעהאַלטן. אינעם דאָזיקן יתומים־הויז האָבן די נאָנעס אויסבאַהאַלטן אויך עטלעכע ייִדישע קינדער און געהיט זיי פֿאַר ייִדן, וואָס האָבן זיך באַמיט זיי צוריקצונעמען.

ס׳איז אויך פּאַרגעקומען אַ פֿאַל, ווען קאָמוניסטן האָבן געוואָלט פֿאַרמאַכן עפּעס אַ קירך. דעמאָלט האָט עמילס פֿרוי אָרגאַניזירט אַ גרויסע מחנה פֿרויען, וואָס איז אַרויס האַלטן מלחמה מיט די קאָמוניסטן. די קאָמוניסטן האָבן געוואָלט אויסמיידן דעמאָנסטראַציעס. ווען זיי האָבן דערזען, וואָס עס גרייט זיך, האָבן זיי זיך אָפּגעטראָגן און די קירך איז טאַקע אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. די קריסטן פֿון דער געגנט, ווו עמיל און זיין פֿרוי האָבן געוווינט, האָבן זי געהאַלטן פֿאַר אַ הייליקער. ווען זי איז געשטאָרבן, האָט מען זי באַערדיקט מיט גרויס פּאַראַד. מחנות גלחים, מאָנאַכן און נאָנעס זיינען געגאַנגען נאָך דער טרומנע און דער בישאָף אַליין האָט אָפּגעריכט די טרויער־תּפֿילות. נאָך היינט ווערט איר קבר אויפֿן קראָקעווער צווינטער יעדן טאָג באַדעקט מיט פֿרישע בלומען און שטענדיק קאָן מען דאָרט טרעפֿן אַ געזעמל פֿרומע ווייבער, וואָס קני׳ען אויפֿן קאַלטן שטיין און זאָגן תּפֿילות.

נאָך דעם ווי ער האָט דערציילט די דאָזיקע געשיכטע פֿון זיין פֿרוי איז עמיל אַ לענגערע ווײַלע געזעסן אַ פֿאַרטראַכטער און ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט ער אויסגעווישט זיינע ברילן און זיך מתוודה געווען:

— אין די אַלע יאָרן האָב איך נישט געהאַט קיין פּערזענלעך לעבן. איך האָב זיך געפֿילט, ווי איינער, וואָס איז געבליבן הענגען אין אַ ליידיקן רוים. אין מיינע געדאַנקען האָב איך געלעבט אין דער וועלט פֿון מיין אַלטער היים און פֿיזיש האָב איך זיך געפֿונען אין מיטן פֿונעם דאָזיקן פֿרום־קריגערישן געפֿילדער, וועלכן איך האָב נישט פֿאַרשטאַנען און פֿיינט געהאַט. איך האָב געטראָגן אַ האַס אויף זיך אַליין, ווייל איך האָב נישט געהאַט דעם כּוח און מוט זיך אַנטקעגנצושטעלן און צו מאַכן אַ סוף צום גאַנצן אומזין. און דאָך — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ טיפֿן זיפֿץ — האָט זי געשטאַמט פֿון אַזאַ פֿיינער היים און אַליין איז זי געווען אַ גימנאַזיע־לערערין.

און באַלד נאָך דעם האָט ער געזוכט צו פֿאַרענטפֿערן זיך פֿאַר זיך אַליין:

— איך האָב אויף איר געהאַט רחמנות.

אוירווינג איז אַ פֿאַרציטערטער געזעסן אַנטקעגן עמילן. ער האָט געוווּסט, אַז עמיל האָט אים דערציילט די דאָזיקע געשיכטע צוליב דעם, וואָס ער האָט געפֿילט אַן אינערלעך באַדערפֿעניש צו אַנטפּלעקן פֿאַר עמעצן דעם סוד, וואָס דערשטיקט זיין נשמה. ער האָט געוווּסט, אַז ער דאַרף איצט עמילן

טרייסטן, ער האָט אָבער נישט געוווּסט, ווי אַזוי דאָס צו טאָן. האָט ער בלויז געפרעגט:

— יאָ, אָבער נאָך איר טויט? וואָס האָסטו געטאָן?

— גאָרנישט. איך האָב אויפגעהערט צו ווייזן זיך אין דער קירך. די שכנים האָבן גענומען וואַרפן אויף מיר קרומע בליקן. איך האָב געפילט, אַז איך מוז אַוועקגיין. בין איך פון דאָרט אַוועק.

אין אָט דעם מאָמענט האָט ביי אוירווינגן אויפגעבליצט אַ געדאַנק. ער האָט פּלוצעם באַנומען דעם פאַרנעם פונעם גיהנום, וואָס זיין פּלימעניק איז אויסגעשטאַנען אין די אַלע יאָרן. אַ וואַרעם געפיל פון רחמנות האָט זיך צעגאָסן אין אים. ער איז צוגעגאַנגען צו עמילן און געדריקט זיין האַנט.

— עמיל, קיין מאָל איז נישט צו שפּעט. דו ביסט נאָך נישט אַלט. פאָלג מיך און הייב אָן פון דאָס ניי.

עמיל האָט אויף אים געקוקט מיט אַן אויסדרוקלאָזן בליק, ווי ער וואָלט נישט באַנומען זיינע רייד.

אַ שמייכל

קיין שלום־בית האָט משה בלום נישט געהאַט. גאַנץ אָפּט פלעגט אים זיין פרוי, חוה, געבן אָנצוהערן אַז זי האָט אים פיינט און זי שעמט זיך מיט אים צו ווייזן זיך פאַר מענטשן. ער האָט דערנאָך אַ לענגערע צייט געפילט זיך שפלדיק אין זיינע אייגענע אויגן. וואָלט ער איר כאָטש געגעבן אַ גרונד צו באַהאַנדלען אים אויף אַזאַ אופן, אָבער פאַרקערט, ער האָט זי ממש גע־טראָגן אויף די הענט און נישט אָפּגעזאָגט איר אין קיין שום זאַך.

איין מאָל האָט איר משה געזאָגט:

— איך וואָלט געמיינט, אַז דו קענסט נישט טאָן קיין שמייכל. אָבער איך ווייס, אַז ס'איז נישט אַזוי. פאַר פרעמדע מענטשן האָסטו שטענדיק אַ שמייכל, בלויז פאַר מיר נישט.

האָט זי אים צוגעוואָרפן אַ בליק פול מיט פאַראַכטונג און געענטפערט:

— דו האָסט געטאָן אַ פעלער, וואָס דו האָסט מיט מיר חתונה געהאַט. דער דאָזיקער פעלער איז זיך נוקם אין מיר און אין דיר.

ווייסט שוין משה, וואָס די גאַנצע צרה איז. זי קען נישט שלום מאַכן מיט דעם, וואָס ער איז מיט אַ קאָפּ נידעריקער פון איר, האָט אַ פאַרקרימטע נאָז און אַן אויסגעצויגן פנים מיט צוויי קורצזיכטיקע באַברילטע אויגן. נאָר צוריקגעשמועסט, דאַרף מען נאָך פערצן יאָר צוזאַמענלעבן מיט אַ מאַן נאָך אַלץ זיך מיט אים שעמען? קיין קריפּל איז ער דאָך, חלילה, נישט און קיין געלט פעלט איר ביי אים אויך נישט. נאָך זייענדיק אין דייטשלאַנד, אין די ערשטע נאָך־מלחמהדיקע יאָרן, האָט ער גאַנץ שיין פאַרדינט. געקומען קיין אַמעריקע איז ער מיט עטלעכע יאָר צוריק און האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַ היפּש פאַרמעגן. אויך דאָ, אין ניו־יאָרק, זיצט ער נישט מיט קיין פאַרלייגטע הענט. ער ווייסט ווי אַזוי צו פאַרדינען דעם דאָלער.

וואָלט דאָך זיין חוה על פּי שׂכל געדאַרפט זיין גליקלעך און בענטשן יעדן טאָג פון איר לעבן. בפרט, אַז צוויי קינדער האָבן זיי ווי די דימענטן.

די עלטערע, דאָריס, איז שוין צוועלף יאָר אַלט. זי איז שיין ווי די זון און צעשמייכלט ווי דער פּרילינגטאָג. דער יינגערער הערבערט ברענגט אים אויך נישט ווייניקער נחת. די לערערס זאָגן אויף אים, אַז ער וואַקסט אַן עילוי.

קוקט אויף זיי חוה מיט אַ פאַרליבטן בליק און מאַכט צו אים:

— זיכער קענסטו שוין זיין, אַז אין דיר זיינען זיי נישט געראָטן. נישט זי מיט דער שיינקייט און נישט ער מיט זיינע פעיִקייטן.

ווערט משהן קאַלאַמוטנע אויפן האַרצן נישט אַזוי פיל פון חוהס זאָג, ווי פונעם ביטול, אין וועלכן זי וועבט איין אירע ווערטער. ער קאָרטשעט זיך איין און שווייגט.

נישט זעלטן טרעפט זיך משהן, נאָך אַפילו דאָ, אינעם גרויסן ניו־יאָרק, אַז ער גייט אין גאַס און עמעצער שטעלט אים אָפּ. אַ מאָל איז עס אַ מאַן און אַ מאָל אַ פרוי. די פראַגע איז שטענדיק די זעלבע: זענט איר נישט משה בלום? זאָגט ער: יאָ. דעמאָלט פאַלט שוין אַ מבול פון ווערטער: איר דערקענט מיך נישט? איך הייס אַזוי און אַזוי. אייך האָב איך דאָך צו פאַרדאַנקען, אַז איך לעב אויף דער וועלט. איר האָט מיך געראַטעוועט אינעם דייטשן לאַגער, בעת איך בין געלעגן קראַנק אויף טיפוס.

אין רוב פאַלן דערקענט טאַקע משה נישט די מענטשן, וואָס שטעלן אים אָפּ. אויך זייערע נעמען געדענקט ער נישט. ער געדענקט אָבער די צייטן אינעם נישט גרויסן אַרבעטסלאַגער אין שלעזיע, וווּ ער, משה, האָט געהאַט די אויפזיכט איבערן שפּייז־מאַגאַזין. גראָד איז עס געווען איינער פון די זעלטענע נאַצישע לאַגערן, וואָס זיינען נישט געשטאַנען אונטער דער דירעקטער פאַרוואַלטונג פון די עס־עס־לייט. דער אָנפירער פונעם לאַגער איז געווען אַ ציווילער דייטש, וועלכער האָט אויפריכטיק געוואָלט העלפן די עטלעכע הונדערט ייִדן, וואָס זיינען אים צוגעטיילט געוואָרן צו דער אַרבעט.

משה האָט געוווּסט, ווי אַזוי זיך צוזאַמענצורעדן מיטן דייטש. ער פלעגט אים אַלע מאָל צוטראָגן פאַרשידענע פּלענער אויף צו באַקומען וואָס מער שפּייזפּראָדוקטן. דער דייטש האָט זיך צוגעהערט צו די דאָזיקע פּלענער און אַ דאַנק דעם איז דאָס עסן אינעם לאַגער די גאַנצע צייט געווען אַ סך בעסער, ווי אין אַנדערע נאַצישע לאַגערן. נאָר פון דעסטוועגן איז אויך אינעם דאָזיקן לאַגער געווען אַ צרה, פון וועלכער מען האָט זיך נישט געקאָנט פאַרהיטן:

די טיפוס־מגיפה. זי האָט דאָרט געהאַט אַ רייכן שניט און משה האָט אין אַ געוויסער צייט געשאַפן אַ באַזונדערע קיך, ווו מען האָט געקאָכט עסן פאַר די שווער־קראַנקע. ער אַליין פלעגט פונאַנדערטראָגן דאָס עסן פאַר זיי. אַז מען האָט געדאַרפט, האָט ער דאָס עסן מיט אַ לעפל דערלאַנגט דעם קראַנקן אין מויל אַריין.

אויך מיט חוהן האָט זיך משה באַקענט ביי אַזעלכע אומשטענדן. בעת זי איז געלעגן אויף טיפוס, איז ער צו איר אַ סך מאָל געקומען. אין דער צייט פון קריזיס איז ער עטלעכע נעכט איבערגעזעסן ביי איר בעט. דער קראַנקן־שוועסטער האָט ער אָנגעזאָגט זי זאָל אויף חוהן גוט אַכטונג געבן און אַז משה האָט אָנגעזאָגט, האָט מען אים געפאָלגט.

איצט, ווען משה טרעפט זיך מיט די דאָזיקע מענטשן אין גאַס, בעט ער זיי אים צו באַזוכן. זיי קומען צו אים מיט חשק און חוה דערקענט זיי אַלע זייער גוט. זי נעמט זיי שיין אויף און במשך פון עטלעכע טעג נאָך אַזאַ באַזוך גייט זי אַרום אַ פאַרטראַכטע. זי קוקט דעמאָלט אויף משהן מיט אַ מילדערן בליק און רעדט צו אים נישט מיט קיין שטעכווערטער.

*

אינעם שלאָפצימער איז חוה געשטאַנעןביים שפּיגל און זיך אָנגעטאָן. משה האָט זיך איינגעקשנט, אַז זיי מוזן גיין צום אָוונט, וואָס די לאַנדסלייט אָרדענען איין אין עפּעס אַ האָטעלזאַל אין מאַנהעטן. איצט זיצט ער שוין אָן אָנגעטוענער אינעם דערנעבנדיקן צימער ביים טיש און וואַרט אויף איר. איר גלוסט זיך אָבער נישט צו גיין. בכלל גלוסט זיך איר גאָרנישט. זי פילט זיך פאַרשטויסן און פאַראיינזאַמט. זי האָט פון קיין שום זאַך נישט קיין הנאה און דאָס גאַנצע לעבן איז איר נמאס.

זי קען משהן נישט פאַרטראָגן. איר עקלט זיין מיאוסקייט, אָבער נאָך מער זיין עם־הארצות. נישטאָ מיט אים וועגן וואָס צו רעדן. ער ווייסט בלויז פון זיינע געשעפטן און חוץ דעם אינטערעסירט אים נישט קיין שום זאַך. וועגן אַ בוך אָדער אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג קען מען מיט אים נישט שמועסן. ער ווייסט וועגן די דאָזיקע זאַכן גאָרנישט און נאָך ערגער — ער וויל נישט וויסן. ער וויל נישט לערנען.

כל זמן משה לאָזט זי צו רו, איז נאָך אַ האַלבע צרה. טאָמער אָבער

פרוווט ער זיך דערנענטערן צו איר, פילט זי דעם טעם פון טויט. זי ווייסט, אַז אין די פריערדיקע יאָרן איז אַזוי נישט געווען. דאָס הייסט, קיין ליבשאַפט האָט זי צו אים קיין מאָל נישט געפילט. אָבער ביי זיין דערנענטערן זיך צו איר האָט זי נישט געהאַט דאָס דאָזיקע דערדריקנדיקע געפיל פון עקל, וואָס זי האָט איצט. די שינויים זיינען ביי איר געקומען נאָך דעם, ווי זי האָט זיך דערוווסט, אַז חיים סעגאַל לעבט. זי איז דעמאָלט אַדורך אַ דערשיטערונג, וואָס האָט ביי איר אַרויסגערופן אַן אַפּאַטיע צום גאַנצן אַרום. אַ ביסל שפּע־טער, ווען אירע חושים האָבן ווידער אָנגעהויבן נאָרמאַל רעאַגירן, האָט זיך אין איר אַלץ גענומען בונטעווען קעגן איר מאַן, הלמאי ער האָט זי צוגערעדט מיט אים חתונה צו האָבן און ער טראָגט די שולד דערפאַר, וואָס זי האָט פאַרשפּילט איר גליק. חיים איז דאָך געווען דער ערשטער און דער איינציקער מאַן, וועלכן זי האָט ליב געהאַט מיטן גאַנצן האַרצן.

אינעם דערנעבנדיקן צימער האָט זיך דער טעלעפאָן צעקלונגען. משה האָט אויפגעהויבן דאָס טרייבל און באַלד דערנאָך האָט ער געעפנט די טיר פונעם שלאָפצימער.

— חוהלע, גיי צו צום טעלעפאָן. מינע רופט דיך.

זי איז אַריינגעקומען אַן אָנגעטועטע אין אַ שוואַרצן אָוונט־קלייד. זי האָט צוגעלייגט דאָס טרייבל צום אויער און געזאָגט:

— מינע, וואָס מאַכסטו?

מינע האָט איר געמוזט דערציילן עפּעס נישט קיין געוויינטלעכע זאַכן, ווייל אָט האָט משה באַמערקט ווי זי ווערט בלייך און קען כמעט נישט כאַפּן דעם אָטעם. ער האָט איר צוגערוקט אַ שטול און מיט שרעק געפרעגט:

— וואָס איז געשען?

זי האָט אים נישט געענטפערט, נאָר צו מינען האָט זי געזאָגט:

— איך קען איצט נישט רעדן. איך וועל דיך שפּעטער רופן!

זי האָט זיך שווער אַ זעץ געטאָן אויף דער שטול. אירע ברייט צעעפנטע אויגן האָבן געקוקט גלייך אויף משהס פּנים. אויך ער האָט געציטערט.

— וואָס איז געשען?

— חיים סעגאַל איז געקומען קיין אַמעריקע.

— חיים סעגאַל? האָסטו דען געוווסט, אַז ער לעבט?

— איך האָב אַ מאָל געהאַט געהערט, כ׳האָב אָבער וועגן דעם נישט

געוואָלט טראַכטן — האָט זי אַראָפּגעלאָזט די אויגן, כּדי ער זאָל פון זיי נישט אַרויסלייענען דעם ליגן.

אַ ביסל שפּעטער האָט זי שטיל צוגעגעבן:

— איך וועל היינט שוין נישט אַרויסגיין.

משה האָט זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט.

*

די ידיעה וועגן חיימס צוריקקומען האָט אויף משהן געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. בעת ער איז איצט געזעסן אַנטקעגן חוהן און זי באַטראַכט, האָבן אים אָנגעהויבן קלאָר צו ווערן אַ סך זאַכן וועגן וועלכע ער האָט ביז איצט נישט געהאַט קיין שום אַנונג. דאָס ערשטע איז פאַר אים קלאָר געוואָרן, אַז נישט חוה האָט זיך מיט אים געשעמט, נאָר במשך פון די אַלע יאָרן איז אים חיימס שאָטן כּסדר נאָכגעגאַנגען און האָט זיך ווי אַ מחיצה אַוועקגעשטעלט צווישן זייביידע. ער האָט געקוקט אויף אירע געשוואָלענע אויגן און איר רויט אָנגעלאָפן פּנים און געטראַכט, אַז מיט חיימען האָט זי פאַרבונדן אַ סך מער, ווי אים האָט זיך געדאַכט.

אַ געפיל פון רחמנות אויף חוהן האָט גענומען עגבערן אין משהס האַרץ. באַלד האָט זיך אויך אָפּגערופן אַ ספק. איז ער, משה, געווען אַנשטענדיק אין זיינע מעשׂים? נאָך לאַנג פאַר זייער חתונה האָט אים חוה דערציילט וועגן חיימען. איז, ווי באַלד ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זי האָט אַ חתן, איז זיין חוב געווען פריִער געבוי אויסצופאָרשן דעם גאַנצן ענין. חתונה האָבן וואָלט ער געקענט ערשט דעמאָלט, ווען ער וואָלט זיכער געווען, אַז דער חתן האָט נישט איבערגעלעבט די מלחמה. וואָס האָט אָבער משה געטאָן? ער האָט חוהס ספקות אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט:

— קוק — האָט ער איר דעמאָלט געזאָגט — ס׳איז אַזאַ מוראדיקער חורבן. קיינער האָט נישט איבערגעלעבט. וווּהין וועסטו גיין אים זוכן? בלייב בעסער מיט מיר און דיר וועט קיין זאַך נישט פעלן.

זי איז געווען קראַנק און אויסגעמאַטערט. זי האָט אים געפאָלגט. נאָר איצט ווייסט ער, אַז ס׳איז געווען אַן אומגליק און ער אַליין טראָגט די הויפּטשולד פאַרן דאָזיקן אומגליק. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול, איז צוגעגאַנגען צו חוהן און גענומען זי גלעטן איבער די האָר. זי האָט אים נישט געשטערט.

— האָט ער נאָך נישט חתונה געהאַט? — האָט ער געפרעגט.

— ניין. ער האָט דערציילט מינען, אַז ער האָט די גאַנצע צייט געוואַרט אויף מיר.

— אויב אַזוי, טאָ פאַר וואָס האָט ער אַזוי לאַנג געוואַרט?

— די גאַנצע צייט איז ער געווען אין ישׂראל. ערשט איצט איז ער געקומען קיין אַמעריקע.

— אין ישׂראל? איז וואָס? נישטאָ דען קיין פּאָסט? מען קען נישט שרייבן קיין בריוו?

זי האָט נישט געענטפערט, נאָר אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי אָנגעהויבן דערציילן:

— משה, איך האָב עס דיר קיין מאָל נישט געזאָגט. אָבער איך האָב זיך קעגן חיימען שווער פאַרזינדיקט. אין געטאָ, פאַרן צעשיידן זיך, האָבן מיר זיך אָפּגעגעבן אַ שבועה, אַז ווער ס׳וועט איבערלעבן די מלחמה, וועט צוריק־קומען אויפן זעלבן אָרט און דאָרטן וואַרטן זעקס חדשים. אויב דער צווייטער צד וועט במשך פון דער צייט נישט צוריקקומען, באַדייט דאָס, אַז ער האָט נישט איבערגעלעבט, און ערשט דעמאָלט איז דער לעבנגעבליבענער פריי פון דער שבועה און קאָן פאַר זיך זוכן אַ נייעם וועג אין לעבן. איצט ווייס איך, אַז חיים איז צוריקגעפאָרן קיין פּוילן און געוואַרט אויף מיר. איך האָב אָבער נישט געהאַלטן די שבועה.

משה האָט זיך באַמיט נישט צו ווײַזן פאַר חוהן זיין אויפרעגונג. ער האָט מיט אַלע כּוחות באַהערשט זיין שטימע.

— ס׳איז טאַקע געווען אַן עוולה — האָט ער געזאָגט — אַז דו האָסט מיר נישט דערציילט וועגן דער דאָזיקער שבועה. נאָר פון דעסטוועגן זע איך איין אַז מיין שולד איז אין דעם גאַנצן אומגליק נישט קלענער פון דיינער. לאָמיר איצט צוזאַמען זוכן אַן אויסוועג.

חוה האָט איצט געקוקט אויף משהן מיט פאַרחידושטע אויגן. איר איז קיין מאָל נישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז פון משהן קען זי דערוואַרטן הילף, און איצט האָט ער איר די דאָזיקע הילף אַליין אָנגעבאָטן. זי האָט זיך אָנגעהויבן צו חידושן אויף זיך אַליין. פאַר וואָס האָט זי זיך ביז איצט פאַר משהן נישט פאַרטרויט, נישט אַריינגעצויגן אים ווי אַ שותף אין די אַלע צרות, וואָס פּייניקן זי זינט אַזאַ לאַנגער צייט? איר איז געוואָרן לייכטער

אויפן האַרץ, ווי איינעם, וואָס טראָגט אויף זיך אַ שווערע משׂא און פּלוצעם איז עמעצער אונטערגעקומען, האָט אונטערגעשטעלט אַ פּלייצע און אַ העלפט פון דער משׂא אויף זיך גענומען.

חוה האָט די ערשטע איבערגעריסן דאָס שווייגן. זי האָט דערציילט:

— מיין ליבע מיט חיימען האָט זיך אָנגעהויבן אין זומער 1939. איך בין דעמאָלט אַריבער אין זעקסטן קלאַס גימנאַזיע און ער האָט געענדיקט מאַטורע. באַלד איז אויסגעבראָכן די מלחמה און במשך פון די ווייטערדיקע חדשים האָט זיך עפּעס אַזוי געפירט, אַז מיר זיינען כּסדר געווען צוזאַמען. מיר האָבן געוווינט אין דעם זעלבן הויז. חיימס מאַמע איז געווען די באַלעבאָסטע פונעם הויז. קיין טאַטן האָט ער נישט געהאַט. מיינע עלטערן זיינען געווען נאָענט באַפריינדט מיט זיין מוטער. זי איז געווען אַ פאַרמעגלעכע און זייער געבילדעטע פרוי. מיך האָט זי שטאַרק ליב געהאַט און אויף איר פאַרלאַנג איז טאַקע פאָרגעקומען אונדזער פאַרלאָבונג.

געווען איז עס אַן ערך צוויי חדשים איידער דאָס געטאָ איז פאַרמאַכט געוואָרן. חיימס מוטער איז מסוכנדיק קראַנק געוואָרן. מסתּמא האָט זי געפילט, אַז אירע טעג זיינען שוין געציילטע. איין מאָל האָט זיביידע צוגערופן און געזאָגט, אַז זי פאַרלאַנגט זיי זאָלן תּיכּף שרייבן תּנאים. ביי איר קראַנקן בעט זיינען טאַקע פאָרגעקומען די תּנאים און עטלעכע וואָכן שפּעטער איז זי געשטאָרבן. דערנאָך זיינען געקומען די שווערע נסיונות פאַרן געטאָ און באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן די אויסזידלונגען. חיים איז געווען אין דער ערשטער גרופּע יונגע־לייט, וואָס זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון דער שטאָט. חוה איז פאַרשיקט געוואָרן אין לאַגער ערשט מיט זעקס חדשים שפּעטער. זינט דער צעשיידונג האָט חוה די גאַנצע צייט פון אים נישט געהערט. וועגן דעם, אַז ער לעבט האָט זי זיך דערוווּסט שוין דאָ, אין אַמע־ריקע, מיט אַן ערך פינף יאָר צוריק. זינט יענער צייט — האָט זי געקלאָגט — ווייס איך נישט פון קיין רו. ווי אַזוי קען איך זיך העלפן? אפשר קענסטו מיר אַן עצה געבן, משה?

משהן איז איצט איינגעפאַלן אַן אַנדער געדאַנק: אפשר האָט זי אים ליב נאָך ביז איצט? אויב אַזוי, ווייסט ער שוין, לחלוטין, נישט וואָס צו טאָן. אַ רחמנות־געפיל האָט זיך ביי אים דערוועקט אויף זייערע צוויי קינדער, און דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט זיך משה דערפילט פאַרלוירן. נאָר

פון דעסטוועגן האָט ער נישט פאַרגעסן, אַז קודם כּל דאַרף ער טרייסטן חוהן. האָט ער זיך אָנגערופן:

— זאָרג נישט, חוהשי. וועסט זען, אַז אַלץ וועט אויסקומען צום גוטן. אויב דו פרעגסט ביי מיר אַן עצה, וועל איך זי דיר געבן. דו דאַרפסט זיך זען מיט חיימען, זיך מיט אים פריי דורכשמועסן און הערן אַלץ, וואָס ער האָט דיר צו דערציילן. און וואָס ווייטער — וועט מען זען.

✶

אין אַ שבתדיקן נאָכמיטאָג האָט חיים סעגאַל באַזוכט חוהן. זי איז געווען אַליין אין שטוב. משה איז פריִער אַוועקגעגאַנגען וועגן זיינע געשעפטן און די קינדער זיינען, ווי יעדן שבת, מיט זייערע חברים אַוועק אין קינאָ. חיים איז אַריין אַן אויסגעפוצטער און צעשמייכלטער. אויסגעזען האָט ער פּונקט אַזוי ווי אין די אַמאָליקע צייטן. בלויז עטלעכע קנייטשן אונטער די אויגן און די צעשיטערטע שוואַרצע האָר, פון אונטער וועלכע עס האָט אַרויס־געקוקט אַ האַלבער פּליך, האָבן חוהן דערמאָנט, אַז די צייט האָט זיך שוין היפּשלעך אַ רוק געטאָן.

חוה האָט באַלד ביים אָנהייב דערפילט, אַז כאָטש ער זעט אויס ווי אַ מאָל, איז עס אָבער נישט דער זעלבער חיים. זיינע בליקן זיינען געווען אַנדערע. זיי האָבן פאַרראַטן אַן אינערלעכן אומרו, געווען דורכשפּיזנדיקע און פאַרשנ־דיקע. זי האָט זיך אונטער זיי נישט געפילט באַקוועם.

ער האָט געזען איר יונג־מיידלש פּנים פּונקט ווי אַ מאָל. ער האָט אָבער אויך געזען די שוין אַ ביסל צעוואַקסענע היפטן און דיק געוואָרענע פיס. האָט ער איר געזאָגט:

— דו האָסט זיך ווייניק געענדערט, חוה, כאָטש — דאָ האָט ער אַ זיפץ געטאָן — אונדזער לעצטע באַגעגעניש איז נישט פאַרגעקומען נעכטן.

ער האָט דערציילט, אַז ער איז אַן אַרכיטעקט און האָט אויפגעבויט גרויסע און שיינע בנינים אין ישראל. איצט איז ער געקומען אין שליחות פון דער ישראל־רעגירונג צו שטודירן נייע אַמעריקאַנישע בוי־פּראָיעקטן. ער וועט דאָ בלייבן אַן ערך זעקס חדשים אָדער אַ יאָר. ווען זי האָט אים געפרעגט, פאַר וואָס ער האָט ביז איצט נישט חתונה געהאַט, האָט ער געענטפערט מיט אַ לצנישן שמייכל:

— נאָך וואָס דאַרף איך חתונה האָבן? ווייניק פרויען זיינען פאַראַן, וואָס איך קען זיי האָבן אָן חתונה צו האָבן?

חוהן האָט דער דאָזיקער ענטפער שאָקירט. זי האָט שטיל געזאָגט:

— חיים, איך דערקען דיך נישט.

דער שמועס איז אַריבער אויף זייערע אָנגעוויטיקטע ענינים. ער האָט דערציילט, ווי ער האָט אויף איר געוואַרט אין פוילן און ווי ער איז דערנאָך אַוועק קיין דייטשלאַנד און דאָרט אָנגעהויבן צו שטודירן.

— איך מיין — האָט זי געזאָגט — אַז איך בין דיר שולדיק אַ פאַרענט־פערונג, הלמאי איך בין נישט געקומען אויפן אָפּגעשמועסטן אָרט. ס׳איז אָבער אין דעם נישט געווען קיין בייזער ווילן. זעסט, די לאַגע איז געווען אַזעלכע: אינעם לאַגער אין שלעזיע בין איך קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. ווען איך בין אַרויס פונעם טיפוס, האָט שוין די מלחמה געהאַלטן ביים סוף. אונדזער לאַגער האָבן פלוצעם איבערגענומען עס־עס־לייט און זיי האָבן אונדז גענומען טרייבן צו פוס קיין דייטשלאַנד. איך וואָלט גאַנץ זיכער געבליבן אויפן וועג, ווען ס׳וואָלט נישט געטראָפן דער נס, אַז אַמעריקאַנער זיינען אָנגעקומען און אונדז באַפרייט. נאָר אַפילו דעמאָלט, נאָך דער באַ־פרייונג, בין איך עטלעכע חדשים געלעגן אין אַ שווערן צושטאַנד. ווען נישט משה, וואָס האָט מיך געראַטעוועט, וואָלט איך אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט. ווי אַזוי־זשע האָב איך אין אַזאַ צושטאַנד געקענט זיך לאָזן פאָרן קיין פוילן?

— אויב דו וואָלסט אַהין געקומען שפּעטער, וואָלסטו זיך דאָרט געקאָנט וועגן מיר דערוויסן און מיך געפינען.

— יאָ, איז עס טאַקע מיין שולד. נאָר משה האָט מיר געהאַט געזאָגט, אַז נאָך אַזאַ חורבן, זיינען נישט פאַראַן קיין אויסזיכטן אויף צו געפינען אַ פאַרלוירענעם חתן. ער האָט מיר פאָרגעלייגט צו בלייבן מיט אים. איך האָב שוין נישט געהאַט מער קיין כּוחות צו קעמפן, האָב איך אים געפאָלגט.

— ביסטו כאָטש מיט אים גליקלעך?

— ער איז אַ גוטער מאַן און ס׳פעלט מיר ביי אים נישט קיין זאַך — האָט זי אויסמיידנדיק געענטפערט.

— אָ, אויב אַזוי איז טאַקע זייער גוט — האָט ער גלייכגילטיק געשמייכלט.

— דו ביסט געווען אַ וווּיל מיידל און ס׳איז נישט קיין וווּנדער, אַז דו האָסט באַקומען אַ גוטן מאַן.

פון חיימס ווערטער, פון זיין גאַנצער אויפפירונג האָט חוהן אַ שלאָג געטאָן אַ קעלט, וואָס האָט ביי איר אָפּגענומען דאָס לשון. זי האָט איצט בפירוש געפילט, אַז ס'איז נישט דער זעלבער חיים פון אַ מאָל. ער איז אַ גאַנץ אַנדערער און אַ ווייטער. אומווילנדיק האָט זי אים אין געדאַנק פאַר־גלייכט מיט משהן און זי האָט דערפילט, אַז אין משהס נאָענטקייט פילט זי זיך אַ סך וואַרעמער, ווי אין דער געזעלשאַפט פון אָט דעם מענטש, וואָס איז אַ מאָל געווען איר חתן. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט זיך חוה פאַרבענקט נאָך משהן.

דער ווייטערדיקער שמועס האָט זיך שוין נישט געבונדן. חיים האָט זיך געזעגנט און חוה איז אַ קאַלטע געשטאַנען אַנטקעגן אים. זי האָט אים נישט פאַרבעטן צו קומען אַ צווייט מאָל. זי האָט אים מער וועגן קיין זאַך נישט געפרעגט.

*

אין אָוונט איז משה אַהיימגעקומען. ביי דער טיר האָט אים חוה אָפּגע־וואַרט מיט אַ ברייטן שמייכל. מיט ציטער האָט משה געפרעגט:

— וואָס איז, חוהשי?

— גאָרנישט. ער וועט מער נישט קומען...

די טאָכטער

מאַקס ריינער האָט זיין ווידערגעפונענע טאָכטער געברענגט קיין ביר־יאָרק און זיך מיט איר באַזעצט אין אַ ניי־געדונגענער, באַקוועמער וווינונג, נישט ווייט פון זיין געשעפט. ער אַליין האָט זיך געפילט גליקלעך אַזוי ווי אין אַמאָליקע צייטן, ווען ער האָט געלעבט צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע. סטעפע האָט זיך מיט גרויס פלייס אַ נעם געטאָן צום איינאָרדנען די נייע דירה. זי האָט געוואַשן און געפוצט, ביז מען האָט זיך געקאָנט שפּיגלען אין יעדער שטובזאַך. זי האָט געקאָכט מאָלצייטן און מאַקס האָט זיך גע־וווּנדערט פון וואַנען קומט צו איר אַזאַ קאָכן. ביי דער פּאַני יאַדוויגע אין וואַרשע, ווו סטעפע האָט זיך אויסגעכאָוועט, האָט מען געלעבט אין אָרעמ־קייט און נויט, און דאָרט האָט זי גאַנץ זיכער נישט געזען די אַלע מאַכלים, וואָס זי האָט איצט צוגעגרייט פאַרן פאָטער.

בלויז די ערשטע עטלעכע מאָל האָט מאַקס געדאַרפט מיט איר גיין איינ־קויפן. ער האָט איר געוויזן, ווו ס׳געפינען זיך די שפּייזגעשעפטן און ווי אַזוי מען קלויבט אויס די אַלע זאַכן, וואָס מען דאַרף. דערנאָך פלעגט זי שוין גיין אַליין. זי האָט געפונען אַ ייִדיש פליישגעשעפט, ווו זי האָט זיך מיטן פאַר־קויפער צוזאַמענגערעדט אויף פּויליש. אין סופּערמאַרקעט איז קיין פראַגע נישט. דאָרט דאַרף מען מיט קיינעם נישט רעדן. מען קלויבט אַליין אויס די אַרטיקלען און מען גייט צו דער קאַסע באַצאָלן.

דאָס ערשטע מאָל נאָך נײַנצן יאָר, דאָס הייסט זינט מאַקס איז פון וואַרשע אַוועקגענומען געוואָרן צו דער מלחמה און האָט מירען מיט סטעפען (זי איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר און די עלטערן האָבן זי גערופן סאָניע) איבערגעלאָזט אויף הפקר, האָט ער זיך דערפילט אין אַן אייגענער היים, ווי אַן אמתדיקער בעל־הבית. אַ פרישער שטראָם פון ענערגיע האָט באַהויכט זיין בלוט. ער האָט זיך מיט ברען אַ נעם געטאָן צום פונאַנדערבויען זיין געשעפט פון ראַדיאָ־אַפּאַראַטן און טעלעוויזיעס, וואָס איז ביז איצט געווען

היפשלעך אָפּגעלאָזט. איצט וועט ער דאַרפן מער געלט אויף צו לעבן. אַ דערוואַקסענע טאָכטער וועט מען דאַרפן חתונה מאַכן און חוץ דעם האָט ער זיך מתחייב געווען צו שיקן דער פּאַני יאַדוויגע קיין וואַרשע יעדן מאָנאַט פּופּציק דאָלער אַזוי לאַנג ווי זי און ער וועלן לעבן.

אָבער מאַקס האָט נישט געזאָרגט זיך צוליב געלטזאַכן. ער האָט גע־גלייבט, אַז ער וועט איבערקומען די דאָזיקע שוועריקייטן. דער עיקר איז, אַז ער האָט געפונען זיין קינד און זיי ביידע האָבן אויפגעהערט צו זיין עלנט און איינזאַם.

פון דעסטוועגן איז יאָ געווען עפּעס, וואָס האָט געעגבערט אין מאַקסעס האַרץ. זיין יוגנט־חבר, וואָס ווינט אין פּוילן און האָט סטעפען געפונען און זי טאַקע אויך מיט גרויס מי אָפּגענומען פון דער פּאַני יאַדוויגע, האָט אין דעם זעלבן בריוו, ווו ער האָט מאַקסן איבערגעגעבן די גוטע נייעס, צוגעשריבן אַזוי: „נאָר, ליבער מאַקס, דו מוזסט צוגעגרייט זיין אויף פּאַר־שידענע סורפּריזן. ביים אָנהייב וועט דיר נישט זיין לייכט. פאַרגעס נישט, אַז זי איז אויפגעוואַקסן אין אַ וועלט, וואָס איז אַנדערש פון אונדזערער, צווישן מענטשן, וואָס האָסן אַזעלכע ווי דו און איך. אָבער מיט דער הילף פון דיין קלוגשאַפט און פון אַן אמתדיקער פאָטערלעכער ליבשאַפט וועסטו האָפנטלעך בייקומען אַלע שוועריקייטן״.

טראַכט איצט מאַקס, וואָס דער חבר זיינער האָט געמיינט און וואָס ס׳דערוואַרט אים נאָך איצט, ווען ער האָט שוין זיין טאָכטער ביי זיך.

*

אַז סטעפע האָט נישט קיין בילדונג האָט מאַקס דערקענט גלייך ביי דער ערשטער באַגעגעניש. געווען איז עס אין פּאַריז, וווהין ער איז געפאָרן זי אָפּוואַרטן, ווען זי וועט אָנקומען פון וואַרשע מיט דער באַן. אין אַ פרי־מאָרגן איז ער געשטאַנען אויפן מזרח־וואָקזאַל. דער צוג פון שטראַסבורג האָט זיך אַריינגעגליטשט. ער האָט זיך גערוקט לאַנגזאַם און זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ געקלינגעריי פון קייטן. מאַקס האָט אַן אויפגערעגטער גענומען לויפן לענג־אויס די וואַגאָנען. זיין אַנטבלויזטער קאָפּ, געדיכט באַגראָט, האָט זיך נערוועז געדרייט און די באַברילטע אויגן האָבן געוואָרפן פונקען צו די פענצטער פון די וואַגאָנען. פלוצעם איז ער אַ פאַרגאַפטער שטיין געבליבן

לעבן איין וואַגאָן. אינעם פענצטער האָט ער דערזען דאָס געזיכט פון זיין פרוי, מירע.

מאַקס איז פאַרציטערט געוואָרן. פונקט אַזוי איז עס געווען דעם 30סטן אויגוסט 1939 אויפן וואַרשעווער הויפּטוואָקזאַל. נאָר דעמאָלט האָט ער, אַן אויסגעפּוצטער אין אַן אוניפאָרם פון אַ פּוילישן אָפיציר, אַרויסגעקוקט פונעם פענצטער און מירע איז געשטאַנען אויפן פּעראָן און האָט אים געזעגנט. אַרום זיי האָבן זיך געשטופּט טויזנטער מענטשן, האָבן געליאַרעמט און געוויינט. אָבער מירע איז געשטאַנען אַ רויקע מיט אַ שמייכל אויפן פּנים. ווען דער צוג האָט גערירט, האָט ער זי געזען מיט אַ ווייס טיכל אין דער אויפגעהויבענער האַנט. זינט דעמאָלט האָט ער זי שוין מער נישט געזען און קיין וואָרט וועגן איר נישט געהערט.

און אָט איצט שטייט זי דאָ פאַר אים אינעם פענצטער פונעם וואַגאָן. זי קוקט גלייך אויף אים מיט די זעלבע ברייט צעעפנטע אויגן, נאָר זי שמייכלט נישט. ער האָט אַראָפּגעשלונגען אַ זיפץ און אַרויפגענומען אַ שמייכל אויף זיין פּנים. ער האָט אויפגעהויבן די האַנט און איר צוגעשאָקלט אַ באַגריסונג. זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם צוג מיט אַ קליין רענצל אין דער האַנט. זי איז צו אים צוגעלאָפן און געפרעגט אויף פּויליש:

— זענט איר מיין טאַטוש?

ער האָט זי אַרומגענומען מיט ציטערנדיקע הענט, געקושט זי און טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער זיין פּנים.

— דו ביסט מיין קינד און איך וואָלט דיך דערקענט צווישן אַ מיליאָן פרעמדע מענטשן, מיין קליינע סאָניעלע.

— סאָניע — האָט זי זיך געוווּנדערט — דער נאָמען קלינגט מיר היימיש, אָבער רופן רופט מען מיך סטעפע. אַזוי שטייט אויך אין מיינע פּאַפּירן.

— יאָ, יאָ, סאָניע הייסטו. דעם נאָמען האָבן מיר דיר געגעבן נאָך מיין מאַמען ע״ה. זי האָט געהייסן שיינדל.

ער האָט ביי איר צוגענומען דאָס רענצל, צוגעדריקט זי צו זיך און אַזוי זי אַרויסגעפירט פונעם וואָקזאַל.

עטלעכע טעג האָט ער מיט איר פאַרבראַכט אין פּאַריז. ער האָט איר געקויפט שיינע קליידער און האָט איר געוויזן קולטור־מערקווערדיקייטן,

וואָס די דאָזיקע שטאָט פאַרמאָגט. מיט די קליידער האָט זיך סטעפע שטאַרק געפרייט. אָבער די שיינקייטן, וואָס ער האָט איר געוויזן, האָבן איר געלאַנג־וויילט. זי האָט עס נישט פאַרשטאַנען. האָט זיך מאַקס באַלד געכאַפּט, אַז דאָס מיידל האָט גאָר ווייניק געלערנט. ער האָט זי געפרעגט, וואָס פאַראַ שולן זי האָט באַזוכט. האָט זי אים דערציילט, אַז זי האָט געענדיקט פיר קלאַסן פון אַ פאָלקסשול. ווייטער האָט זי די מוטער (דאָס הייסט די פּאַני יאַדוויגע) נישט געקענט לאָזן לערנען, ווייל זיי זיינען געווען זייער אָרעם.

האָט מאַקס שוין מער נישט געפרעגט, כאָטש אַ סך פראַגן זיינען פאַר אים געבליבן אומפאַרענטפערט. ביי זיך האָט ער געטראַכט: די אָרעמסטע יידישע אַלמנה, אַפילו אַזעלכע, וואָס אַליין קען זי נישט לייענען, וואָלט זיך אין דער היינטיקער צייט נישט באַגנוגט מיט די פיר קלאַסן וואָס איר קינד האָט געענדיקט. און די פּאַני יאַדוויגע? זי געהערט דאָך צו דער פּוילישער אינטעליגענץ.

*

קומענדיק קיין ניו־יאָרק האָט מאַקס אָוועקגעפירט סטעפען אין אַ פּריוואַטער שול און זי דאָרט פאַרשריבן, כדי זי זאָל לערנען ענגליש און אַלע אַנדערע אַלגעמיינע וויסנשאַפטן, וואָס מען לערנט אין מיטלשול. אין אָנהייב האָט זי גאַנץ גוט געלערנט, אָבער מיט אַ צייט שפּעטער האָט זיך ביי איר עפּעס געביטן; זי האָט אויפגעהערט צו לערנען. מאַקס האָט זיך דערמאָנט אין די ווערטער פון זיין יוגנט־חבר און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס צוריקבאַקומען די טאָכטער איז נישט מער ווי אַ העלפט פון דער אַרבעט, די צווייטע העלפט איז דאָס צוריקגעווינען זי פאַר זיך. די דאָזיקע צווייטע העלפט פון דער אַרבעט מוז ערשט ווערן געטאָן, כדי ער זאָל זיכער זיין, אַז דאָס קינד איז זיינס, אַז עס געהערט אין גאַנצן צו אים.

מאַקס האָט זיין גאַנצע פרייע צייט געווידמעט סטעפען. ער איז מיט איר געזעסן אין די אָוונטן און איר דערציילט אַלץ וועגן דער היים, ווו זי איז געבוירן געוואָרן, דערציילט איר וועגן דער אומגעקומענער מאַמען. ער האָט זיך באַמיט צו דערוועקן אין סטעפען אַ ליבע־געפיל פאַרן אָנדענק פון דער דאָזיקער פרוי, וועלכע ער אַליין האָט קיין מאָל נישט פאַרגעסן און קיין מאָל נישט אויפגעהערט ליב צו האָבן.

מאַקס האָט אָנגעבונדן קאָנטאַקטן מיט באַקאַנטע פאַמיליעס, וואָס האָבן

געהאַט זין און טעכטער אין סטעפּעס עלטער. ער האָט זיך באַמיט אָפּט צוזאַמענצוטרעפן מיט די דאָזיקע פאַמיליעס, אויף אַזאַ אופן האָט ער גע־טראַכט אַריינצופירן זיין טאָכטער אין אַ גוטער געזעלשאַפט, פאַר וועלכער זי וועט אויך האָבן אַן אינטערעס.

אָבער נאָך אַ צייט האָט מאַקס באַמערקט, אַז סטעפּע מיידט אויס די היים. האָט ער דערפילט אַ שטאָך אין האַרצן. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זי גייט אָפּט אַרויס מיט אַ ייִנגל, און זי האָט דערציילט, אַז דער בחור איז אַ פּאָרטאָריקאַנער און אַז ער געפעלט איר זייער שטאַרק.

האָט מאַקס צו איר געזאָגט:

— איך ווייס נישט, ווער דער יונגער מענטש איז. מעגלעך, אַז ער איז אַ פיינער און אַ ווערטפולער. אָבער ווי ער זאָל נישט זיין, גלויב איך, אַז ער פּאַסט זיך נישט פאַר דיר, פונקט ווי דו פּאַסט זיך נישט פאַר אים.

— אין וואַרשע האָט מיר די מוטער קיין מאָל נישט פאַרווערט צו גיין מיט וועמען איך האָב געוואָלט — האָט זי געענטפערט מיט כּעס.

— אָ, סאָניעלע, דו קענסט נישט פאַרגלייכן וואַרשע צו ניו־יאָרק...

— איך ווייס שוין, וואָס דו מיינסט — האָט זי אים איבערגעהאַקט מיט אַן אויפגעהויבענער שטימע און טרערן האָבן זיך געוויזן אין אירע אויגן — איך וויל אַהיים, צוריק צו דער מוטער.

זי איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און איר גאַנצער קערפּער האָט מיטגעצוקט אין אַ שטילן געוויין. ער האָט זי איינגענומען מיט וואַרעמע ווערטער:

— איך פאַרשטיי דיך. דו פילסט זיך פרעמד אין דער נייער וועלט און דו בענקסט. אָבער דאָס וועט אַריבערגיין. ווי ס׳זאָל נישט זיין, איז דאָך פאַר דיר בעסער דאָ, ווי ס׳איז געווען דאָרט.

— פאַר וואָס האָסטו עס מיר געטאָן? — האָט זי געקלאָגט — צו וואָס האָב איך געדאַרפט וויסן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ בעסער לעבן? נאָך וואָס האָב איך געדאַרפט וויסן, אַז איך בין געבוירן געוואָרן אַ ייִדישע? איך וויל נישט זיין קיין ייִדישע.

— זאָג נישט אַזוי, מיין קינד. ס׳האַנדלט זיך נישט אין דעם צי דו ווילסט אָדער נישט. אַ ייִד ווערט ער געבוירן און אַזוי בלייבט ער ווי לאַנג ער לעבט. רעד דיר נישט איין, אַז דו וואָלסט דיין גאַנץ לעבן איבערגעלעבט

אין פוילן אַ נישט דערקענטע. פריִער אָדער שפּעטער וואָלטסטו זיך דערוווּסט וועגן דעם סוד און דעמאָלט וואָלט די אַנטפּלעקונג געווען פאַר דיר פיל ווייטיקלעכער, ווי זי איז איצט.

— ניין, ניין — האָט זי עקשנותדיק זיך געווערט — איך וויל מער נישט הערן. איך וויל נישט זיין קיין יידישע.

נאָך דעם דאָזיקן געשפּרעך האָט זיך מאַקס געפילט אַ דערדריקטער. ער האָט איצט סטעפען געזען זייער זעלטן. יעדן אָוונט פלעגט זי אַרויסגיין פון דער היים און זיך אַרומשלעפּן מיט אַ געזינדל יונגע־לייט און מיידלעך. זי האָט נישט געלערנט און האָט פאַרוואָרלאָזט די שטוב־ווירטשאַפט. מאַקס פלעגט אויף איר וואַרטן אין שטוב ביז שפּעט אין דער נאַכט. ער האָט נאָך געהאָפט, אַז ער וועט זי קענען איבערצייגן מיט גוטע רייד. זי האָט זיך אָבער צו אים נישט צוגעהערט. מאַקס האָט געוווּסט, אַז סטעפע איז אַריינגעפאַלן אין אַ שלעכטער געזעלשאַפט. ער האָט פאַרויסגעפילט אומגליק און בזיונות.

*

איין מאָל, אין אַ שפּעט־האַרבסטיקן אָוונט, האָט מאַקס זיך געגרייט צו פאַרמאַכן זיין געשעפט. ער האָט שוין געהאַט אַרויסגענומען פונעם רעדזשיסטער דאָס געלט און די טשעקס, וואָס ער האָט געלייזט דורכן טאָג. ער האָט דאָס פּעקל אַריינגעלייגט אין בוזעם־קעשענע און גענומען אויסלעשן דאָס ליכט. פּלוצעם האָט ער דערהערט אַ געוויש פון האַסטיקע טריט. סטעפע איז אַ פאַרסאַפּעטע און מיט פאַרשוואָלענע אויגן אַריינגעפאַלן אין געשעפט אַריין. זי האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, נאָר אַזוי לויפנדיק האָט זי אָנגעכאַפּט דעם פאָטער ביי די לאַצן פון זיין מאַנטל און אים אַ שלעפּ געטאָן צו דער הינטערשטער טיר, וואָס האָט אַרויסגעפירט אין אַ לאַנגן און האַלב־טונקלען קאָרידאָר.

— טאַטוש — האָט זי אַ געשריי געטאָן — אַנטלויף, ווייל באַלד קומען זיי אָן!

זי האָט אויפגעריסן דעם ריגל פון דער טיר און האָט דעם פאָטער אַרויסגעשטופּט אין קאָרידאָר אַריין.

— לאָמיר לויפן — האָט זי זיך געבעטן און ער, נישט ווויסנדיק, וואָס דאָ קומט פאָר, האָט אין פּאַניק גענומען לויפן. דורכגעלאָפן די גאַנצע לענג

פונעם קאָרידאָר, זיינען זיי אַרויס אין גאַס, אַריבערגעלאָפן אויף דער צווייטער זייט און האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער שוועל פונעם קענדי־סטאָר, פונקט אַנטקעגן די פענצטער פון מאַקס׳ געשעפט. זיי האָבן געזען ווי צוויי יונגע־לייט, פּראַנטיש אָנגעטאָן, מיט שוואַרצע, לאַנגע טשופּרינעס און די הענט אין די קעשענעס, זיינען אַריין צו מאַקסן. זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט און נישט געפינענדיק קיין לעבעדיקן מענטש, האָבן זיי אויפן קול גערופן:

— איז קיינער דאָ נישטאָ?

איינער איז צוגעגאַנגען צום אָפענעם רעדזשיסטער און זעענדיק, אַז ער איז ליידיק, האָט ער זיך גלייך אומגעקערט. צוויי מאָל האָבן זיי זיך דורכשפּאַצירט אינעם געשעפט און דערנאָך זיינען זיי ווידער אַרויס אין גאַס און האָבן זיך אָפּגעטראָגן.

— ווער איז עס? — האָט מאַקס געפרעגט אַ פאַרציטערטער.

סטעפע האָט אויך געציטערט און זיך געווישט די אויגן.

— זיי זיינען נישט פון אונדזער געגנט, אָבער די אונדזעריקע האָבן זיי אונטערגעשיקט, כּדי דיך צו באַרויבן.

זי האָט נאָך אַ ביסל צוגעוואַרט. דערנאָך האָט זי פון מאַקסן גענומען די שליסלען און איז אַליין אַוועק אויסצולעשן דאָס ליכט און צו פאַרמאַכן די טירן.

צו מאָרגנס, ווען מאַקס איז אויפגעשטאַנען צו גיין אין געשעפט, האָט ער זיין טאָכטער געפונען אַן אָנגעטוענע. ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ פרעגנדיקן בליק און זי האָט מיט אַנטשלאָסנקייט געזאָגט, אַז זי גייט מיט אים צוזאַמען. זינט יענער צייט איז זי נישט אָפּגעטראָטן פון מאַקסן. זי האָט אים באַוואַכט דעם גאַנצן טאָג אין געשעפט און אין אָוונט איז זי צוזאַמען מיט אים אַהיימגעגאַנגען. זי האָט זיך ביי אים געהאַלטן אין איין בעטן:

— לאָמיר אַוועק פון דער דאָזיקער געגנט. זיי זיינען געפערלעכע פאַר־ברעכערס. איך בין זיכער, אַז זיי וועלן ווידער קומען.

האָט ער זיך אונטערגעגעבן, און כאָטש ער האָט געמוזט פאַרלירן אַ גרויסן טייל פון זיין פאַרמעגן, האָט ער אויסגעזוכט אַ סוחר און פאַרקויפט זיין געשעפט. אַליין איז ער אַוועק זוכן פּרנסה אין אַן אַנדער געגנט פון דער שטאָט. ער איז קיין מאָל נישט געוואָר געוואָרן, ווי אַזוי סטעפע האָט זיך

דערוווסט וועגן דעם, אַז די רויבערס דאַרפֿן צו אים קומען. זי האָט אים בלויז דערציילט, אַז אויף אַזאַ אופֿן האָבן זיי זיך געוואָלט נוקם זיין אין איר, ווייל זי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו העלפֿן זיי אין זייערע פֿאַרברעכנס.

מאַקס האָט נישט געטרויערט צוליב דעם פֿאַרלויר׳ענעם געלט. ער האָט געטראַכט ביי זיך, אַז אויב דאָס איז געווען דער פּרייז, וואָס ער האָט געדאַרפֿט באַצאָלן פֿאַרן צוריקגעווינען זיין קינד, האָט ער גוט געהאַנדלט; די זאַך איז ווערט געווען דעם דאָזיקן פּרייז.

דער באַגינען

יענער ווינטער, בעת וועלכן מען האָט די דייטשן געטריבן פון דער פוילישער ערד, האָט זיך גוט איינגעקריצט אין זכרון. אַ דיקע שאָל פון אייז און שניי האָט אין אַ ווייסן געוואַנט פאַרקאָוועט דעם גאַנצן אַרום. די ווייסל, וואָס האָט זומערצייט, ווי אַ זילבערנע וואַסער־סטענגע זיך געשלענגלט טיף אין טאָל, איז איצט פאַרשווונדן געוואָרן אָן שום זכר. עס האָט זיך אין גאַנצן איינגעשטילט דאָס געוויש פון אירע צעברויזטע כוואַליעס און אויפן אָרט, ווו זי האָט געדאַרפט פליסן, האָבן איצט זיך געוויסט רחבותדיקע שניי־פעלדער אין אַ גלייכער כּמעט אָנסופיקער ווייטקייט.

איבער די דאָזיקע שנייפעלדער האָבן איצט שערענגעס מענטשן געצויגן צו יענער זייט טייך. ערשט נעכטן האָט מען די דייטשן פאַרטריבן פון דער פוילישער הויפּטשטאָט, וועלכע זיי האָבן איבערגעלאָזט אַ חרובע, ווי סדום נאָך גאָטס צאָרן. זיי האָבן נאָך זיך אויפגעריסן אַלע בריקן, וואָס האָבן די הויפּטשטאָט פאַרבונדן מיט אירע פאָרשטעט און מיט איר רעכטער האַנט, פּראַגע. בלית ברירה האָבן איצט די מענטשן געמוזט פון פּראַגע קיין וואַרשע אַריבערגיין איבערן פאַרפרוירענעם טייך.

נישט קוקנדיק אויף די פילפאַכיקע סכנות, מיט וועלכע אַזאַ שפּאַציר איז געווען פאַרבונדן, זיינען פון דעסטוועגן אַ סך מענטשן געגאַנגען אַהין און צוריק. ווער ס'האָט דאָרט מיט אַ האַלב יאָר צוריק געהאַט איבערגעלאָזט אַן אייגענע דירה, אַ היים, ווער זיין נאָענטע משפּחה, פון וועלכער ער איז געבליבן אָפּגעריסן.

יענעם פאַרנאַכט איז אויפן דאָזיקן שנייוועג געגאַנגען פון וואַרשע קיין פּראַגע אַ מאָדנע גרופּע מענטשן. צוזאַמען זיינען זיי געווען אַן ערך צוויי מניינים. דאָס רוב מענער, און בלויז געציילטע עטלעכע פרויען צווישן זיי. פון די בלייכע און אויסגעצערטע פּנימער, פון די צעשראָקענע אויגן איז לייכט געווען צו דערקענען, ווער זיי זיינען: יידן, וואָס זיינען נאָר וואָס אַרויס

פון די אונטערערדישע בונקערס. פוילישע שקצים, וועלכע זיינען געגאַנגען אויפן זעלבן וועג, האָבן דאָס טאַקע גלייך דערשנאַפּט און האָבן געוואָלט זיך דערנענטערן צו די ייִדן.

אָבער די ייִדן זיינען נישט געגאַנגען אַליין. אַ פאַרשטאַרקטע וואַך פון פוילישע סאָלדאַטן האָט זיי געפירט אונטער געלאָדענע אויטאָמאַט־ביקסן, פונקט אַזוי ווי מען פירט געפערלעכע פאַרברעכערס. די מענטשן פון המון, וואָס האָבן זיך נאָכגעשלעפּט נאָך די אַרעסטירטע ייִדן, האָבן זיך ממש געקוויקט פון הנאה. ווייזט אויס, אַז מיטן פאַרטרייבן די דייטשן האָבן זיך די צייטן ווייניק וואָס געביטן: מען פירט איצט ייִדן אויף דעם זעלבן אופן, ווי מען פלעגט זיי פריִער פירן.

בראש פון דער ייִדישער גרופּע האָט געשפּאַנט אַ באַברילטער יונגער־מאַן, הויך אויסגעצויגן און אויסגעדאַרט ווי אַ שטעקן. אָנגעטאָן אין אַ צעריסן קורץ פּעלצל און אויסגעטראָטענע מגושמדיקע שטיוול האָט ער קוים געקענט שלעפּן זיינע פיס. הויך איבערן קאָפּ האָט ער געהאַלטן אַ רויטע שמאַטע אָנגעבונדן אָן אַ שטעקן, אַ מין אימפּראָוויזירטע רויטע פאָן און אונטער דער דאָזיקער פאָן האָט ער מיט אַ הייזעריקער שטימע געצויגן די טענער פונעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. זיינע חברים האָבן זיך באַמיט אים אונטערצוהעלפן, אָבער צוליב זייערע אָפּגעשוואַכטע שטימעס האָט זיך דער ניגון נישט געקלעפּט. אַפילו פון גאָר נאָענט האָט מען קוים געקענט הערן זייער זינגען. אין אָט דעם הולך האָבן די ייִדן געמוזט אויסזען זייער קאָמיש. אַ סימן, אַז דער נאָכלויפנדיקער המון האָט הויך געלאַכט און געמאַכט זיך פריילעך אויפן חשבון פון די אָפּגעבליאַקעוועטע און דבקותדיק צעזונגענע ייִדן.

די שנייפעלדער פון אַרום דעם טייך האָבן זיך אויסגעלאָזט. מען האָט איצט געשפּרייזט איבער די פאַרשנייטע גאַסן פון פּראַגע. געוועזן איז שוין גוט פינצטער, ווען מען האָט די גרופּע ייִדן אַריינגעפירט אין דעם שול־בנין אויף אָטוואָצקע־גאַס, וווּ עס האָט זיך באַזעצט די נייע ממשלה פון וואַרשע. דער קאָמענדאַנט פון די שומרים האָט די ייִדן אַראָפּגעפירט אין דעם קעלער פונעם שול־בנין. ער האָט זיי געהייסן זיך אויסשטעלן אין דעם לאַנגן קאָרי־דאָר און אַליין האָט ער אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, איבער וועלכער עס איז געהאַנגען אַן אויפשריפט „דינסטפירנדיקער אָפיציר".

דער אָפיציר איז באַלד אַרויסגעקומען אין אַ צעקנעפּלטן מונדיר און ווייכע שטעקלאַטשן. דער שומר האָט אים געמאָלדן, אַז ער האָט אין וואַרשע געכאַפּט אָט די גרופּע באַוואָפנטע מענטשן און ער האָט אַ חשד, אַז זיי זיינען דייטשן. דער אָפיציר האָט אויסגעהערט די מעלדונג און אין דער שוואַכער באַלייכטונג פונעם קאָרידאָר האָט ער גענומען באַקוקן די אַריינגעפירטע גרופּע. נאָר באַלד ווי ער האָט געכאַפּט אויף זיי אַ בליק, האָט ער זיך הויך צעלאַכט. אין דער זעלבער רגע האָט אויך דער יונגער־מאַן מיט דער רויטער פאַן אויסגערופן:

— אָ, קאַפּיטאַן יאַצעק!

דער קאַפּיטאַן איז מיט אימפּעט צוגעלאָפן צום יונגן־מאַן, האָט געשאָקל'ט זיין האַנט און געפרעגט:

— באַראַוויטש, וואָס טוסטו דאָ?

ער האָט נישט געקענט זיך באַהערשן און האָט נאָך כסדר געלאַכט און אַזוי לאַכנדיק האָט ער גענומען רעדן צום איבעררעשטן קאָמענדאַנט פון די שומרים:

—, דו שוטה, וווּ זיינען דיינע אויגן? אַזוי זעען ביי דיר אויס דייטשן?

יענער האָט זיך אַזש איינגעקאַרטשעט פון בושה און איז פאַרקראָכן ערגעץ אין אַ ווינקל. דער קאַפּיטאַן האָט די גרופּע יידן אַריינגעפירט אין זיין וואַרעם אויסגעהייצטער דינסטשטוב, געמאַכט פאַר זיי אָרט זיך אָוועקצוזעצן אַרום דעם הויכן אייזערנעם אויוון און דערנאָך האָט ער געהייסן אַריינ־ברענגען קאָכעדיקע טיי, אַ פלאַש בראָנפן און געקעכץ פונעם מיליטערישן קעסל.

*

העניעק באַראַוויטש און זיין פרוי מאַרישע זיינען געווען גאַנץ יונגע מענטשן, כאָטש חתונה געהאַט האָבן זיי נאָך פאַרן אויסבראָך פון דער מלחמה. ביידע זיינען געווען אויסגעצערטלטע קינדער פון פיינע יידישע היימען, אָבער אין געטאָ איז העניעק געוואָרן אַ קאָמוניסט. געשען איז עס, נאַטירלעך, על פּי צופאַל, פונקט אַזוי ווי דאָס גאַנצע לעבן אין געטאָ האָט זיך צוזאַמענ־געלייגט פון בלויז צופאַלן, זייער זעלטן גליקלעכע.

היינט ווייסט מען שוין גוט, ווי אַזוי אַזעלכע זאַכן פלעגן פאָרקומען: איינער האָט געזוכט אַ קאָנטאַקט מיט אַן אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע,

און וועלכע ס׳איז אים אונטערגעקומען די ערשטע, צו דער איז ער צוגע־שטאַנען. לכתחילה האָט ער אַפילו נישט געוווּסט, וועד זי איז, די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע, מחמת אַלץ האָט געמוזט געהאַלטן ווערן פאַרקאָנספּירירט און בסוד סודות. העניעק האָט ערשט נאָך אַ לענגערער צייט אַנטדעקט די פּאָליטישע צוגעהעריקייט פון דער אָרגאַניזאַציע, מיט וועלכער ער איז געווען פאַרבונדן. אָבער דעם אמת געזאָגט, האָט אים די זאַך גאַנץ ווייניק פאַרדראָסן. אין די געטאָ־באַדינגונגען האָבן אידעאָלאָגישע אונטערשיידן געהאַט אַ קליי־נע באַדייטונג.

דער עיקר איז, אַז העניעק איז געווען אַ גרויסער בר־מזל. אַליין האָט ער אַפילו נישט געוווּסט צוליב וועלכן זכות דאָס איז געשען. ער האָט זיך געריסן אַריבערצוגיין אויף דער אַרישער זייט און די אָרגאַניזאַציע האָט אים אין דעם אַ סך געהאָלפן. כאָטש סיי ער און סיי מאַרישע האָבן מיט זייער אויסזען בולט פאַרראַטן זייער אָפּשטאַם, האָט די אָרגאַניזאַציע העניעקן באַשטימט אויף אַן אַרבעט. מען האָט זיי טאַקעביידע אַריבערגעפירט אויף דער אַרישער זייט און אין די שפּעטערדיקע צייטן, בעת זיי האָבן אַ סך מאָל זיך געפונען אין שווערע סיטואַציעס, האָבן זיי אַ דאַנק דער הילף פון דער אָרגאַניזאַציע אַלע מאָל באַוויזן צו ראַטעווען זייער לעבן.

אין משך פון די דאָזיקע צוויי יאָר האָט העניעק באַקענט זיך מיט אַ סך טוערס פון דער פּאַרטיי, צווישן זיי אויך מיטן קאַפּיטאַן יאַצעק. ער איז באַקאַנט געווען ווי איינער פון די מוטיקסטע אָפיצירן פון דער אונטערער־דישער אַרמיי. ער האָט זיך אַ סך מאָל אויסגעצייכנט אין פאַרשידענע די־ווערסיע־אָפּעראַציעס און געהאַט אויך גרויסע פאַרדינסטן ביים אָרגאַניזירן פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען אין דער לובלינער געגנט. אָבער צום מיינסטן האָט העניעק געשאַצט ביי יאַצעקן זיין אויסערגעוויינטלעך פריינדלעכע באַציִונג צו ייִדן, אַ זאַך וואָס איז אין יענע צייטן געווען גאַנץ זעלטן ביי פּוילישע אָפיצירן אַן אונטערשיד פון זייער פּאַרטייִשער צוגעהעריקייט.

צוליב אָט דער באַציִונג צו ייִדן האָט העניעק אַפילו חושד געווען יאַצעקן, אַז ער איז אַליין אַן „עמך״. נישט איין מאָל האָט ער געזאָגט צו מאַרישען:

— אָט דער יאַצעק, ער זעט מיר אויס צו זיין אַן אונדזעריקער.

אָבער מאַרישע האָט פון דעם נישט געמאַכט קיין גרויסן ענין. וואָס איז דען דער חילוק? וואָס ער איז, דאָס איז ער.

איצט, בעת זיי זיינען אַלע געזעסן אויף הילצערנע בענק אַרום דעם אויוון און זיך געקוויקט מיט דער הייסער זופּ, האָט דער קאַפּיטאַן נישט אַראָפּ־גענומען פון זיי די אויגן און זיי געפרעגט פאַרשידענע זאַכן: וועגן זייער בונקער־לעבן און וועגן אַלע צרות, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט אין די לעצטע עטלעכע חדשים. העניעק האָט פון דער זייט געקוקט אויף מאַרישען און איר שטילערהייט איינגערוימט:

— און איצט זעסטו שוין?

די מענטשן זיינען געוועזן מיד און פאַרמאַטערט. דאָס ערשטע מאָל זינט אַ לאַנגער צייט האָבן זיי דאָ זיך אָנגעגעסן צו דער זעט. זייערע מאָגנס האָבן זיך איצט געבונטעוועט קעגן דער דאָזיקער זאַטקייט, נישט געקענט זי פאַרטראָגן. אין דער וואַרעמקייט פון יאַצעקס דינסטשטוב האָט זיך אָן איינשלעפערדיקע חלשות פאַרטייעט אין זייער אינגעווייד. אין מיטן שמועס האָט דער קאַפּיטאַן פלוצעם באַמערקט, אַז זיינע מיטשמועסערס ווערן אַנטשלאָפן. אַליין האָט ער נישט געוווסט, וואָס ער זאָל טאָן מיט די דאָזיקע אומגעוויינטלעכע געסט. ס'איז פאַר אים געווען קלאָר, אַז ער דאַרף זיי געבן אַן אָרט איבערצונעכטיקן, אָבער ווו לייגט מען זיי שלאָפן?

אַוודאי האָבן קיין ליידיקע צימערן נישט געפעלט אין דעם גרויסן שול־בנין. זיי זיינען אָבער נישט געווען באַהייצט און דער פראָסט האָט דאָרט געסקריפּעט אונטער די פיס. יאַצעק האָט פשוט קיין האַרץ נישט געהאַט דאָרט אַוועקצולייגן די אויסגעפּייניקטע בונקער־מענטשן. האָט ער געטראַכט און האָט זיך דערטראַכט: פאַר וואָס זאָלן זיי נישט איבערשלאָפן די נאַכט טאַקע דאָ, אין זיין צימער? וועט דען עמעץ קומען אים נאָכקוקן?

דער קאַפּיטאַן האָט אַריינגערופן עטלעכע סאָלדאַטן און זיי געהייסן אַריינברענגען שטרויזעק. אין משך פון עטלעכע מינוט איז שוין דער דיל אונטער די ווענט געווען אויסגעלייגט מיט ווייכע שטרויזעק. דער קאַפּיטאַן האָט מיט דער האַנט געוויזן אויף די צוגעגרייטע געלעגערס:

— לייגט זיך שלאָפן.

*

די אָקופּאַציע־יאָרן האָבן העניעקן צוגעוווינט נישט צו חידושן זיך צוליב קיין שום זאַך. אמת, דאָס לעבן איז איצט פול מיט חידושים, אָבער אויף העניעקן האָבן זיי שוין נישט געמאַכט קיין איינדרוק. די סאַמע חידוש־

דיקסטע געשעעענישן זיינען פאַר אים געוואָרן טאָגטעגלעך ברויט און ער פלעגט זיי אויפנעמען ווי געוויינטלעכע און נאַטירלעכע פּאַסירונגען.

ערשט נעכטן האָט ער צוזאַמען מיט זיינע חברים געגעכטיקט אין בונקער אַן האָפענונג, אַז זיי וועלן ווען נישט איז פון דאָרט זיך אַרויסבאַקומען, היינט זיינען זיי שוין פריי און קענען גיין וווהין זיי ווילן. דער דאָזיקער פלוצעמדיקער שינוי אין זייער מעמד רופט ביי העניעקן נישט אַרויס קיין שום געפיל פון חידוש. ער רופט אָבער אויך ביי אים נישט אַרויס קיין געפיל פון פרייד. העניעק טראַכט איצט ביי זיך:

— וויפל מאָל האָב איך פאַר זיך איבערגעחזרט, אַז דאָס דערלעבן דעם טאָג פון באַפרייונג וועט ביי מיר אַרויסרופן דעם העכסטן אויסברוך פון פרייד, און איצט פיל איך אַ גלייכגילטיקייט, ווי נישט מיך וואָלט מען געמיינט.

ער האָט זיך באַרעכנט, אַז אייגענטלעך זיינען עס די איבערלעבונגען פונעם ביטערן נעכטן, וואָס צעשטערן ביי אים די פרייד פונעם היינט. ביי דעם דאָזיקן געדאַנק האָט זיך העניעק דערשראָקן. ער האָט דאָך געגאַרט צו פאַרגעסן די איבערלעבונגען, אויסמעקן זיי פונעם זכרון פונקט ווי זיי וואָלטן געווען בלויז אַ קאָשמאַר און נישט קייןווירקלעכקייט, מיט וועלכער ער האָט אַזוי פיל יאָרן געלעבט. אָבער די פאַרווירקלעכונג פונעם דאָזיקן באַגער איז איצט אַוועקגעשטעלט געוואָרן אונטער אַ ספק.

העניעק דערמאָנט זיך, אַז עס איז באַקאַנט געוואָרן דער קאַפּיטולאַציע־באַשלוס פון דער פּוילישער אויפשטאַנד־אַרמיי און עס איז דערשינען דער באַפעל אַרויסצוגיין און איבערגעבן זיך אויפן חסד פונעם שונא, האָט ער געזאָגט צו מאַרישען, אַז זיי וועלן נישט אַרויסגיין. מאַרישעס פּנים, איר אַרויסשטאַרנדיקער אונטערשטער געביס, די שוואַרצע האָר און אומעטיקע אויגן האָבן אַרויסגערופן אַ שטאַרקן חשד מכּוח איר אָפּשטאַם. און ער אַליין איז אויך געווען הינטערשטעליק אין זיין זעלבזיכערקייט.

לכתחילה האָבן זיי געפונען אַ קעלער אין אַ האַלב חרובן הויז. אין דעם קעלער האָבן זיי זיך באַהאַלטן. די ערשטע נאַכט אין זייער באַהעל־טעניש איז דורכגעגאַנגען אין אַ געהויבענער שטימונג. זיי האָבן זיך געפילט ווי נייע באַלעבאַטים אויף אַן אייגענער נחלה. דאָס ערשטע מאָל נאָך אַ לאַנגער צייט האָבן זיי ווידער געהאַט אַ שטיקל אָרט פאַר זיך אַליין. קיינער

האָט זיי נישט נאָכגעקוקט, וואָס זיי טוען און וואָס זיי האָבן. זיי האָבן זיך פאַר קיינעם נישט געדאַרפט היטן. אויך רעשטלעך פון שפייז, וואָס מענטשן האָבן איבערגעלאָזט, האָבן זיך געוואַלגערט אין די קעלערס. זיי האָבן אויפגעקליבן אַלץ, וואָס האָט נאָר געקענט זיין נוצלעך און האָבן עס באַהאַלטן אין זייער קעלער.

מאַרישע האָט אויפגעזוכט עטלעכע קאָלדרעס, וואָס זיינען נאָך נישט געווען אין גאַנצן צעפוילט. זי האָט פון זיי אויסגעבעט אַ באַקוועם געלעגער. זיי זיינען צו זיך צוגעפאַלן מיט אַ פייער, וואָס האָט זיך גענומען פון זייער איינגעהאַלטנקייט אין די לאַנגע וואָכן, ווען זיי האָבן געמוזט שלאָפן אָפּגע־זונדערט איינס פונעם צווייטן.

אָבער זייער גליק האָט נישט לאַנג געדויערט. דייטשע צינד־קאָמאַנדעס האָבן זיך געטראָגן איבער די חרובע גאַסן און הייף. זיי האָבן סיסטעמאַטיש אויסגעברענט הויז נאָך הויז. העניעק און מאַרישע זיינען געלאָפן פון איין אָרט צו אַ צווייטן, געשיצט זיך פאַר די קאָמאַנדאָס און פאַר די אויסשפּירערס, וועלכע זיינען מיט זיי מיטגעגאַנגען.

ווען זיי האָבן זיך דערשלאָגן צום גרויסן בונקער אויף זשעלאַזנע־גאַס, איז שוין אויסגעפאַלן דער ערשטער גרויסער שניי. אין יענער נאַכט האָט העניעק בעתן „שאַברעווען" (זוכן פאַרלאָזענע זאַכן) זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט אַדעק און פרעדעק. די דריי יונגע־לייט האָבן זיך שוין געהאַט פּריער ערגעץ געטראָפן און דעריבער איז זיי גאַנץ לייכט אָנגעקומען צוזאַמענ־צורעדן זיך. אַדעק און פרעדעק האָבן געהאַט אַ סאָליד געבויטן בונקער אונטער אַ הייזער־בלאָק, וואָס איז שוין געווען אויסגעברענט. ס'איז דעריבער געווען כּמעט זיכער, אַז די צינד־קאָמאַנדאָס וועלן זיך אַהין שוין נישט אומקערן. העניעק ווידער האָט געהאַט ביי זיך אַ רוסישן נאַגאַן מיט אַ זאַפּאַס אַמוניציע — זאַכן, וועלכע האָבן אין יענע באַדינגונגען געהאַט נישט ווייניקער חשיבות ווי אַ גוטער בונקער.

נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָט העניעק אַרויסגענומען מאַרישען פון זייער קעלער און זיי האָבן זיך אַריינגעקליבן אין דעם גרויסן בונקער. נאָך עטלעכע וואָכן פון איינזאַמקייט איז גוט געווען זיך צוזאַמענצוקומען מיט מענטשן. אין בונקער זיינען חוץ די צוויי יונגע־לייט געווען נאָך זייערע צוויי פרויען און אַ צענדליק בחורים, וואָס האָבן דאָרט געפונען שוץ. געווען

איז לעבעדיק און פריילעך. פרעדעק האָט געהאַלטן אין איין שיטן מיט וויצן און גלייכווערטלעך. מען האָט געגלייבט, אַז די ישועה שטייט שוין הינטער דער טיר און אין אַ טאָג אָדער צוויי וועט זי שוין קומען.

על פי שׂכל האָט טאַקע אַזוי געדאַרפט זיין. אין דער העלפט פון סעפּ־טעמבער האָבן די רוסן פאַרנומען פּראַגע, און זינט דעמאָלט האָבן זיי זיך נישט גערירט פון אָרט. ווי לאַנג וועלן זיי אַזוי שטיין אומבאַוועגלעך? סוף כּל סוף וועלן זיי זיך אַ ריר טאָן און דעמאָלט וועלן זיי, די מענטשן, וואָס ליגן באַהאַלטן אונטער די חורבות פון וואַרשע, זיין די ערשטע באַפרייט צו ווערן פון זייערע צרות.

העניעק האָט געוווּסט ווי צוצוקלייבן די פּאַסיקע ווערטער און אויף אַ שיינעם אופן אויפצוקלערן זיינע נייע בונקער־חברים דעם דאָזיקן ענין. חוץ דעם האָבן אַלע געוווּסט, אַז ער איז געווען אַ וויכטיקער טוער פונעם אונטערערד און ווי אַ צוגאָב האָט ער אין בונקער אַריינגעבראַכט דאָס ערשטע שטיקל געווער. האָבן אים די בונקער־מענטשן גלייך אָנערקענט ווי זייער פירער. העניעק האָט זיך באַמיט צו זיין אַ גוטער פירער. ער האָט אָרגאַניזירט אַ שטענדיקע וואַך, וואָס האָט מחוץ פון בונקער אין משך פון טאָג אָבסער־ווירט די געגנט און סיגנאַליזירט אין בונקער דאָס דערנענטערן זיך פון אַ סכּנה. ער איז אויך יעדע נאַכט אַרויסגעגאַנגען מיט אַ גרופּע אויף „שאַבער". די עיקר־אויפגאַבע איז געווען צו געפינען שפּייז אין די פאַרלאָזטע קעלערס.

נישט געקוקט אויף די אַלע באַמיִונגען האָט זיך מיטן אָפּלויף פון דער צייט פאַרערגערט די שטימונג אין בונקער. דער הונגער האָט וואָס אַ מאָל שטאַרקער געפייניקט און דאָס געדולד ביי די חברים האָט געהאַלטן ביים פּלאַצן. עס האָט זיך בלויז זייער זעלטן איינגעגעבן פריילעך צו מאַכן די חברים. דאָס רוב זיינען זיי ביי טאָג אָנגעברוגזטע און בייזע געלעגן אויף זייערע פּריטשעס, איינגעדעקטע אונטער בערג פון שמאַטעס. די מערכה פון די באַוויבטע איז נאָך האַלבוועגס געווען דערטרעגלעך. ווי ס׳זאָל נישט זיין האָבן זיי געקענט זיך צוטוליען צו זיך. ס׳איז זיי געווען וואַרעמער און זיי האָבן אויף עטלעכע רגעס געקענט פאַרגעסן אין דעם בייסנדיקן הונגער. דאַקעגן זיינען די נישט באַוויבטע געלעגן איינגעקאָרטשעטע אין זייער הונגער און קעלט און זיי האָבן געשפּיגן מיט קנאה אויף די פּאָרלעך, וואָס זיינען געלעגן אין דער נאָענטער שכנות.

די לעצטע נאַכט אין בונקער האָבן די פרויען צעברענט אַ קליין פייער, כּדי זיך ביי אים אַ ביסל אָנצוּוואַרעמען. מאַרישע האָט אָוועקגעשטעלט אויף דער פּליטע אַ טעפּל וואַסער. אויב ס'איז נישטאָ וואָס צו עסן, קען מען מיט אַ ביסל געקאָכט וואַסער אויך דערכאַפּן זיך דאָס האַרץ.

העניעק האָט זיך אָן חשק אַראָפּגעשלעפּט פון זיין געלעגער. ער האָט גענומען אַרויפצי׳ען זיינע מגושמדיק־צעפּאָרענע שטיוול. פון אַ טונקלען ווינקל האָבן זיך אַרויסגעשאַרט אַדעק און פרעדעק. דער הויכער אַדעק און דער קליינוווּקסיקער פרעדעק זיינען איצט ענלעך געווען איינער צום צווייטן מיט דער שמאַלקייט פון זייערע גופים און מיט דער געדיכטער באַוואַקסנקייט פון זייערע פּנימער. אַדעק האָט נישט דרייסט זיך אָנגערופן:

— איך וויל צוגיין צו יענעם קעלער פון דער צווייטער זייט זשעלאַזנע, דאָרט ווו ס'ליגט דער איבערגעקערטער טראַמוואַי. איך בין זיכער, אַז דאָרט איז עפּעס דאָ.

קיינער האָט נישט איבערגעפרעגט. העניעק האָט דעם נאַגאַן אַריינגע־שטעקט אין דער קעשענע און אַלע דריי האָבן גענומען קלעטערן צום אַרויסגאַנג פון בונקער. ווען זיי זיינען שוין געווען אויבן, האָבן די איבער־געבליבענע אין בונקער דערהערט אַ קלאַפּ. דאָס האָט העניעק געקלאַפּט.

— דער רויך איז אַ צו געדיכטער — האָט ער געוואָרנט — פאַרקלענערט דאָס פייער!

צוליב דעם רויך האָבן זיי שוין געהאַט דורכגעמאַכט אַ סך צרות. געווען אַ חשד, אַז די דייטשן, וועלכע האָבן זיך מיט צוויי וואָכן צוריק פּלוצעם געיאָוועט אין דער געגנט, זיינען טאַקע נאָכגעגאַנגען נאָכן רויך. אַ גליק, וואָס העניעק האָט די דייטשן פון דער ווייטנס דערזען פאָרן אויף זייערע וועלאָסיפּעדן. מען האָט באַלד פאַרגאָסן דאָס פייער און זינט דעמאָלט פלעגט מען איינהייצן בלויז ביי נאַכט.

אַדעק איז טאַקע געווען גערעכט. אינעם קעלער הינטערן איבערגעקערטן טראַמוואַי האָבן זיי געפונען אַ ביסל שפּייז. אַ זעקל צוגעשימלטע גרויפּן און אויסגעטריקנטע ברויט־פּענעצען באַדעקטע מיט ווייסן מאָך. אָבער די פרויען האָבן די דאָזיקע פּראָדוקטן געוואַשן און פאַרקאָכט פון זיי אַ זופּ, וואָס האָט ביי די אויסגעהונגערטע בונקער־מענטשן געהאַט דעם טעם פון עם בעסטן מאכל. נאָכן אָפּעסן איז די שטימונג געווען אַ בעסערע. פרעדעק

דער לץ האָט זיך גענומען וויצלען אויפן חשבון פון דער זופּ, וואָס זיי האָבן נאָר וואָס געגעסן.

בעת זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפן האָט אַ שטילקייט געהויערט איבער דער חרובער שטאָט. אָבער פּלוצעם איז דער חלל אָנגעפּולט געוואָרן מיט אַ רעש פון אַ דונערדיקן שטורעם, פּונקט ווי איצט, אין מיטן ווינטער, וואָלט זיך פונעם קלאָרן הימל אַרונטערגעריסן אַ זומערדיק געוויטער. העניעק האָט זיך איינגעהאָרכט אין די מוראדיקע קולות. ס'איז קיין ספק נישט געווען, אַז עס האָט געדונערט אַ זייער שווערע אַרטילעריע אין אַ קאָנצענטרירטן פייער. די קאַנאָנאַדע האָט געדויערט אָן אויפהער אין משך פון אַ שעה און נאָך איידער די נאַכט האָט זיך געענדיקט האָט דער רעש לאַנגזאַם גענומען זיך דערווייטערן. נישט אויף איין מאָל, נאָר בהדרגהדיק, איז ער איינגע־שלונגען געוואָרן דורך דער ווייטקייט פונעם חלל, ביז דאָס דונערן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ זשומען, אַ טיף און דורכדרינגענדיק זשומען, ווי ס'וואָלט געקומען פון אונטער דער ערד.

אין דער פרי האָט זיך העניעק אויפגעהויבן פונעם געלעגער און האָט געזאָגט:

— קינדער, אַ וויכטיקע זאַך איז פאָרגעקומען אין משך פון דער נאַכט.

ער האָט זיך גיך אָנגעטאָן און געמאָלדן, אַז היינט וועט ער אַליין אַרויסגיין אויפן וואַכפּאָסטן, ווו זיי האָבן געוויינטלעך אָבסערווירט, צי עס קומען אָן דייטשן. אין דרויסן האָט ער גענומען זיך שאַרן צווישן די חורבות ביז ער האָט זיך דערשלעפּט צו אַזאַ אָרט, פון וואַנען ער האָט געקענט באַטראַכטן די גאַס. אין משך פון עטלעכע שעה האָט ער קיין שום זאַך נישט באַמערקט. ערשט אין מיטן טאָג, ווען ער האָט אַ דורכגעפרווירענער געוואָלט שוין צוריקגיין אין בונקער, האָט ער פּלוצעם דערזען אַ מאַן איינגעהילט אין אַ וואַרעמער קורטקע מיט אַ פוטערנעם היטל אויפן קאָפּ. ער האָט זיך פאָרזיכטיק גערוקט לענג־אויס דער גאַס און האָט באַקוקט די חורבות, לעבן וועלכע ער איז דורכגעגאַנגען. ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט.

נאָך אַ צייט האָבן זיך ווידער באַוויזן מענטשן. עטלעכע פרויען און מענער זיינען דורכגעגאַנגען מיט קלומעקעס אַריבערגעוואָרפן איבער די אַקסלען. קיין מיליטערלייט האָט מען נישט געזען און פון דייטשן איז קיין זכר נישט געווען. העניעק האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און איז אַרויס פון

זיין באַהעלטעניש. ער איז צוגעגאַנגען צום ראַנד פון דער גאַס און האָט אָפּגעשטעלט אַ פּרוי, וועלכע איז גראָד דורכגעגאַנגען. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט חידוש און שרעק. זי האָט באַטראַכט זיין בלייך פּנים, איינגערעמט אין דער ברוין־אָנגעוואָקסענער באָרד. סוף כּל סוף האָט זי זיך געכאַפּט, פון וואַנען אַזאַ מענטש קען אַרויסקומען און זי האָט געזאָגט:

— די דייטשן זיינען שוין נישטאָ. די לעצטע נאַכט האָט מען זיי פאַרטריבן.

✶

אין דער דינסטשטוב פון קאַפּיטאַן יאַצעק האָט געצאַנקט דאָס גאָלדענע פלעמל פון דער לאָמפּ. די רויט־אָנגעהיצטע בלעך פונעם אייזערנעם אויוון האָט אָנגעזאָגט אַ סודותדיקייט, אין וועלכער עס האָט זיך אַריינגעפלאָכטן דאָס אָטעמען און שנאָרכן פון די שלאָפנדיקע בונקער־מענטשן.

ביי העניעקס זייט איז מאַרישע געשלאָפן איינגעקאָרטשעט אונטער איר וואַרעמען מאַנטל. ער אַליין, הגם ער האָט זיינע באַרוועסע פיס וואַרעם איינגעדעקט מיט זיין פעלצל, האָט נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. ער איז געלעגן אַ האַלב־וואַכער און האָט פון זיך געטריבן נישט אָנגענעמע מחשבות.

פון אונטער די פאַרזשמורעטע אויגן האָט העניעק געכאַפּט אַ בליק אויפן פלעמל פון דער קעראָסין־לאָמפּ. ביי איר שיין האָט ער ווי אין חלום געזען דעם קאַפּיטאַן יאַצעק זיצן אויף דער שטול ביים טיש. ער האָט געלייענט אַ בוך. העניעק האָט אַ פאַרחידושטער געקוקט אויפן בוך אין יאַצעקס הענט. ס'האָט אים עפּעס היימיש אויסגעזען. יאָ, ס'האָט אויסגעזען ווי דעם טאַטנס חומש־ספרים מיט מפרשים, פון וועלכע ער פלעגט יעדן שבת אין דער פרי מעביר זיין די סדרה. יאַצעק האָט געמישט די בלעטלעך פון בוך און בעתן מישן זיינען די יידישע אותיות געפלויגן אין אַ קאַראַהאָד אַרום דער שיין פון דער לאָמפּ.

פלוצעם האָט די מראה פון קאַפּיטאַן יאַצעק זיך אָנגעהויבן צו בייטן. עס איז אים אָנגעוואָקסן אַ שפּיציק בערדל אויף דער גאָמבע, אַ שוואַרץ בערדל, דורכגעפלאָכטן מיט זילבער. דאָס בערדל האָט זיך געשאָקלט צום ריטעם פון די געזאָגטע חומש־פּסוקים. אין העניעקס אויערן האָט איצט געקלונגען דער ניגון פונעם טאַטנס לערנען און ביים טיש איז ער אַליין, דער טאַטע, געזעסן און מיט אַ בליק פול מיט ליבשאַפט האָט ער געקוקט אויף העניעקן.

פלוצעם האָט העניעק דערזען, אַז דעם טאַטנס פּנים איז גלאַטיק, אָפּראַ־זירט און אייגנטלעך איז עס נישט דער טאַטע, נאָר ווידער דער קאַפּיטאַן יאַצעק.

ער איז אַזוי געלעגן אין קאַלטע אַנגסטן און געקוקט אויף דער קאַרג־באַלויכטענער געשטאַלט, וואָס איז אַן איינגעבויגענע איבער אַ בוך געזעסן ביים טיש און האָט כּסדר געביטן די צורה.

און מיט אַ מאָל האָבן זיך דערהערט ווילדע קולות. העניעק האָט דערזען דייטשן אַנפאַרן אויף וועלאָסיפּעדן. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, כּדי צוצולויפן צום בונקער און וואָרענען די חברים וועגן דער אָנקומענדיקער סכּנה. אויף זיין שטערן האָט ער דערפילט אַ באַריר פון אַ ווייכער האַנט. מאַרישע האָט איבער אים אַנגעבויגן איר פּנים און געזאָגט:

— וואָס איז דיר, העניעק? אַ גאַנצע נאַכט האָסטו זיך געוואָרפן אין שלאָף.

ער האָט פּאַמעלעך אויפגעהויבן דעם קאָפּ. דורכן פענצטער הויך אונטער דער סטעליע האָט אין דער קעלערשטוב אַריינגעקוקט אַ פאַרכמאַרעטער פרי־מאָרגן. די בונקער־חברים האָבן זיך געדרייט אויף זייערע געלעגערס און געגרייט זיך אויפצושטיין. העניעק האָט זיך אויסגעטשוכעט און באַמיט זיך אַראָפּצוטרייסלען פון זיך דעם קאָשמאַר. אויך ער האָט זיך אָנגעהויבן אָנצוטאָן.

באַלד איז אַריינגעקומען קאַפּיטאַן יאַצעק אַ ציכטיק ראַזירטער און אויסגעפּוצטער אין זיין אָפיצירישן אוניפאָרם. ביי דער טיר האָט ער אויפן קול אַלעמען געזאָגט „גוט מאָרגן". באַלד נאָך אים זיינען געקומען סאָלדאַטן מיט אַ קעסל הייסע קאַווע און קוישן אָנגעפילט מיט גרויסע קיילעכדיקע ברויט־לאַבנס. חברה האָבן גענומען שניידן דאָס שוואַרצע ברויט, באַשמירן עס מיט מאַרמעלאַדע און מיט אַפּעטיט געגעסן.

נאָכן פרישטיק האָט זיי דער קאַפּיטאַן אָנגעזאָגט:

— איר דאַרפט אריבערפאָרן קיין לאָדזש. די שטאָט איז דאָרט געבליבן אַ גאַנצע, אַ נישט באַשעדיקטע. ס'וועט איצט זייער לייכט זיין צו באַקומען אַ דירה. אַ סך דירות זיינען פריי, ווייל די דייטשן זיינען פון זיי אַנטלאָפן. וווּ עס ווינען נאָך דייטשן, דאַרף מען זיי פון דאָרט אַרויסטרייבן. סיי ווי זיינען עס אַמאָליקע ייִדישע דירות, פון וועלכע די דייטשן האָבן פאַרטריבן די

יידישע איינוווינערס. איצט איז געקומען די צייט מיט זיי זיך אָפּצורעכענען. גייט, קינדערלעך, און טוט וואָס מ׳דאַרף.

ער איז צוגעגאַנגען צו העניעקן און האָט אים שטיל איינגערוימט אין אויער אַריין:

— באַראַוויטש, איך האָב וועגן דיר גערעדט מיטן פּאַרטיי־סעקרעטאַר. ער וויל דיך תּיכּף זען. גיי צו אים גלייך אַריבער, ער וואַרט אויף דיר. וועסט באַלד באַקומען אַרבעט.

דערנאָך האָט זיך יאַצעק געזעגנט מיט זיינע געסט. יעדן האָט ער מיטגעגעבן אַ גרויסן לאַבן ברויט אויפן וועג. העניעקן האָט ער קיין ברויט נישט געגעבן. אים וועט שוין קיין ברויט נישט פעלן.

*

אין אַ געשלאָסענער גרופּע זיינען די בונקער־יידן אַרויס אין גאַס. ביים עק אַטוואַצקע האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, כדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם און באַטראַכטן זיך וואָס צו טאָן. אַדעק און פרעדעק האָבן געהאַלטן, אַז קודם כּל דאַרף מען צוריקגיין אין בונקער, צוזאַמענקלייבן דאָס ביסל זאַכן, וואָס יעדער האָט דאָרט איבערגעלאָזט און ערשט שפּעטער זיך אַרומקוקן וועגן אַ מעגלעכקייט אַריבערצופאָרן קיין לאָדזש. ער האָט געהערט פון אַ סאָלדאַט, אַז מיליטערישע לאַסט־אויטאָמאָבילן פאָרן כּסדר פון וואַרשע קיין לאָדזש. מען דאַרף זיך בלויז אַוועקשטעלן ביים וועג אויף וואָליע. ס׳דויערט נישט לאַנג און מען קען זיך אַרויפכאַפּן אויף אַזאַ לאַסטוואָגן.

אָבער העניעק האָט געזאָגט, אַז ער וועט נישט צוריקגיין אין בונקער.

— סטייטש, וואָס הייסט דו וועסט נישט צוריקגיין? דו האָסט דאָך דאָרט דיינע זאַכן.

— איך וויל מער נישט זען דאָס דאָזיקע אָרט — האָט ער גערעדט מיט אַנטשלאָסנקייט — וואָס גייען מיך אָן די פּאַרלייזיקטע זאַכן? איך וויל זיך מער נישט דערמאָנען אין דעם, וואָס ס׳איז געווען. איך וויל פאַרגעסן.

מאַרישע האָט פון דער זייט געקוקט אויף העניעקן.

— דו ווילסט פאַרגעסן? — האָט זי געפרעגט — איז דען מעגלעך צו פאַרגעסן?

פרעדעק האָט מאַרישען צוגעהאָלפן:

— פאַרגעסן ווילסטו? — האָט ער זיך צעלאַכט — זיי — האָט ער שפּאָטיש געטייטלט מיטן פינגער אויף די דורכגייערס אין גאַס — ווען דיר שוין דערמאָנען ווער דו ביסט און פון וואַנען דו קומסט.

אָבער מאַרישע האָט זיך נישט צוגעהערט צו פרעדעקס ביטולדיקע רייד. זי איז געשטאַנען אַ שטאָלצע און אויסגעגלייכטע, דאָס איינגעפאַלענע פּנים באַלויכטן מיט אַ גרינלעכן ליכט פון אירע אַרויסשטאַרנדיקע אויגן. זי האָט שטיל געריידט פון צווישן די פאַרהאַקטע בלוילעכע ליפּן:

— פאַרגעסן? ווי אַזוי ווילסטו פאַרגעסן? כמעט קיין זכר האָבן זיי נישט איבערגעלאָזט. הלוואי וואָלטן מיר געקענט פאַרגעסן!

— מיר וועלן פון דאַנען אַוועק — האָט זיך אַדעק אַריינגעמישט — ווייט פון דאַנען וועט יעדער פון אונדז אָנהייבן אַ ניי לעבן.

אָבער העניעקן האָבן אַדעקס רייד אַריינגעבראַכט אין אַ גרימצאָרן. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און גענומען שרייען:

— אַוועקגיין פון דאַנען ווילסטו גאָר? אָט אַזוי ווילסטו אָפּדאַנקען דער מאַכט, וואָס האָט דיך געראַטעוועט פון טויט און באַפרייט דיך פון פאַר־שקלאַפונג? אויף יעדן פון אונדז ליגט אַ חוב צו באַטייליקן זיך אין אויפבוי פון אַ נײַ פּוילן.

אָט דאָ האָבן אַלע פּלוצעם זיך דערמאָנט, ווי זיי האָבן נעכטן מאַרשירט מיט דער רויטער שמאַטע אָנגעבונדן אין אַ שטעקן און ווי העניעק האָט זיי געצוווּנגען מיטצוזינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל". ס'איז פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז דאָס שפּאַרן זיך מיט העניעקן וועט נישט האָבן קיין שום פּעולה. ער האָט אויף זיי געקוקט מיט אַ ביטולדיקן שמייכל:

— גייט זיך וווּהין איר ווילט. אָבער איך וועל בלייבן אין פּוילן, איך וועל צושטעלן אַ פּלייצע.

ער איז געשטאַנען אַן אָנגעברוגזטער און בעת אַלע האָבן געשוויגן, האָט ער זיך געווענדט צו זיין פרוי:

— קום מאַרישע, מיר וועלן גיין אין פּאַרטיי־קאָמיטעט.

ער האָט זיך נישט געזעגנט מיט זיינע חברים, נאָר זיך אויסגעדרייט אויף צוריק און גענומען גיין. מאַרישע איז אים נאָכגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ.

מאַרישע

העניעק באַראָוויטש איז געווען געטריי און איבערגעגעבן צו זיין אַרבעט. ער האָט באמונה שלמה געגלייבט אין דער גערעכטיקייט פונעם נייעם סיס־טעם אינעם אויפגעקומענעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן פוילן. ער האָט אויך זיך געקענט באַווייזן מיט אַ געהעריקן יחוס, יעדן פאַלס מיטן יחוס פון זיין טאַטנס צד. דער טאַטע איז זיין לעבן לאַנג געווען אַן אנגעשטעלטער, אַ בוכהאַלטער. אמת, ער איז גאָר דערביי געווען אַ שטרענג רעליגיעזער ייִד, אָבער ביי די אַלע איבעריקע מעלות האָט זיך אַזאַ חטא לייכט געלאָזט אויס־באַהאַלטן פאַר אַ בייז אויג.

און בכלל האָט דער רעזשים אַוועקגעשטעלט גאַנץ נייע קריטעריעס ביים באַשעפטיקן מענטשן אויף אינטעלעקטועלע פּאָזיציעס. אויב איינער האָט זיך נישט אויסגעטויגט אַזוי גוט אין זיין אַרבעט, איז דאָס נישט באַטראַכט געווען פאַר אַ באַזונדערס גרויסן חסרון. ס'האָט געהייסן, אַז דער אַרבעטער־קלאַס לערנט זיך צו באַשטיין זיין אייגן שטעטל. אויב, למשל, איינער איז באַשטימט געוואָרן אויף דער שטעלע פון אַ פּערסאָנאַל־דירעקטאָר פון אַ וויכטיקער אינדוסטריע פאַרן גאַנצן לאַנד און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פאַרשוין הינקט אונטער אין דער עברי, האָט מען אים מוחל געווען אַפילו אַזאַ זינד. דער עיקר, ער זאָל זיין אַ מאַמין אין די פּאָליטישע עיקרים און ער זאָל זיך נישט פאַרשפּעטיקן מיטן זאָגן „אמן", ווען פּאַרטיי־גדולים זאָגן די ברכות.

העניעק איז באַשטימט געוואָרן ווי דער פּערסאָנאַל־דירעקטאָר פון דער גאַנצער פּוילישער לעדער־אינדוסטריע. ער איז נישט אונטערגעהונקען מיט דער עברי, אָבער די אַרבעט איז פאַר אים געווען אַ נייע און עס האָט אים אין איר געפעלט די נייטיקע געניטקייט. ער האָט אַפילו צוליב דעם נישט געהאַט קיין צרות, אָבער געווען איז אַן אַנדערע זאַך, וואָס האָט אים פאַר־שאַפט האַרצווייטיק — ער האָט נישט געהאַט קיין נחת פונעם יחוס מצד זיין פרוי, מאַרישע.

נישט געגנוג וואָס העניעקס שווער, ר׳ איטשע מאיר קאָטלער, איז געווען אַ באַוווסטער גביר, אַן אַדיר, וועלכן מען האָט געשאַצט אויף גרויסע מיליאָנען, איז ער נאָך צו דעם געווען אַ פאַנאַטישער גערער חסיד פונעם דריטן דור. אויף העניעקן האָט איצט געציטערט די הויט, אַז אין אַ געוויסן טאָג, ווען מען וועט זיך וועגן דעם דערוויסן אין די הויכע פענצטער, וועט אים צוליב דעם שווער זיינעם אויסקומען איינצונעמען וויסטע בזיונות.

מאַרישע האָט געהערט, אַז אויף דער זלאָטע גאַס איז אומבאַשעדיקט געבליבן דאָס גרויסע הויז, ווו זיי האָבן געוווינט פאַרן גירוש אין געטאָ אַריין. זי האָט גלייך געוואָלט אַהין צוגיין, אָבער העניעק האָט מיט אַלע כּוחות זיך באַמיט זי פון דעם אָפּצורעדן.

— אַז מען וועט זיך דערוויסן — האָט ער איז געגעבן צו פאַרשטיין — וועגן די הייזער־בלאָקן, וואָס דיינע עלטערן האָבן פאַרמאָגט אין וואַרשע און וועגן די פאַבריקן אין לאָדזש און אין זאַגלעמביע, וועט מיר פון דעם נישט צוקומען קיין כּוח.

זי האָט אים אָבער נישט פאַרשטאַנען. בכלל, האָט ער מיט איר נישט געקענט אַזוי לייכט זיך פאַרשטענדיקן זינט זי איז שוואַנגער געוואָרן. זי איז איצט געווען צערייצט און איבערגעטריבן סענסיטיוו. ווען ער האָט געמאַכט די באַמערקונג וועגן דעם עשירות פון אירע טאַטע־מאַמע, האָט זי זיך גלייך צעוויינט. זי האָט גענומען טענהן, אַז העניעק וואַרפט זיך איצט מיט איר טאַטן און איז מבזה זיין הייליקן אָנדענק. און דאָך האָט צום טאַטן קיינער נישט דערלייגט דער באַבעס ירושה. והאָ ראַיה, העניעקס פאָטער האָט גאַנצע פערציק יאָר געאַרבעט ביי ר׳ איטשע מאירן אין קאַנטאָר. האָט זיך העניעקס טאַטע ווען נישט איז באַקלאָגט, אַז ר׳ איטשע מאיר האָט אים שלעכט באַהאַנדלט ?

און ווען זיי ביידע, דאָס הייסט: מאַרישע און העניעק, האָבן באַשלאָסן חתונה צו האָבן, איז ר׳ איטשע מאיר געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיי אַנטקעגנגעטראָגן דעם מזל־טוב. אים האָט נישט געאַרט (אָדער אפשר האָט ער זיך געמאַכט, אַז עס אַרט אים נישט, ערשט איצט ווערט איר די זאַך קלאָר), הלמאי דער חתן פון זיין מיזינקע איז נישט קיין רייכן טאַטנס אַ קינד, נאָר אַ זון פון זיינעם אַ „מענטש״.

העניעק האָט זיך גענומען פאַרענטפערן. נישט ער איז אויסן געווען

מבזה צו זיין דעם אָנדענק פונעם שווער און נישט עס איז אים איינגעפאַלן אָפּצולייקענען אַלץ דאָס, וואָס מאַרישעס טאַטע האָט געטאָן פאַר זיי. ער וויל בלויז דערהאַלטן זיך אויף זיין שטעלע אין דער לעדער־צענטראַלע. ס׳איז דאָך אַ שטעלע, וואָס גיט זיי פּרנסה בהרחבה און אַזאַ שיינע דירה נאָך דערצו. ס׳איז באמת אַ פּריווילעגיע צו באַקומען אַזאַ דירה אין אָט דער חרובער שטאָט.

מאַרישע איז אָבער פון זיינע רייד נישט געוואָרן געטרייסט. הייסט ער איר דען נישט פאַרגעסן זייער גבירישן עבר, ווי ער וואָלט קיין מאָל נישט געווען? און באַדייט דאָס דען נישט, אַז זי דאַרף זיך אָפּזאָגן פונעם אָנדענק פון אירע טאַטע־מאַמע, וואָס זיינען געבליבן טיף פאַרבאַקן אין האַרצן? און צוריקגעשמועסט: צוליב וואָס דאַרף זי עס טאָן? צוליב דער שטעלע זיינער אין דער לעדער־צענטראַלע? און זאָל די דאָזיקע שטעלע אַפילו זיין פון סאַמע גאָלד, קען זי זיך גלייכן צום זכר פון אירע עלטערן, וועלכע זיינען פאַרטיליקט געוואָרן אין פּיין און עינויים?

העניעק האָט נישט נאָכגעגעבן. ער האָט מיט גוטן נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל געגעבן איר צו פאַרשטיין אַז איצט איז געקומען די צייט צו בויען אַ יושרדיק לעבן און ער וועט נישט זשאַלעווען קיין כוחות, נאָר ער וועט צולייגן אַ האַנט צום דאָזיקן אויפבוי. זאָל זי, מאַרישע, זיך נישט איינרעדן, אַז דורך אויסוואַנדערן קען מען עפּעס דערגרייכן. אַז מען וואַנדערט אויס, ווערט מען אויסגעוואָרצלט און נע־ונד. מען ווערט אַ מענטש אָן אַ היים און אָן אַ צוקונפט. און זייער צוקונפט איז דאָ וווּ זיי זיינען געבוירן געוואָרן און אויפגעוואַקסן. ווי שווער עס זאָל נישט אָנקומען, מוזן זיי געפינען אַ וועג, כדי אַריינצודרינגען און זיך איינצוואָרצלען אין דער נייער סביבה.

מאַרישע האָט אים אויסגעהערט און ווען ער האָט געענדיקט, האָט זי זיך גענומען באַקלאָגן, אַז זי איז שוין אויסגעמאַטערט פון שפּילן טעאַטער. ס׳האָט זיך איר דערעסן דאָס כסדרדיקע לעבן אונטער אַ מאַסקע, דאָס פאַר־שטעלן זיך פאַר אַ גוייִשער מאַרישע. זי וויל צוריק ווערן די אַמאָליקע מלכּהלע, די טאָכטער פונעם חסידישן ייִד, ר׳ איטשע מאיר קאָטלער פון דער זלאָטע גאַס.

*

צו מאָרגנס, ווי נאָר העניעק איז אַוועקגעגאַנגען צו זיין אַרבעט, האָט מאַרישע זיך געפעדערט אַוועקצוגיין אויף זלאָטע גאַס. די ערשטע וואַרעמע זון־שטראַלן פון יענעם פרילינג אין דער נאָר וואָס באַפרייטער הויפטשטאָט האָבן איינגעהילט דעם חלל אין אַ היילנדיקער וואַרעמקייט. די אַפּריל־טעג פון יענעם יאָר זיינען געווען באַזונדערס מילדע און וואַרעמע.

קיין סך זאַכן צו אָנטאָן האָט מאַרישע נישט פאַרמאָגט. זי האָט אָבער ווי נישט איז אויף גיך צוזאַמענגעשטוקעוועט אַ פרילינגדיקע הלבשה: אַ געבלימלט קליידל מיט אַ לייכטן מאַנטל. זי האָט צעקעמט די טונקעלע האָר און זיי צוזאַמענגעלייגט אין געקרייזלטע לאָקן, באַלעבט דאָס פּנים מיט אַ ביסל שמינקע און פודער און באַוויזן זיך אין גאַס ווי אַן עלעגאַנטע דאַמע. אין די ערשטע וואָכן פון איר שוואַנגערשאַפט האָט איר לייב זיך פאַרקיילעכ־דיקט אין אַ געטאָקטער ווייכטקייט און אירע אויגן האָבן געקוקט מיט אַ פייכטן גלאַנץ. מאַרישע אַליין האָט באַמערקט איר דערפאָלג אין גאַס: דורכגייענדיקע מענער האָבן איר נאָכגעקוקט מיט זשעדנע בליקן.

פון מאָקאָטאָוו, ווו זיי האָבן געוווינט, ביז צו דער זלאָטע גאַס איז אַ גאַנץ ווייטער מהלך. די שטאָטישע טראַמווייען זיינען נישט געגאַנגען. דער וועג צווישן צוויי שורות אויסגעברענטע הייזער פון דער מאַרשאַלקאָווסקע גאַס האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד און אַן אימה.

אין אַ סך ערטער זיינען די טראָטואַרן נאָך נישט געווען אָפּגערייניקט פון די חורבות. מאַרישע האָט אָפט געמוזט קלעטערן איבער אָנגעוואָרפענע בערג מיסט. שלעכטע ריחות האָבן פון צייט צו צייט אַ שפּאַר געטאָן אין דער נאָז; זיי האָבן זיך געטראָגן פון די אינגעווייידן פון די חרובע הייזער, ווו עס זיינען נאָך געלעגן אַ סך נישט באַערדיקטע מתים.

ווען מאַרישע האָט זיך דערשלעפּט צו דער זלאָטע גאַס איז זי געווען גוט אויסגעמאַטערט און נאָענט צום חלשן. אויך דאָס, וואָס זי האָט געטראָפן אויף זלאָטע גאַס, האָט איר דערשלאָגן. ס'איז עמעצן לייכט אָנגעקומען צו זאָגן, אַז זייער הויז איז ניצול געוואָרן. אין דער אמתן האָט דאָס הויז אויסגעזען פּונקט אַזוי חרוב ווי אַלע אַרומיקע הייזער.

אָבער דער אַלטער וולאַדיסלאַוו, זייער אַמאָליקער וועכטער, ווען זי

האָט געטראָפן ביים אַריינגאַנג, האָט איר דערציילט, אַז איין פליגל פונעם הויז, און גראָד דער פליגל, ווו עס געפינט זיך זייער אַמאָליקע דירה, איז געבליבן נישט באַרירט פון פייער. די אַנדערע טיילן פון הויז, האָט ער צוגעגעבן, פאָדערן נישט קיין גרויסע רעמאָנטן.

וולאַדיסלאַוו האָט געקוקט אין דער זייט און ער האָט אויסגעמיטן מאַרישעס בליק. ער האָט געזאָגט:

— זאָל די פּאַניענקע (פריילין; אַזוי פלעגט אין פוילן די דינערשאַפט רופן די טעכטער פון די באַלעבאַטים) זיך אַריינצײַען אין אייער אַמאָליקער דירה. מען דאַרף אָבער תּיכּף גיין אין קוואַרטיראַמט און אַרויסנעמען אַן אָרדער אויף דער דאָזיקער דירה, ווייל מענטשן האַלטן זיך אין איין נאָכ־פרעגן. אויב אַ צווייטער וועט באַקומען דעם אָרדער פריער, וועט שוין זיין פאַרפאַלן.

זיינע לאַנגע וואָנסעס זיינען אין גאַנצן ווייס געוואָרן; זיי זיינען אַראָפּ־געהאָנגען, ווי צוויי פאַרשנייטע צווייגן פון אַ ווינטערדיקן בוים. ער איז געווען אַן אָרנטלעכער קריסט און האָט קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן. מאַרישע האָט וועגן דעם נישט געהאַט קיין מינדעסטן ספק. פון דעסטוועגן, ווען זיי האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייער דירה און גיין אין געטאָ און דער טאַטע האָט ביי וולאַדיסלאַוון געבעטן אַ טובה, האָט ער אָפּגעזאָגט: ער קען נישט איינשטעלן דעם קאָפּ. העלפן ייִדן איז איצט פאַרבונדן מיט גרויסע סכּנות.

איצט האָט דער אַלטער וולאַדיסלאַוו זיך פאַרענטפערט פאַר מאַרישען:

— מיין ווייב האָט געהאַט שוואַכע נערוון, נישט געהאַט קיין כּוח צו לעבן אין שרעק. זי איז שוין איצט טאָקע אויף יענער וועלט, אָבער דעמאָלט האָב איך צוליב איר נישט געקענט אויף זיך נעמען קיין געפאַר.

*

שוועד אָטעמענדיק האָט מאַרישע געקלעטערט אויף די פאַרמושבטע טרעפּ. זי האָט אויפגעפּראַלט די טיר פון זייער אַמאָליקער דירה און איז געבליבן שטיין אין דעם שמאָלן קאָרידאָר. נישט ווילנדיק האָט זיך פון איר קעל אַרויסגעריסן דער רוף „מאַמעשי". ער האָט אָפּגעהילכט מיט אַן אימה־דיקן ווידערקול אין דער חרובער פוסטקייט און איז געבליבן הענגען אין חלל, ווי אַן ענטפער פון יענער וועלט. אַ פּחד איז זי באַפאַלן בעת זי האָט

זיך אַרומגעקוקט. איר פֿאַרשטאַרטער בליק איז געבליבן צוגעקלעפּט צו דער אָנטקעגנאיבערדיקער האַלב צעבראָכענער טיר, ווי זי וואָלט געוואַרט אויף אַ געשעעניש, וואָס דאַרף באַלד פֿאָרקומען.

אין משך פֿון אַלע יאָרן, וואָס זי האָט דאָ געהאַט איר היים, איז מאַרישע געוווינט געווען ביים אַהיימקומען פֿון דער שול אָדער פֿון אַ שפּאַציר, זיך אָפּצושטעלן אין פֿאָדערהויז און אויפֿן קול רופֿן די מאַמעשי. אַלע מאָל איז אויף אַזאַ רוף באַלד געקומען אַן ענטפֿער: מיט נחתדיקער ליבשאַפֿט פֿלעגט די מאַמע איר צוריקרופֿן. אָבער איצט האָט די מאַמע נישט געענטפֿערט. בלויז דאָס משונהדיקעווידערקול האָט אָן אויפֿהער געהאַמערט אין מאַרישעס אויערן און געזעצט אין אירע שלייפֿן.

אין מאַרישעס קאָפּ האָט לכתּחילה אויפֿגעבליצט אַ געדאַנק, אַז אפֿשר האָט זי טאַקע אַהער בכלל נישט געדאַרפֿט קומען. אָבער באַלד האָט זי זיך אָנגעגאַרטלט מיט מוט און גענומען האַסטיק לויפֿן פֿון צימער צו צימער. זי איז געשפּרונגען איבער בערג אָנגעוואָרפֿענעם טינק און צעבראָכענעם גלאָז, איבער איבערגעקערטע בענקלעך און טישן. דער שטויב האָט מיט אַ דיקן שיכט צוגעדעקט די זאַכן, וואָס האָבן זיך דאָ געפֿונען. פֿון אָנהייב האָט מאַרישע די דאָזיקע זאַכן נישט דערקענט. אָבער ווען זי האָט אַוועק־געשאַרט דעם אָנגעוואָקסענעם שמוץ, האָבן זיך פֿאַר אירע אויגן אַנטפּלעקט אַלע זייערע מעבל און שטוב־חפצים, די זעלבע, וואָס זיי האָבן דאָ איבער־געלאָזט בעתן אַריבערגיין אין געטאָ.

ביים אַריבערטרעטן די שוועל פֿון טאַטע־מאַמעס שלאָפֿשטוב האָט זיך ביי מאַרישען פֿאַרהאַקט דער אָטעם. דער דאָזיקער צימער איז געבליבן לחלוטין אומבאַרירט פֿון חורבן. בלויז אַ שיכט פֿון שטויב איז געלעגן אויף די גלאַנציק־פֿאָרנירטע מעבלשטיק, וואָס זיינען געווען אויסגעשטעלט אין דעם זעלבן סדר, ווי דעמאָלט, ווען זיי האָבן דאָ געוווינט.

ס׳האָט איר פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ און טרערן האָבן זיך גענומען גיסן פֿון די אויגן. זי איז צוגעפֿאַלן צו דעם ברייטן בעט און איינגעגראָבן דאָס פּנים אינעם פֿאַרשטויבטן מאַטראַץ.

זי האָט דערפֿילט דעם ריח פֿון טאַטע־מאַמעס בעט. ס׳איז דער זעלבער ריח, וואָס דעמאָלט, ווען זי איז געווען אַ גאַנץ קליין מיידעלע. אין די פֿרי־מאָרגנס פֿלעגט זי זיך אַריינשאַרן צו דער מאַמען אין איר וואַרעמען בעט

אַריין. מיט אַלע אירע חושים פילט איצט מאַרישע אָט די אויסגעבענקטע וואַרעמקייט.

די מאַמע האָט זי צוגעטוליעט און דער טאַטע האָט געקושט איר שוואַרץ־געלאָקטן קאָפּ. זי פילט נאָך איצט די ווייכקייט פון זיין ברייטער באָרד, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען געדיכט דורכגעפלאָכטן מיט זילבער. מיט יאָרן שפּעטער, בעת צוזאַמען מיט דער מאַמען האָט ער זי געפירט אונטער דער חופּה, איז שוין זיין באָרד געווען אין גאַנצן ווייס, ווי אָפּגעגאָסן מיט מילך.

אין אָט די צייטן, האַרט פאַרן מלחמה־אויסבראָך, האָט זיך דער טאַטע שוין געהאַט צוריקגעצויגן פון די געשעפטן. בהדרגהדיק האָט ער אַלץ איבערגעגעבן אין די הענט פון אירע צוויי עלטערע ברידער, מיט וועלכע זי האָט זיך כסדר געאַמפּערט צוליב דעם, וואָס זיי האָבן זיך נישט גענוג באַמיט העניעקן צוציִען צו דער מיטאַרבעט. זי האָט געגאַרט, אַז ער זאָל ווערן אַן אמתדיקער און אַקטיווער שותּף צו די געשעפטן, און די ברידער, וועלכע האָבן זייער יִינגסטע שוועסטער שטאַרק ליב געהאַט, וואָלטן דאָס איר קיין מאָל נישט אָפּגעזאָגט.

וואָס האָט אָבער דערפון געקענט אַרויסקומען, אַז העניעק האָט נישט געהאַט קיין שום אינטערעס פאַר זיין שווערס גרויסע געשעפטן. די ברידער האָבן זיך געשווירן, אַז זיי טוען אַלץ, וואָס נאָר מעגלעך, כּדי אים צו פאַראינטערעסירן, אָבער אים גייט די גאַנצע זאַך נישט אָן. דער טאַטע האָט זי נישט געוואָלט מצער זיין, האָט ער איר אויסגערעדט, אַז העניעק איז נאָך צו יונג פאַר אַזעלכע ענינים און מיטן אייבערשטנס הילף וועט ער נאָך ווערן אַ גוטער סוחר.

ר׳ איטשע מאיר פלעגט איצט ביז אין מיטן טאָג אַריין זיצן אָנגעטאָן אין טלית און תּפילין. ער האָט געדאַווענט מיט עפּעס אַ באַזונדערן ברען, גאָרנישט אַזוי ווי פריִער. ס׳האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיין גאַנצע נשמה געוואָלט אויסגיסן אין דער דאָזיקער תּפילה, און אפשר האָט ער פאָרויסגעפילט דאָס גרויסע אומגליק.

נאָכן דאַווענען פלעגט דער טאַטע בלייבן זיצן איבער אַ ספר. ער וואָלט אַזוי געלערנט אָן אַ סוף, ווען נישט די מאַמע, וועלכע האָט זיך ביי אים געבעטן ער זאָל עפּעס איבערבייסן. דעמאָלט פלעגט ער אַוועקרייסן דעם קאָפּ פונעם ספר, אַרומקוקן זיך מיט אַ נישט־דאָיִקן בליק און איבערחזרן:

— יאָ, אָט שוין גיי איך, שוין גיי איך...

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן און דייטשע באָמבעס האָבן גענומען פאַלן אויף דער שטאָט, איז ער, ווי פריִער, געבליבן זיצן איבער זיינע ספרים. אָבער דעמאָלט זיינען עס געווען אַנדערע ספרים. דער טאַטע האָט איצט געזאָגט תהילים מיט אַ וויינענדיקן ניגון פון תשעה־באבדיקע קינות און אַריינגעקוקט אין די ספרים פון דער קבלה.

✶

ס׳איז נישט מעגלעך געווען צו פועלן ביים טאַטן ער זאָל אַראָפּגיין אין קעלער, ווו מען איז געווען אַ ביסל מער געשיצט פון דער טויט־סכּנה.

אָט שטייט ער איצט פאַר אירע אויגן: אַ הויכער ייִד, אַן אויסגעגלייכטער, די ברילן אַראָפּגעלאָזט אויף דער שפּיץ נאָז, אין זיין לאַנגן טלית מיט דער גבירישער זילבערנער עטרה. פון איבער די ברילן קוקן זיינע אויגן מיט ביטול אויף די איבערגעשראָקענע שטובמענטשן.

— איז דען מעגלעך צו באַהאַלטן זיך אין אַ קעלער פאַרן אייבערשטנס פסק־דין? — האָט ער געפרעגט מיט אַ געלאַסענער שטימע, אין וועלכער עס האָט זיך נישט געמערקט קיין שום סימן פון שרעק.

די שטובמענטשן האָבן זיך באַרויִקט. זיי זיינען געבליבן אויף די ערטער און האָבן געוואַרט אויפן סוף פון די באָמבאַרדירונגען. זייער הויז איז געבליבן גאַנץ און נישט באַרירט.

ס׳איז אַריבערגעלאָפן אַ צייט. דאָס לעבן איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ שווערער, ממש אומדערטרעגלעך.

— טאַטעשי — האָט זיך מאַרישע באַקלאָגט — ס׳איז אַ סכּנה און אַן אימה צו לעבן דאָ. יעדן טאָג כאַפּט מען מענטשן אין גאַס, יונגע און אַלטע, אַפילו קינדער, אומשולדיקע קינדער. זיי קומען אום פון רוצחישע הענט. איז דען מעגלעך, טאַטע, אַז דאָס זאָל זיין גאָטס פּסק־דין?

— מיין קינד, פאַרבאָרגן זיינען די מעשׂים פון הקדוש־ברוך־הוא. גוטסקייט און רשעות, אמת און שקר, יושר און עוולה, צדק און רציחה — אַלץ איז דאָס ווערק פון זיינע הענט און געפינט זיך אין דער בחינה פון ליכט און פינצטערניש. גוטסקייט איז ליכט, רשעות איז פינצטערניש. נאָר ער איינער קען אַראָפּברענגען ליכט און באַזייטיקן פינצטערניש, ווי ס׳שטייט

געשריבן: גולל אור מפני חושך וחושך מפני אור. פרעגט זיך טאַקע: נאָך וואָס דאַרף מען דאָס פינצטערניש? איז דער ענטפער: כּדי עס זאָל קענען ווידער ווערן ליכטיק.

און איצט, בעת זי זיצט אַזוי פּאַראומערט אויף טאַטע־מאַמעס לײדיקע בעטן, באַוועגן זיך אירע ליפּן אין אַ שטילן פליסטער, וואָס צעלייגט זיך אין דער נשמה, ווי ווערטער פון אַ הײלנדיקער תּפילה:

— אָ, טאַטע געטרײַער, העלף מיר! ס׳איז מיר אַזוי שלעכט אין מײַן איינזאַמקייט און עלנט. נאָך וואָס האָב איך אײנע אַליין געדאַרפט איבערלעבן דעם חורבן, אַז איצט בין איך פאַרבליבן ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים. און העניעק? ער איז פרעמד און קאַלט, ער איז פאַרנומען מיט זײַן אַרבעט און זײַנע נײַע אידעען. אָ טאַטע, איך געדענק, ווי דו האָסט אים אַלע מאָל פאַרענטפערט, פאַרגלעט זײַנע חסרונות. אָבער מיט וואָס קען מען איצט פאַרענטפערן אָט דאָס, אַז ער האָט זיך אין גאַנצן איבערגעגעבן דער עבודה־זרה?

דער טאַטע האָט אָבער נישט געענטפערט. אַנשטאָט צו ענטפערן האָט ער אויף איר געקוקט מיט ברייט־צעשמייכלטע אויגן. זי האָט אים איצט געזען אַן אויפגעלייגטן, אַזוי ווי ער האָט אויסגעזען אין יענע גוטע און רויִקע צייטן, ווען קיינער האָט נאָך נישט געאַנט וועגן דעם, וואָס עס וועט קומען.

אין זײַן זיידענעם שטובכאַלאַט מיט דער סאַמעטענער יאַרמלקע איז דער טאַטע געזעסן אויבן אָן ביים לאַנגן דעמבענעם טיש אין זײַן רחבותדיקן חדר־מיוחד. אַרום טיש זײַנען געווען אויסגעזעצט צענדליקער ייִדן, פרײַנד, מקורבים, שכנים און געסט. ס׳איז געווען אײנע פון יענע מלווה־מלכּהס ביי אים אין שטוב, בעת וועלכע חסידים פלעגן זיך פריילעך מאַכן מיט משקה און גוטע מאכלים.

מאַרישע האָט צוזאַמען מיט זייער אַלטער דינסט דערלאַנגט צום טיש דאָס עסן און בעת זי האָט זיך דערנענטערט צום טאַטן, כּדי אַוועקצושטעלן לעבן אים אַ פאַלעמיסעק מיט גענדזן־געבראָטנס, האָט ער איר מיט אַ שמייכל צוגעוווּנקען:

— קום נאָר צו, מלכּהלע.

זי האָט זיך דערנענטערט צו אים און ער האָט איר שטילערהייט איינגע־רוימט אין אויער:

— דו טראָגסט אַן אוצר אין דיין טראַכט, מלכהלע. דו איינע קענסט באַווירקן, אַז דער דאָזיקער זאָמען זאָל ירשנען די פּראַכט פונעם פאַרפייניקטן פאָלק, נאָר דו ביסט בכּוח אַריינצוגיסן אין זיין האַרץ דאָס גרויסע געפיל פון געטריישאַפט און די ליבע צו די עלטערן און זיידעס...

אָפּגעזאָגט דאָס, האָט זיך ווידער געביטן די מראה פונעם טאַטן. ס'האָט אויך זיך געביטן די פּאַנאָראַמע אין מאַרישעס דמיון. די שטוב איז טאַקע די זעלבע וואָס פריִער, אָבער קיינער זיצט איצט נישט אַרום דעם דעמבענעם טיש. בלויז דער טאַטע, אַן איינגעקורטשעטער און אַן איינגעהילטער אין טלית, שטייט אין ווינקל ביי דער זייט פונעם אָרון־הקודש. ער זעט אויס ווי אין די לעצטע טעג פאַרן אַוועקגיין אין געטאָ: אַ פאַרמרה־שחורהטער און פאַרקוקטער אין נישט דאָזיקע ווייטקייטן.

דער טאַטע זאָגט עפּעס מיט אַ וויינענדיק קול און זיינע רייד זיינען נישט פאַרשטענדלעך. עפּעס רעדט ער וועגן די טעג פון אַחרית הימים, וועגן גוג, דעם פירשט פון משך און תּובל, וואָס קומט אין דעם לאַנד פון מגוג, כּדי דאָרט אָנצוצינדן דאָס פייער פון אַ מוראדיקער מלחמה; ער רעדט וועגן דער נאָענטקייט פונעם טאָג, ווען השם יתברך וועט פריילאָזן דעם אויסלייזער, וואָס זיצט ביי די טויערן פון רוים, אַ פאַרשטעלטער פאַר אַ בעטלער, און וואַרט אויף אַ צייכן; ער רעדט וועגן דעם גרויסן ליכט פון דער גאולה, וואָס וועט פאַרצערן דאָס פינצטערניש, אין וועלכן די וועלט איז פאַרזונקען.

און בעת דער טאַטע רעדט אַזוי, פּילט מאַרישע אויף זיך זיין דורכשפּיזנ־דיקן בליק, מיט וועלכן ער קען דערגרונטעווען דעם סוד פון אירע אַלע געדאַנקען. אונטער דער ווירקונג פון אָט דעם בליק הייבט מאַרישע אויף איר קאָפּ פונעם מאַטראַץ און זי דערזעט דאָס פּנים, צו וועלכן עס געהערן די דאָזיקע אויגן. ס'איז נישט דעם טאַטנס פּנים. ס'איז דאָס פּנים פון וולאַ־דיסלאַוון, דעם אַלטן הויזוועכטער.

*

וולאַדיסלאַוו האָט געקוקט אויף מאַרישען און זיין בליק איז געווען פול מיט רחמנות.

— זאָל די פּאַניענקע נישט וויינען — האָט ער איר שטיל אויסגערעדט —

ס׳וועט סיי ווי נישט העלפן. אַ ביטערע מלחמה איז געווען, אַ סך מענטשן זיינען אומגעקומען; סיי אייערע און סיי אונדזערע. איצט דאַרפן די לעבנ־געבליבענע צוזאַמענקלייבן זייערע כּוחות און אָנהייבן דאָס לעבן פון ס׳ניי.

אַ סך יאָרן האָט וולאַדיסלאַוו געדינט ביי די קאָטלערס. ער האָט מאַרישען געקענט פון זינט זי איז געבוירן געוואָרן. אָבער פון דעסטוועגן האָט ער איר קיין מאָל נישט אַרויסגעוויזן קיין שום וואַרעמקייט. זי האָט אים טאַקע געקענט פאַר אַזעלכן: פאַר אַ קאַלטן לונג־און־לעבער, אַ מרוק, וועלכער איז נישט פעיִק צו ווערן אויפגערוימט, אַפילו דעמאָלט, ווען ער נעמט עטלעכע כּוסות.

נאָר מען קען נישט אָפּשאַצן די נשמה אַפילו פון אַ מענטש, וועלכן מען קען דאָס גאַנצע לעבן. אָט איז ער, וולאַדיסלאַוו, געוואָרן אַזוי באַרע־דעוודיק. ער האָט איר געגומען דערציילן וועגן צוויי קאַסטנס מיט זאַכן, וואָס איר פאָטער האָט אים געהייסן היטן און ער האָט זיי פאַרשטעקט טיף אין קעלער הינטער הויפנס אַלטע גראַטעס.

— זיי שטייען נאָך דאָרט ביז היינט — האָט ער מיטן וויזפינגער גע־טייטלט אויף אַראָפּ, צום קעלער צו — פולע קאַסטנס מיט זאַכן, ס׳רוב ביכער, אייערע הייליקע ביכער.

די דאָזיקע ידיעה האָט מאַרישען אַ נעם געטאָן ביים האַרצן. זי האָט גלייך געוואָלט אַראָפּגיין און זען די קאַסטנס. ער האָט זי געפירט אין דער פינצטער, דורך לאַנגע געדרייטע קאָרידאָרן, און ווען זיי זיינען צוגעקומען צו אַ באַשטימט אָרט, האָט ער אָנגעריבן אַ שוועבעלע און אָנגעצונדן אַ ליכט. מאַרישע האָט דערזען די צוויי גרויסע קאַסטנס, אָן צודעקן, פול אָנגעפּאַקטע מיט ספרים. זי האָט אַריינגעשטעקט אַ האַנט אין אַ קאַסטן און דאָרט אָנגע־טאַפּט אַ לעדערנע טעקע. זי האָט אַרויסגעשלעפּט דעם אָנגעטאַפּטן חפץ און דערקענט דעם טאַטנס שוואַרצן בריוטאַש, אין וועלכן ער פלעגט האַלטן וויכטיקע דאָקומענטן.

— פּאַניע וולאַדיסלאַוויע — האָט זי גענומען רעדן צום וועכטער — איר קענט זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַראַ טייערע אָנדענק־זאַכן עס געפינען זיך דאָ אין די קאַסטנס. איך וועל מאָרגן קומען מיט מיין מאַן און מיר וועלן אַוועקנעמען די קאַסטנס מיט די ביכער. אָבער איצט — האָט זי זיך גע־בעטן — וויל איך נאָך צוריקגיין אין אונדזער דירה. איך האָב בלויז געזען

די שלאָפשטוב, און איר ווייסט דאָך, אַז אויך די אַנדערע צימערן וויל איך זען.

וולאַדיסלאַוו איז מיט איר צוריק אַרויפגעגאַנגען און אויפן וועג האָט ער איר דערציילט, אַז יענע דייטשן, וועלכע האָבן געהאַט פאַרנומען זייער דירה, האָבן אין דער איינריכטונג בכלל נישט געמאַכט קיין שום ענדערונגען. דעריבער וועט אויך מאַרישע אין די איבעריקע צימערן געפינען אַלץ אַן ערך אַזוי, ווי זיי האָבן עס געהאַט איבערגעלאָזט.

זי איז אַריין אין טאַטנס חדר מיוחד. וולאַדיסלאַוו האָט טאַקע געזאָגט דעם אמת. דעם טאַטנס שרייבטיש איז געשטאַנען אויפן זעלבן אָרט און פונקט אַזוי אויך דער גרויסער דעמבענער טיש אַרומגערינגלט מיט אַ סך שטולן. די ביכערשענק האָבן, ווי אַ מאָל, געטוליעט זיך צו די ווענט און מיט זייערע שפּיצן האָבן זיי דערלאַנגט דעם סופית. די ענדערונג איז קענטיק געווען בלויז מיט דעם, וואָס זיי זיינען איצט געווען ליידיק. ס'איז אויך פאַרשוווּנדן געוואָרן דער געשניצטער אָרון־הקודש מיט דער ספר־תּורה ביי דער מזרח־וואַנט.

אויף דער אַנטקעגנאיבערדיקער וואַנט איז דער גרויסער הענגזייגער מיט די שווערע מעשענע געוויכטן געהאָנגען אויף דעם זעלבן אָרט, ווי אין די אַמאָליקע צייטן. ער איז אָבער נישט געגאַנגען, ווייל זינט אַ לאַנגער צייט האָט אים קיינער נישט אָנגעצויגן. מאַרישע האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן גלעזערנעם זייגער־קאַסטן מיט די לאַנגע שוואַרצע ווייזערס און פּלוצעם האָט איר עפּעס אַ צופּ געטאָן ביים האַרצן. אַ לאַנג פאַרגעסענע דערינערונג פון אַ געשעעניש, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צום דאָזיקן זייגער, האָט אויפגעוואַכט אין איר זכרון. געווען איז עס אַזאַ מין געשעעניש, וואָס האָט קיין מאָל נישט צוגעשמידט צו זיך איר אויפמערקזאַמקייט, נאָר איז פאַרביי־געגאַנגען לעבן איר פונקט אַזוי, ווי ס'וואָלט צו איר קיין שייכות נישט געהאַט.

מאַרישע איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך און האָט מיט אָנשטרענג געקוקט אויפן זייגער. זי האָט אַפילו פאַרגעסן, אַז וולאַדיסלאַוו שטייט לעבן איר. אירע ליפּן האָבן זיך לייכט באַוויגן, בעת זי האָט שטילערהייט אַריינגערעדט אין זיך:

— די מאַמע, יאָ, די מאַמע. אויפן וועג פון דער היים אין געטאָ. טאַקע דעמאָלט האָט זי עס געזאָגט. אָבער ווי אַזוי איז עס מעגלעך — האָט זי זיך

אַליין געפרעגט — אַז איך האָב וועגן דעם אין גאַנצן פאַרגעסן, קיין איין מאָל וועגן דעם נישט געטראַכט? און דאָך האָט עס די מאַמע בפירוש געזאָגט און שפּעטער אַפילו נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט.

✶

ווען מאַרישע איז אַהיימגעקומען מיטן טאַטנס שוואַרצן בריוועטאַש אונטערן אָרעם, האָט העניעק שוין געהאַט זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט. אַן אָנגעברוגזטער האָט ער געפרעגט:

— ווו ביסטו געווען?

אַן אויסגעמאַטערטע האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אַ שטול און גענומען נישטערן אין בריוועטאַש.

— אויף זלאָטע גאַס — האָט זי געענטפערט העניעקן און ווייטער איבערגעקוקט די פּאַפּירן, וואָס זי האָט אַרויסגענומען פונעם בריוועטאַש.

— נאָך וואָס ביסטו אַהין געגאַנגען? — איז העניעק אַרויס מיט אַ טענה — מיר האָבן דאָך אָפּגעמאַכט, אַז מ'וועט זיך מער נישט אומקערן אַהין.

זי האָט אָבער איצט נישט געהאַט קיין חשק אויסצוהערן זיינע טענות, האָט זי אים קורץ און שאַרף איבערגעריסן: זי ווייסט קיין זאַך נישט וועגן אַזאַ מין אָפּמאַך. דער אמת איז, אַז ער האָט דאָס פון איר פאַרלאַנגט, אָבער זי קען דעם דאָזיקן פאַרלאַנג זיינעם נישט דערפילן.

זי האָט אים דערלאַנגט דעם טאַטנס בריוועטאַש:

— זע נאָר, וואָס איך האָב געפונען אין קאַסטן צווישן דעם טאַטנס ספרים.

ער האָט גענומען איבערקוקן די פּאַפּירן פונעם בריוועטאַש, און וואָס מער ער האָט געקוקט, אַלץ מער חידוש האָט אויסגעדריקט זיין פּנים.

— דעם טאַטנס אַסעקוראַציע־פּאָליסעס און באַשטעטיקונגען פון בענק אויף איינגעצאָלטע געלטער — האָט ער געזאָגט — דאָס רוב זיינען עס אויס־לענדישע בענק.

— איך האָב געזען, אַז בלויז איין קבלה פון דער שווייצאַרישער באַנק איז אויף הונדערט טויזנט אַמעריקאַנישע דאָלער. ס'ווייזט אויס, אַז אין סך־הכּל ליגן דאָרט אַזעלכע סכומים געלט, וואָס וועלן קלעקן נישט בלויז פאַר אונדז ביידע, נאָר פאַר אונדזערע קינדס־קינדער.

אָבער העניעק האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום פרייד. גלייך אויפן אָרט האָט ער בפירוש דערקלערט, אַז פונעם דאָזיקן פאַרמעגן וויל ער נישט נהנה זיין.

— מוחל די גבירישע מתּנות — האָט ער געזאָגט — איך וויל לעבן בלויז פון דעם, וואָס איך אַליין וועל פאַרדינען.

— איך וויל מיט דיר זיך נישט קריגן — האָט זי געענטפערט מיט כּעס — און לאָמיר אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן אַלע דײַנע פּרינציפּן. עס זיינען איצט פאַראַן עטלעכע פּראַקטישע ענינים, וואָס מוזן באַלד אויסגעפירט ווערן. אויב דו ווילסט טאַקע בשום אופן נישט אַריינציִען זיך אין אונדזער דירה, מוזן מיר מאַרגן אַהין צופאָרן מיט אַ וואָגן און אַוועקנעמען די צוויי קאַסטנס מיט ספרים.

— ווּהין ווילסטו אַוועקפירן די ספרים? — האָט ער געפרעגט מיט אויפרעגונג. זי האָט אָבער נישט געלייגט קיין אַכט דערויף און אים פשוט געענטפערט:

— אָט דאָ אַהער, אין אונדזער שטוב אַריין, וועלן מיר זיי ברענגען.

— ווי פאַלסטו אויס? — האָט ער זיך אַנגעצונדן און גענומען שרייען — ווילסטו, אַז אַלע זאָלן תּיכּף וויסן, ווער איך בין?

— בלויז זיך אַליין נאַרסטו, העניעק. אַלע דײַנע שכנים ווייסן שוין פון לאַנג, אַז מיר זיינען ייִדן. דאָס שטייט בפירוש אָנגעשריבן אויף אונדזערע נעזער. דו ביסט דער איינציקער, וועלכער זעט עס נישט.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מאָל וועט ער ביי איר גאָרנישט אויס־פירן. ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט דעם צאָרן דערשטיקט אין זיין קעל. זי האָט אים אָבער נישט אָפּגעלאָזט.

— העניעק — האָט זי אים געפרעגט — געדענקסטו עפּעס אין שייכות מיטן העגנזייגער אין טאַטנס חדר־מיוחד?

— דער העגנזייגער? איז ער דאָרט דאָ?

— יאָ, ער הענגט אויף דעם זעלבן אָרט. ווייזט אויס, אַז דורך דער גאַנצער צייט האָט זיך קיינער צו אים נישט צוגערירט. וואָס זשע געדענקסטו?

— דיין מאַמע האָט עפּעס געזאָגט וועגן דעם זייגער. דאַכט זיך, אַז ס׳איז געווען בשעת מען איז געגאַנגען אין געטאָ אַריין. זי האָט געזאָגט, אַז מען זאָל ערגעץ ווו אַריינקוקן, אָבער איך געדענק נישט ווו.

— אַהאַ — איז איצט מאַרישען אַלץ קלאָר געוואָרן אין קאָפּ — איצט געדענק איך שוין. די מאַמע האָט געזאָגט אַזוי: ווער ס'וועט זוכה זיין אומצוקערן זיך אין אונדזער שטוב, זאָל גוט באַטראַכטן דאָס שטיקל וואַנט הינטערן גרויסן הענגזייגער.

✶

צו מאָרגנס איז הענימעק אַ ביסל פריִער צוריקגעקומען פון דער אַרבעט. ער האָט מיטגענומען אַ האַמער מיט אַ דלאָטע, כּדי נישט דאַרפן די דאָזיקע זאַכן בעטן ביי וולאַדיסלאַוון און מיט מאַרישען איז ער אַוועק אויף זלאָטע גאַס. מאַרישעס כּוונה איז געווען קודם כּל אַ קוק צו טאָן הינטערן זייגער. די קאַסטנס מיט די ספרים וועט צייט זיין אַוועקצונעמען מיט אַ טאָג שפּעטער.

זיי האָבן ביידע צוזאַמען אַראָפּגענומען דעם שווערן זייגער פון דער וואַנט. מיט איר שאַרפער ראיה האָט מאַרישע געגומען באַטראַכטן דעם ווייסן וואַנטפלעק, וואָס איז געבליבן אויפן אָרט, ווו דער זייגער איז געהאָנגען. באַלד האָט זי געוויזן הענימעקן אַ קליינעם פּירעק, אַרומגערינגלט מיט דיי־נענקע ליניעס, קוים צו זען מיטן אויג. הענימעק האָט די ליניעס נישט געזען, אָבער מאַרישע האָט אים גענוי אָנגעצייכנט דאָס אָרט און אים געהייסן דאָרט אויפהאַקן דעם טינק.

ער האָט זי געפאָלגט און באַלד ווי דער טינק איז באַזייטיקט געוואָרן, האָט זיך אויף דעם אָרט אַנטפּלעקט אַ באַוועגלעכע ציגל. מיט עטלעכע באַוועגונגען האָט הענימעק אַרויסגענומען דעם ציגל און ס'איז געבליבן אַ שמאָלע און טונקעלע עפענונג אין דער וואַנט.

מאַרישע איז געוואָרן אומגעדולדיק. זי האָט אַריינגעשטופּט די האַנט אין דער עפענונג און נאָך אַ ווײַלע אַרויסגעשאַרט פון דאָרט אַ בלעכערנע פּושקע. אַ סאַמעטן זעקעלע איז געלעגן אין דער פּושקע, שווער אין וואָג און קלינגענדיק ווי מעטאַלענע מטבעות.

מאַרישע האָט מיט דער האַנט איבערגעוואָרפן די גאָלדענע מטבעות, מיט וועלכע דאָס זעקעלע איז געווען אָנגעפילט. פּלוצעם האָט זי עפּעס אָנגעטאַפּט. באַלד האָט זי אַרויסגעשלעפּט אַ קליין שקאַטולקעלע, וואָס האָט נאָכן עפענען אויפגעגלאַנצט מיט ליכטיקע פונקען פון פילפאַרביקע פייער־לעך, וואָס די פאַרגייענדיקע זון אין דעם פענצטער פונעם טאַטנס חדר־מיוחד

האָט זיי אָנגעצונדן. אַ פאַרציטערטע האָט איצט מאַרישע געקוקט אויף די שמוק־שטיקער אין דעם שקאַטולקעלע:

— אָט איז עס! זע נאַר! דער מאַמעס צירונג!

זי האָט געקוקט אויף די גרויסע און ליכטיקע דימענטן. זי האָט געהאַלטן אין איין שלינגען די לופט, וואָס האָט איר געפעלט צום אָטעמען, אָבער קיין טרערן אין די אויגן האָט זי נישט געהאַט.

אויך ביי העניעקן, וועלכער איז געשטאַנען ביי דער זייט, האָט אַלץ געצאַפּלט. אָבער גליקלעך צוליב דעם געפונענעם אוצר איז ער נישט געווען. ער האָט זיך באַמיט צו זיין זאַכלעך און זיך אָנגערופן:

— אין אונדזערע באַדינגונגען קען אונדז דער דאָזיקער אוצר נישט ברענגען קיין גליק. צו וואָס דאַרפסטו עס, מאַרישע? דו וועסט עס דאָך דאָ קיין מאָל נישט קענען אָנטאָן.

זי האָט אָבער נישט געהערט וואָס ער זאָגט. זי האָט נישט אַראָפּגעלאָזט דעם בליק פונעם אוצר און איבערגעחזרט נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל:

— אָט איז עס, דער מאַמעס צירונג.

דער ווידוי

דער טאָג האָט זיך ביי מיר אָנגעהויבן פונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע מיינע אַרבעטסטעג פון אַ גאַנץ יאָר. אַריינגעשפּאַנט אין מיין ביוראָ־צימער האָב איך זיך אַוועקגעזעצט ביים שרייבטיש און גענומען איבערקוקן די בריוו. אָבער פּלוצעם האָט זיך דער טעלעפאָן אויפן שרייבטיש גענומען רייסן מיט כוואַליעס פון איבערגעהאַקטן געקלאַנג. אין טרייבל האָט אַ טיפע מענערישע שטימע אָנגערופן מיין נאָמען און ווען איך האָב באַשטעטיקט, אַז איך בין טאַקע דער אָנגערופענער ביים נאָמען, האָט יענער גלייך אָנגעהויבן צו מיר רעדן אויף פּויליש:

— איך בין העניעק באַראָוויטש. מיט יאָרן צוריק האָבן מיר זיך געהאַט געטראָפן אין פּוילן. איך האָף, אַז איר געדענקט מיך. איז עס ריכטיק?

— העניעק באַראָוויטש! אַוודאי געדענק איך אייך. שלום־עליכם. וואָס טוט איר אין אַמעריקע?

אויף דער דאָזיקער פראַגע האָט ער מיר נישט געגעבן קיין ענטפער. ער האָט בלויז געזאָגט, אַז ער איז אַהער געקומען נישט לאַנג צוריק דירעקט פון פּוילן. צוליב וואָס ער איז געקומען, וועגן דעם האָט ער מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנט. דאַקעגן האָט ער מיך געלאָזט וויסן, אַז ער וויל זייער שטאַרק מיט מיר זיך זען און אַז מען וועט זיך טרעפן, וועט מען זיך דורכשמועסן וועגן אַ סך ענינים.

איך האָב גלייך מסכים געווען אויף אַ באַגעגעניש. איך האָב אים פאָרגעשלאָגן צו קומען אויף אָוונטברויט צו מיר אין שטוב אַריין. ער האָט זיך אָבער נישט געפילט באַקוועם מיט מיין פאַרבעטונג. אייגנטלעך דאַרף ער מיט מיר זיך דורכרעדן וועגן אַ דורכויס פּערזענלעכן ענין און ביי אים אין האָטעל־צימער, ווו חוץ אונדז ביידע וועט מער קיינער נישט זיין, וועט אים זיין אַ סך לייכטער צו קאָנצענטרירן זיך.

יענעם אָוונט בין איך אַוועק צו אים אין האָטעל. געווען איז עס אייגער

פון די ביליקערע האָטעלן אין צענטער פון מאַנהעטן. דאָס צימער איז נישט גרויס און ווען איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף דער איינציקער שטול, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, איז פאַר באָראָוויטשן געבליבן בלויז די ברירה זיך צוצושפּאַרן אויפן בעט.

— שוין פופצן יאָר זיינען דורכגעלאָפן — האָט ער זיך באַמיט אָנצוהייבן דעם שמועס אין אַ טאָן פון צוגעלאָזנקייט — זינט מיר האָבן זיך דאָס לעצטע מאָל געזען. איר האָט זיך פאַר דער צייט וויינִיק געביטן.

איך האָב אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ כלומרשט אַ צופרידענער. אָבער אין דער אמתן האָט די דאָזיקע לעצטע באַגעגעניש מיט באָראָוויטשן נישט איבערגעלאָזט ביי מיר קיין אָנגענעמע זכרונות. געווען איז עס אויפן צע־שאָסענעם דאַנציגער וואָקזאַל אין וואַרשע. אין יענער צייט פלעגן פון דאָרטן אָפּפאָרן די אינטערנאַציאָנאַלע שנעלצוגן קיין אויסלאַנד. איך האָב פּונקט געהאַלטן אין איינשטייגן אין אַזאַ באַן, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ זייטיקער ליניע און האָט געדאַרפט אין עטלעכע מינוט אַוועקגיין. דער וואַגאָן אין וועלכן איך האָב זיך פאַרלאָדנט מיט מיין ביסל האָב־און־גוטס, האָט געטראָגן אַ שילדל „וואַרשע — טשעכיש פּראַג — דורך קאַלושקי".

דאָס איז טאַקע געווען דער מאָמענט, ווען איך האָב זיך אויף שטענדיק צעשיידט מיט פּוילן, און אין אַזאַ מאָמענט ווען, מיינט איר, האָט דאָס שלימזל מיר אָנגעטראָגן? פּונקט אים, באָראָוויטשן, דעם גרויסן פּאַטריאָט פון דער פּוילישער „פּאָלקס־דעמאָקראַטיע".

ער האָט אויף מיר געקוקט מיט אַ בליק פול מיט שפּאָט, פּונקט ווי ער וואָלט מיך געכאַפּט ביי דער האַנט, בעת איך קלייב זיך אָפּצוטאָן אַ גרויסע נאַרישקייט, אַן אומנייטיקע און אַחריותלאָזע זאַך.

— נו, איר פאָרט טאַקע אַוועק? אויף וואָגלעניש, אויף צרות און פּיין פאָרט איר, בעת דאָ דערוואַרט יעדן פון אונדז אַ גליקלעכע צוקונפט. איך וועל טאַקע בלייבן דאָ און מיטבויען דאָס נייע פּוילן.

ער איז דעמאָלט געשטאַנען אַ גלייכער און פאַרריסענער, ווי איינער, וועלכער איז זייער שטאָלץ אויף דעם וואָס ער טוט. אַזוי איז טאַקע געבליבן פאַרבאַקן אין מיין זכרון זיין געשטאַלט ביז צום מאָמענט, ווען איך האָב אים אָט דאָ ווידער דערזען. אָבער איצט האָט זיך אין זיין האַלטונג שוין נישט געמערקט קיין זכר פון פאַרריסנקייט. פאַרקערט, ער האָט מיר אויס־

געזען, ווי ער וואָלט זיך איינגעקאָרטשעט, ווי ער וואָלט געוואָרן קלענער. ער איז אַרויסגעקומען מיט לשון:

— ווייסט איר עפּעס וועגן מאַרישען? וועגן דעם זון?

— אָ, אייער געוועזענע פּרוי — האָב איך זיך באַמיט צו רעדן אין אַ גלייכגילטיקן טאָן — דעם אמת געזאָגט, האָב איך די לעצטע צוויי יאָר נישט געהאַט פון איר קיין שום ידיעה. אָבער איך ווייס, אַז ס'גייט איר גוט. דער זון איז שוין אַ גרויסער. געוואָרן בר־מצווה... באַלד, ווען איז עס געווען?

— מיט צוויי יאָר צוריק — האָט מיר באָראָוויטש אונטערגעזאָגט מיט אַ שמייכל — ער איז איצט פופצן יאָר אַלט.

— יאָ, עס שטימט — בין איך מסכים געווען און אויפן שפּיץ צונג איז מיר געלעגן די גאַנצע מעשה פון מאַרישעס איבערלעבונגען, וועלכע איך האָב געקענט, ווייל זי האָט מיר וועגן זיי אַליין דערציילט: ווי שווער עס זיינען פאַר איר געווען די ערשטע יאָרן נאָך דעם ווי ער איז פון איר אַוועקגעגאַנגען און האָט זי איבערגעלאָזט מיט אַ קליין קינד, וויפל געזונט עס האָט איר געקאָסט אים אויסצומעקן פון איר זכרון און ווי שווער ס'איז פאַר איר געווען צו געפינען אַ נייעם אָנהאַלט אין לעבן. איך ווייס אַליין נישט פאַר וואָס, אָבער איך האָב באָראָוויטשן וועגן די אַלע זאַכן אַפילו נישט דערמאָנט.

אָבער באָראָוויטש האָט מיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט. ער האָט געוואָלט וואָס מער וויסן וועגן דעם בחור. ווען האָב איך אים געזען דאָס לעצטע מאָל? ווי אַזוי האָט ער אויסגעזען?

— איך געדענק נישט גענוי — האָב איך אים געענטפערט — ס'איז געווען אַן ערך מיט אַ דריי אָדער פיר יאָר צוריק. מאַרישע איז געקומען אַהער אויף אַ באַזוך און מיט איר זיינען געווען איר מאַן און איר זון. זיי האָבן דאָ פאַר־בראַכט עטלעכע מאָנאַטן, געוווינט אין די טייערסטע האָטעלן און נישט גערעכנט זיך מיט קיין שום הוצאות. שפּעטער האָבן זיי זיך אומגעקערט קיין ישראל.

באָראָוויטש האָט מיך אויסגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. געוויס האָט ער געפילט די איינגעהאַלטנקייט אין מיינע ענטפערס. ער האָט, ווייזט אויס, באַשלאָסן דורכצוברעכן די וואַנט פון אָפּגעפרעמדקייט, וואָס האָט באַלד פונעם ערשטן מאָמענט זיך אויסגעשפּרייט צווישן מיר און אים. אָן שום הקדמות האָט ער אָנגעהויבן זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן. דאָס מאָל

איז אין זיינע רייד נישט געווען קיין שפור פון יענער אַמאָליקער פּאָזע. ער האָט גערעדט פּשוט און מענטשלעך און איך האָב פאַרגעדענקט אַלץ, וואָס איך האָב זיך פון אים דערוווּסט וועגן אים, וועגן זיין געוועזענער פרוי, מאַרישע, און זייער זון, יצחק מאיר.

✶

העניעק איז זיך מודה, אַז די גאַנצע שולד פאַר זיין צעשיידונג מיט מאַרישען טראָגט ער אַליין. פון דעסטוועגן, גיט ער צו, האָבן מיטגעווירקט נאָך אַנדערע אומשטענדן.

לויט זיינע רייד קומט אויס, אַז זינט מאַרישע האָט צוריקגעפונען אַ טייל פון איר טאַטנס ריזיקן פאַרמעגן, איז איר תּקיפותדיקייט געוואָרן אַזוי גרויס, אַז ס'איז אים פּשוט אוממעגלעך געוואָרן מיט איר צו פאַרבלייבן.

— זי האָט נישט געוואָלט פאַרשטיין — האָט ער זיך פאַרטרויט — אַז דאָרט אין פּוילן, אויף מיין פּאָזיציע אין דער לעדער־צענטראַלע, בין איך געווען עפּעס. איך האָב דאָרט געהאַט אַ דעה און אַן אָנזען, און דער עיקר: איך בין געווען פּראָדוקטיוו. פון דער צווייטער זייט, אויב איך וואָלט פאַר־לאָזט פּוילן, וואָלט איך צו מאָרגנס געווען אַ גאָרנישט, פּונקט אַזאַ אומבאַ־האָלפענע בריאה, ווי איך בין געווען פאַרן מלחמה־אויסבראָך אין דער רייכער שטוב פון מיין שווער, ר׳ איטשע מאיר קאָטלער.

מיר ווייזט אויס, אַז מאַרישע האָט נישט פאַרשטאַנען העניעקן. אָדער אפשר האָט זי אים נישט געוואָלט פאַרשטיין. ביי אים האָט זיך געהאַט אַנטוויקלט אַ ווידערווילן צום אופן פון לעבן אויפן חשבון פון זיין שווערס מיליאָנען. זי האָט אָבער פאַרלאַנגט, זיי זאָלן תּיכּף ומיד פאַרלאָזן פּוילן און באַזעצן זיך צייטווייליק אין אַ מערבדיקן לאַנד, פון וואַנען ס'וועט איר מעגלעך זיין אַריינצוטראָגן אין די בענק אירע תּביעות אויפן פּאָטערס דעפּאָנירטע געלטער.

אין אָט דער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן די אמתדיקע צרות. זי איז געווען אין די הויכע חדשים און ער האָט זי אָנגעהויבן צו פאַרנאַכלעסיקן. ער איז געוואָרן אַ גאַסט אין דער אייגענער שטוב. טעג און נעכט פלעגט מאַרישע איינע אַליין זיצן אין דער היים אַריינגעטאָן אין ביטערע מחשבות. זי האָט געטראַכט וועגן דער פאַרגאַנגענער וועלט און וועגן דער איצטיקער איינ־זאַמקייט.

העניעק האָט איר דערציילט, אַז אין שליחות פון זיין אַמט מוז ער איצט כסדר ארומפאָרן. ער פאָרט אויף קאָנטראָלעס אין די לעדער־פאַבריקן איבער דער פראָווינץ. לכתחילה האָט אים מאַרישע געגלייבט אָן שום באַוואָרענישן, זי האָט זיך אָבער נאָך שטאַרקער געגומען ביי אים בעטן:

— נאָך וואָס דאַרף איך אַזאַ לעבן? וואָס טויג מיר דאָס פינצטערן איינע אַליין אין דער פוסטער שטוב? וועט אונדז דען אויספעלן פרנסה? פאָלג מיך, העניעק, און לאָמיר פון דאַנען אַוועקפאָרן.

מיט דער צייט האָט זי אים אָבער אָנגעהויבן נאָכצוקוקן מיט חשד. עטלעכע מאָל האָט זי אים געכאַפּט ביי סתירותדיקע ענטפערס. זי האָט אים אָנגעהויבן נאָכפאָרשן און בקרוב האָט זי אַנטפּלעקט דעם ביטערן אמת: אַ צווייטע פרוי...

דערווייל האָט זיך אָנגערוקט די קימפעט. זי האָט געבוירן אַ יינגל, און דאָס האָט געפירט צו ווייטערדיקע מחלוקתן און קריגערייען. העניעק האָט בשום אופן נישט געוואָלט מסכים זיין, אַז דאָס קינד זאָל ווערן געמלט. דאַקעגן האָט מאַרישע געשווירן, אַז ביי איר לעבן וועט די חרפה פון שמד נישט באַשמוצן דעם הייליקן אָנדענק פון אירע טאַטע־מאַמע.

נאָכן אומקערן זיך פון שפּיטאָל האָט מאַרישע זיך פאַרשטענדיקט מיט די טוערס פונעם קהילה־קאָמיטעט און דאָס קינד איז געיידישט געוואָרן לויט דעם דין און דעם דת. העניעק האָט לכתחילה נישט געוווסט וועגן דעם ברית. ער איז פונקט געווען אויף איינער פון זיינע כלומרשטע רייזעס, און ווען ער האָט זיך אין אַ געוויסן נאָכמיטאָג געוויזן אין שטוב, איז אים מאַרישע אַנטקעגנגעקומען מיט אַ ביטולדיקן שמייכל:

— ווי אַזוי זיינען דיר אַדורכגעגאַנגען דיינע געשעפטן? — האָט זי אים געפרעגט מיט אַ שטימע פול שפּאָט און פאַראַכטונג.

העניעק האָט באַלד דערפילט, אַז די מעשה נבלה וועט אים איצט נישט דורכגיין אַזוי גלאַטיק ווי פריער. פון דעסטוועגן האָט ער ווידער אָנגעהויבן צו דרייען מיט דער צונג און האָט געזוכט פאַרשיידענע תירוצים. זי האָט אים אָבער איבערגעהאַקט די רייד:

— ס׳איז צייט — האָט זי אים געזאָגט — דו זאָלסט אויפהערן זיך אויפ־צופירן ווי אַ יינגל. פאַר וואָס קומסטו אַלע מאָל מיט אַנדערע ליגנס און האָסט נישט קיין מוט צו דערציילן דעם אמת? אָבער איך וועל דיר יאָ דער־

ציילן דעם אמת. אין דער צייט, ווען דו ביסט געווען אַזוי שטאַרק פאַרנומען מיט דיינע הולטאַיסקע געשעפטן, איז דיין זון געמלט געוואָרן. אָט גיב איך דיר איצט אָפּ אַ פאַרשפּעטיקטן מזל־טוב.

ער איז געשטאַנען אַ צעטומלטער. ער האָט אַליין נישט געוווּסט, וואָס ער דאַרף טאָן: בייזערן זיך צוליב דעם, וואָס זי האָט געטאָן מיט זיין זון, אָדער זי איבערבעטן פאַר זיין לאַנגער אָפּוועזנקייט. ס׳ווייזט אויס, אַז ער איז נאָך נישט געווען אַנטשלאָסן זיך פון איר אין גאַנצן אָפּצוזאָגן, אַז ערגעץ טיף אין דער נשמה האָט ביי אים געטליִעט אַ פונק פון חרטה אויף דעם, וואָס ער האָט איר אָפּגעטאָן.

אָבער זי האָט נישט געוואַרט אויף זיין אַנטשליסן זיך. זי האָט אים געזאָגט:

— גיי אַהין פון וואַנען דו קומסט. אויב איך האָב געקענט אויסקומען אָן דיר אין משך פון די אַלע לעצטע חדשים, וועל איך אויך ווייטער זיך באַגיין אָן דיר.

ערשט איצט האָט זיך העניעק געכאַפּט, אַז ער האָט פאַרלוירן דאָס שפּיל מיט מאַרישען. ער האָט דעריבער באַשלאָסן צו ראַטעווען וואָס ס׳איז נאָך מעגלעך צו ראַטעווען, לכל הפחות זיין כבוד פון אַ מאַנספּאַרשוין. האָט ער אָנגעהויבן זיך צו בייזערן:

— וואָס, אָן מיין וויסן און אָן מיין הסכמה האָסטו געלאָזט באַשניידן דאָס קינד? וואָס מיינסטו, וואָס? מיר לעבן ערגעץ אין מיטל־אַלטער אָדער אין אַ פרייען דעמאָקראַטישן לאַנד?

— אין אַ פאָלקס־דעמאָקראַטיע — האָט זי אים פאַרריכט מיט שפּאָט — און נעם זיך נישט אָן די עוולה פונעם קינד. נישט דו האָסט פאַר אים געווייטיקט.

— מיין פוס וועט דאָ מער נישט שטיין — האָט ער מיט כעס אויפגעריסן די טיר און איז אַרויס אין קאָרידאָר.

זי האָט אים נאָכגעשריגן אויפן קול:

— קענסט מיטנעמען דיינע זאַכן און די דירה וועסטו בקרוב אויך דיר קענען צוריקנעמען. איך דאַרף זי נישט.

*

אַ גלייכוועדטל זאָגט, אַז דער ליגן האָט קורצע פיס, דאָך שטעקט ביים אָנהייב פון אַ ליגן אַלע מאָל אַ שטיקל אמת. העניעק איז טאַקע מיט זיינע ליגנס ווייט נישט דערגאַנגען, אָבער למען האמת מוז מען צוגעבן, אַז זיין תּירוץ מיט די רייזעס אין שליחות פון זיין אַמט איז נישט געווען קיין אויס־געטראַכטער. וואָרעם ס׳איז געווען אַ ריינער צופאַל, אַז פּונקט דעמאָלט, ווען מאַרישע האָט געפונען דער מאַמעס צירונג און האָט אַזוי שטאַרק געגאַרט אַוועקצופאָרן פון פּוילן, איז העניעק בראש פון אַ דעלעגאַציע אַוועקגעפאָרן אויף די ניי־באַקומענע פּוילישע מערב־געביטן.

די אויפגאַבע פון דער דעלעגאַציע איז געווען צו העלפן ביים אָרגאַניזירן די אַרבעט אין די אַמאָליקע דייטשע לעדער־פאַבריקן, וואָס זיינען איצט איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער פּוילישער ווירטשאַפט. די דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון עטלעכע צענדליק מענטשן, דאָס רוב יונגע, אָנגעשטעלטע פון פאַרשיידענע אָפּטיילן פונעם אינדוסטריע־מיניסטעריום. געווען זיינען זיי מייסטנס וואַרשעווער יונגע־לייט און מיידלעך פון אָרעמערע היימען.

אַ גאַנץ באַזונדערן לעבנסוועג האָט הינטער זיך געהאַט די דאָזיקע יוגנט. זי איז אויפגעוואַקסן בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע אין אַ שטאָט, וועלכע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שלאַכטפעלד. זי האָט לגמרי נישט געדאַרפט קיין יוגנטלעכע חלומות, צו באַרייכערן דעם דמיון. די דערפאַרונגען פון איר סאַמע צאַרטסטע יאָרן זיינען באַשטאַנען פון בלויז אומוואָרשיינלעכע און פאַנטאַסטישע איבערלעבונגען. דערפאַר האָט זי זיך לויט איר כאַראַקטער אָפּגעשטעלט ערגעץ ווו אין מיטן וועג צווישן דער סאָלדאַטסקער הפקרות און אַן אידעאַליסטישן גלויבן אין עפּעס, וואָס שטייט העכער.

אין די דאָזיקע יונגע־לייט און מיידלעך האָט געברענט אַ פייער פון עולם־הזהדיקער תּאווה, וועלכע זיי האָבן מיטגעבראַכט פון יענע מלחמהדיקע צייטן. זיי זיינען איצט געפאָרן אין אַן אָפענעם לאַסטאויטאָ און די נסיעה אין דעם וואַרעמען פרילינג־וועטער האָט מחיהדיק געווירקט אויף זייער געמיט. דער וואָגן האָט זיך געטראָגן צווישן פאַרזייטע פעלדער מיט אַ פריש־אויפגייענדיקער גרינקייט, צווישן צעבליטע גערטנער און סעדער מיטביימער געדיכט באַדעקטע מיט ווייסן צוויט. פון די דאָזיקע צעבליטע ווייט־

קייטן האָט דער ווינט צוגעטראָגן ריחות פון פעלדבלומען און סאָסנאָווע וועלדער, וואָס האָבן געקיצלט אין די נאָזלעכער און פאַרשיכורט צום אַנטשלאָפן ווערן.

אין דעם אָפענעם לאַסטוואָגן זיינען די יונגע מענטשן באַלד צווישן זיך געוואָרן היימיש און צוגעלאָזן. לכתחילה האָבן זיי זאַרגלאָז געשטיפט און דערציילט פריילעכע מעשׂיות. זיי האָבן הויך געלאַכט און געזונגען רוסישע און פוילישע זעלנערישע און פאַרטיזאַנישע לידער. אָבער שפּעטער, ווען דאָס יאָגן זיך פונעם אויטאָ איבערן שאָסיי איז געוואָרן מאָנאָטאָן, איז זיי נימאס געוואָרן דאָס שטיפן. זיי האָבן זיך פונאַנדערגעטיילט אין פּאָרלעך און האָבן צווישן זיך שטילערהייט זיך געשושקעט.

אינעםביידל פונעם שאָפער איז געפאָרן די פירערשאַפט: העניעק באַראַוויטש און זאָשע מאַקאָווסקאַ, וועלכע האָט דאָ רעפּרעזענטירט דעם הויפּט־ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. זאָשע איז געווען העניעקס אַן אַלטע באַקאַנטע און אַגב אויך אַ זייער אינטערעסאַנטע פּערזאָן. אַ טאָכטער פון אַ פאַרדינסטפולן טוער פון דער לינקער באַוועגונג האָט זי בעת דער אָקופּאַציע, פּונקט ווי איר פאָטער, געלעבט אין קאָנספּיראַציע. געאַרבעט האָט זי ווי אַ פאַרבינדלערין פון דער קאָמוניסטישער פאָלקסאַרמיי און אין משך פון אַ געוויסער צייט האָט זי טאַקע אָנגעהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט העניעקן.

זאָשע איז געווען שלאַנק און הויך, האָט געהאַט אַ קאָפּ בלאָנדע האָר פון אַ נאַטירלעכן גאָלדקאָליר, אָבער אין איר פּנים איז נישט געווען קיין סימן פון ווייבערישער אָנציִעוודיקייט. די פּנים־שטריכן האָבן מיט זייער האַרטקייט פאַררעטן אַן אומגעווינלעכע ענערגיע און פון אירע וואָסערדיקע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַן ערנסטקייט, וואָס ווייסט גאָרנישט פון קיין הלצה אָדער אַ שמייכל.

זי האָט געאַרבעט ביים אויפבוי פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און די דאָזיקע אַרבעט האָט זי אין גאַנצן פאַרכאַפּט. זי האָט געשריבן אַרטיקלען כּפֿרן וואָכנבלאַט, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן די צענטראַלע פון די פאַראיינען און יעדן שמועס אירן האָט זי פאַרקערעוועט אויף אַ פּאָליטישער טעמע.

אייגנטלעך האָט איצט העניעק דאָס ערשטע מאָל געהאַט די מעגלעכקייט

זיך צוזאַמענצורעדן מיט זאַשען. זיי האָבן דערפילט אַ נאָענטקייט, וואָס איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן אין משך פון דער לאַנגער רייזע אינעם שווערן לאַסטוואָגן מיטן זשומענדיקן מאָטאָר, וואָס האָט זיך מוראדיק גע־שאָקלט אויף די האַלב חרובע פוילישע וועגן.

העניעק איז געווען זייער באַאיינדרוקט פון זאַשעס פערזענלעכקייט. דער עיקר איז אים געפעלן געוואָרן איר אומפשרהדיקע שטרעבונג צו אַ (ווי זי אַליין האָט עס באַצייכנט) מאַקסימאַלן סאָציאַליזם לויט לענינס נוסח. ס'האָט אויף אים געמאַכט אויך אַן איינדרוק איר סימפּאַטישע און עמאָציאָ־נעלע באַציִונג צו די געראַטעוועטע יידן. אין יענעם מאָמענט האָט נאָך העניעק נישט געאָנט דאָס, וואָס ער ווייסט איצט: אַזעלכע צוויי זאַכן ווי „מאַקסימאַלער סאָציאַליזם" און סימפּאַטיע פאַר אַן אומגעבראַכטן שבט זיינען זיך קעגנזייטיק סותר.

אין מיטן פון זייער פאַרכאַפּנדיקן שמועס האָט העניעק דורכן הינטערשטן פענצטערל פון דער קאַבינע אַריינגעקוקט אין דעם לאַסטוואָגן. די יונגע־לייט און מיידלעך זיינען פאַרלעכוויז צוגעטוליעט געזעסן אויף די בענק. מען האָט געקענט זען, אַז זיי זיינען שוין אויסגעמאַטערט פון דער רייזע. אַ טייל האָבן זיך געקושט, אַנדערע האָבן עפּעס געקייט און איין יונגער־מאַן איז זיצנדיק אַנטשלאָפן געוואָרן.

פאַר נאַכט זיינען זיי אָנגעקומען קיין וורראָצלאַוו. אויך דאָ זיינען, ווי אין וואַרשע, געווען אַ סך חרובע הייזער. די אָנגעקומענע, פאַר וועלכע דער אָנבליק פון אויסגעברענטע חורבות איז שוין געווען אַ וואָכעדיקע זאַך, האָבן זיך אין וורראָצלאַוו באַלד דערפילט היימיש. ביים עק פון אַ גאַס איז געשטאַנען אַ נישט באַשעדיקטער בנין. דאָרט האָט די פּאַרטיי איינגעאָרדנט אַ גאַסטהויז פאַר אירע עסקנים, וואָס קומען אַן קיין וורראָצלאַוו. צום דאָזיקן גאַסטהויז איז פאַרפאָרן העניעקס לאַסטוואָגן.

עס איז געמאָלדן געוואָרן, אַז דאָ אין דעם גאַסטהויז וועט מען עסן וועטשערע און מען וועט איבערנעכטיקן. צו מאָרגנס וועט מען ממשיך זיין די רייזע. די יונגע חברה האָט אויפגעלעבט. מען איז געגאַנגען זיך וואַשן און מען האָט זיך גענומען גרייטן צו דער סעודה.

די וועטשערע איז דורכגעגאַנגען אין אַ געהויבענער שטימונג. זיי האָבן באַקומען ווייס ברויט, חזיר־פּעטס און גוטע וווּרשטן, אויך עטלעכע פלעשער

בראָנפן האָבן זיך געיאָוועט אויף זייערע טישן. בעת עס איז געקומען די צייט פון לייגן זיך שלאָפן, זיינען אַ טייל שוין געווען בגילופנדיק.

דאָס לייגן זיך שלאָפן איז אָבער נישט געווען קיין לייכטער ענין. דאָס גאַסטהויז איז געווען איבערפולט. פאַר העניעקס דעלעגאַציע מיט אירע קרוב צוואַנציק מענטשן זיינען סך־הכל אויסגעקומען צוויי קליינע צימערלעך. לכתחילה האָט עס געהייסן, אַז איין שטוב איז פאַר די יונגע־לייט און די צווייטע פאַר די מיידלעך. כּדי אַלע זאָלן זיך קענען ווי נישט איז צולייגן האָט מען אויסגעשפּרייט מאַטראַצן אויף די דילן.

חברה האָבן זיך געמאַכט נישט וויסנדיק פון דעם באַשטימטן סדר. אַז די געלעגערס זיינען געווען פאַרטיק האָבן זיי זיך אָוועקגעלייגט אין פאַרלעך, ווו נאָר זיי האָבן געקענט כאַפּן אַ פרייַ שטיקל אָרט.

פאַר העניעקן איז קוים געבליבן אַ שטיקל אָרט אויפן ראַנד פון אַ מאַט־ראַץ האַרט לעבן דער וואַנט. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און געוואַרט אַנטשלאָפן צו ווערן, כּדי נישט דאַרפן הערן, וואָס ס׳טוט זיך אַרום אים. אָבער מעשׂה שׂטן איז דער שלאָף נישט געקומען און די פאָרלעך האָבן אָנגעהויבן אויפצופירן זיך אַזוי ווי אַ יעדעס פון זיי וואָלט דאָ אַליין געווען אינעם צימער.

סוף כּל סוף איז העניעק אַנטשלאָפן געוואָרן, אָבער ווען ער האָט זיך פּלוצעם אויפגעכאַפּט פון זיין לייכטן שלאָף, איז ער געווען אויסער זיך פון חידוש. ער איז געווען זיכער, אַז בעת ער האָט זיך דאָ געלייגט, איז קיינער נישט געלעגן אויפן מאַטראַץ צווישן אים און דער וואַנט. איצט איז עמעץ געלעגן ביי זיין זייט. אין דער פינצטער האָט אָפּגעשיינט דאָס גאָלד פון זאָשעס לאַנגע האָר, וועלכע זי האָט פאַרקעמט אַרויפצו און פאַרבונדן אין אַ גרעק. כּדי זיכער צו זיין, אַז עס איז טאַקע זי, האָט ער אָנגעטאַפּט אירע האָר. זיי זענען געווען ווייך און האָבן געהאַט אַ ריח פון צעבליטע בלומען. ווייך און וואַרעם איז אויך געווען איר לייב, וואָס האָט געצאַפּלט אונטער זיינע הענט.

ער האָט זי צוגעצויגן צו זיך. זי איז געווען נאָכגיביק און האָט געהאַלטן די אויגן פאַרמאַכט, ווי זי וואָלט געשלאָפן. דאָס דערשטיקטע געשאָרכעריי פון זיך זעטנדיקער תּאווה איז דערגאַנגען פון די שכנותדיקע געלעגערס און זי האָט אים שטיל געשעפּטשעט אין אויער אַריין:

— וואַרט צו. זאָלן זיי קודם אַנטשלאָפן ווערן.

ער האָט מיט די הענט געזוכט איר נאַקעט לייב אונטער דעם ברייטן שלאָפראָק. ער האָט זי אַרייַנגענומען אין זייַנע אָרעמס און באַדעקט מיט קושן.

*

ס׳האָט קוים געטאָגט, ווען העניעק האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף מיט אַ שטאַרקן קאָפּווייטיק. אַ געפיל פון חרטה האָט ווי אַ וואָרעם געגנאָגט ביים האַרץ. וואָס פאַר אַ מעשה נבלה האָט ער דאָ אָפּגעטאָן? און דאָרט האָט ער מאַרישען איבערגעלאָזט אַ שוואַנגערדיקע און אַן איינזאַמע אין דער שטוב. ער האָט מיטן גאַנצן כּוח באַמיט זיך צו פאַרגעסן דאָס וואָס איז געשען. ער איז געלאָפן זיך וואַשן מיט קאַלט וואַסער און ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער מיט אימפּעט גענומען וועקן זייַנע מענטשן. דאָס וועקן זיי איז אים אָנגעקומען מיט דער גרינגער גאַל, אָבער ער האָט זיי נישט אָפּגעלאָזט. ס׳איז געווען די העכסטע צייט צו לאָזן זיך אין ווייטערדיקן וועג, אויב נישט אָנצוקומען צו שפּעט צו די באַשטימטע צערעמאָניעס.

אין זייער לאַסטאויטאָ זייַנען איצט אַלע געזעסן שווייַגנדיקע און אָנגעבראָגזטע. זיי האָבן צווישן זיך נישט אויסגערעדט קיין וואָרט, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך נישט געקענט. אין העניעקס אויגן זייַנען איצט זאַשעס שאַרף־קאַנטיקע פּנים־שטריכן געווען אָפּשטויסנדיק און אַפילו אירע האָר האָבן פאַרלוירן זייער רייץ. פון דעסטוועגן, ווען עס האָט זיך, נאָך די פייערלעכקייטן, ווידער אָנגערוקט די נאַכט און מען האָט זיי אַרייַנגעפירט אויף אַ קוואַרטיר אין אַ גרויסן הויז, ווו עס האָבן אַ מאָל געוווינט רייכע דייטשן, האָט זיך פון דאָס ניי אָנגעהויבן דאָס זעלבע, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דער פאָריקער נאַכט. און אַזוי האָט עס זיך איבערגעחזרט יעדע נאַכט ביז זיי זייַנען צוריקגעקומען קיין וואַרשע.

אין דער היים האָט העניעק נישט געהאַט קיין מוט צו קוקן מאַרישען גלייַך אין די אויגן אַריין. אים האָט זיך די גאַנצע צייט געדאַכט, אַז זי איז אים אין עפּעס חושד. ס׳האָט אים געפּייניקט אַ געפיל פון שולד. ער איז גרייט געווען אַלץ צו טאָן, כּדי צו פאַרגיטיקן די עוולה, וואָס ער איז קעגן איר באַגאַנגען.

אָבער מאַרישע איז צו שטאַרק פאַרטאָן געווען אין אירע אייגענע דאגות,

כדי צו באַמערקן אַ וועלכע נישט איז ענדערונג אין העניעקס אויפפירונג. איר שוואַנגערשאַפט האָט זיך איר שוין געלאָזט פילן. נישט בלויז האָט די שוואַנגערשאַפט נישט געבראַכט קיין באַרויִקונג צו אירע זאָרגן און נאָכ־טראַכטענישן, נאָר פאַרקערט, זי האָט נאָך מער צערודערט איר געמיט און אָנגעוואָרפן אויף איר אַ נייעם אומרו.

העניעקס באַמיִונגען צו דערנענטערן זיך צו איר, ווי אין די אַמאָליקע גוטע צייטן, האָבן זיך איצט אָנגעשטויסן אויף אַ קאַלטער גלייכגילטיקייט. יעדער שמועס מיט איר האָט געפירט צו דעם זעלבן בינטל פראַגן:

— וואָס וועט זיין דער תכלית זייערער? צו וואָס וועט געבוירן ווערן זייער קינד? וועלן זיי טאַקע אויף שטענדיק דאָ בלייבן אַרומגערינגלט מיט שונאים, וואָס גאַרן צו פאַרענדיקן דאָס, וואָס היטלער האָט נישט באַוויזן?

ער האָט זיך באַמיט פאַר איר צו פאַרענטפערן די דאָזיקע פראַגן, ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן. די רייד זיינען געווען אַרויסגעוואָרפענע. זי האָט אים נישט פאַרשטאַנען. האָט ער זי אָפּגעלאָזט און האָט זיך באַמיט אויסצומיידן יעדע סיטואַציע, וואָס האָט ווידער געקענט צוריקברענגען צו די זעלבע פראַגן. ווען אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן האָט ער אָנגעהויבן אויסצומיידן מאַרישען גופא.

זאָשע האָט מיט איר ווייבערישן חוש דערפילט, אַז צווישן העניעקן און זיין פרוי איז עפּעס נישט אַזוי ווי ס'דאַרף צו זיין. זי האָט העניעקן נישט אַרויסגעלאָזט פון אויג. זי האָט זיך באַמיט צו געבן אים די וואַרעמקייט, וואָס האָט אים געפעלט אין זיין צוזאַמענלעבן מיט מאַרישען. העניעקן איז טאַקע זייער אָנגענעם געווען צו פאַרברענגען מיט איר.

זאָשע האָט געהאַט איר אייגענע קליינע דירה — אַ קאַוואַלערקע אין אַ לוקסוסדיקן בנין אויף אַלעע שוכאַ, אַ געגנט וואָס איז באַשטימט געוואָרן בלויז פאַר די גדולים פונעם נייעם רעזשים. זאָשע האָט איר דירה באַקומען אין זכות פון איר פאָטער און אירע עלטערן האָבן טאַקע פאַרנומען אַ רעפּרע־זענטאַטיווע דירה אין אַ דערנעבנדיקער ווילע. אין זאָשעס קאַוואַלערקע איז איצט העניעק געווען אַן אָפטער איינגייער.

אונטערן אויסרייד פון די כלומרשטע רייזעס האָט ער זיך וואָס אַ מאָל מער און אויף אַ לענגערער צייט דערווייטערט פון דער היים, ביז די געהיי־מעניש האָט געפּלאַצט און זיין שפּיל האָט זיך אויסגעלאָזט.

✶

אַראָפּגערעדט זיך פון האַרצן, איז בּאַראָוויטש אַנטשוויגן געוואָרן. איך האָב אים געשטעלט אַ פראַגע:

— האָט איר טאַקע חרטה אויף דעם וואָס איז געשען?

— דאָס צעשיידן זיך מיט מאַרישען — האָט ער מיר געענטפערט — איז פאַר מיר אַליין געווען אַ סורפּריז. ס'איז געווען אַ געשעעניש, צו וועלכן איך האָב גאַנץ זיכער נישט געשטרעבּט. ווי באַלד עס איז אָבער צו דעם געקומען, האָב איך מסכּים געווען איר צו געבן דעם גט.

— איך האָב דאָן חתונה געהאַט מיט זאָשען — האָט ער ווייטער דער־ציילט — און דעם אמת געזאָגט האָב איך קיין שום גרונט נישט דאָס צו באַדויערן. זאָשע איז אַן איבּערגעגעבּענע פרוי און דער זכות פון איר איינ־פלוסרייכן פאָטער איז מיר שוין נישט איין מאָל בּייגעשטאַנען. איר ווייסט דאָך, ווי אַזוי ס'זעט היינט אויס — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ באַדייטונגס־פולן זיפץ.

— איז טאַקע גוט און ווויל — האָט מיך פלוצעם גענומען אַ חשק אים אַריינצוזאָגן — ווי איך פאַרשטיי, האָט איר דאָך אַלע מאָל געהאַט אַ מער רעאַליסטישן צוגאַנג צום לעבן. האָט אייך דער זיווג מיט זאָשען טאַקע געבראַכט מזל.

ער האָט אויף מיר געקוקט מיט ביטול, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן: איך ווייס וואָס פאַר אַ מיינונג איר האָט וועגן מיר, אָבער אייער מיינונג גייט מיך גאָרנישט אָן. ער האָט אין גאַנצן איגנאָרירט מיין שטעכיקע באַמערקונג וועגן זיין רעאַליזם און האָט גענומען רעדן וועגן אַן אַנדערן ענין.

— מיין טאַטע פלעגט זאָגן, אַז די פעולה פון מענטשלעכע מעשׂים בלייבט הענגען אין חלל פאַר די צוקונפטיקע דורות און פאַר דער אייביקייט. איז עס טאַקע אַן ערך דאָס זעלבע, וואָס ער האָט שפּעטער אויפן אומשלאַג־פּלאַץ אויסגערופן צו די רוצחים, וועלכע האָבן אים באַגלייך מיט אַנדערע יידן געטריבן צום אומקום: אונדזער פאַרגאָסן בּלוט וועט איר קיין מאָל נישט קענען אָפּווישן פון אייערע פאַרברעכערישע הענט. ס'וועט אויף אייביק פייניקן אייך און אַלע דורות פון אייער פאַרשאָלטן פאָלק!

ער האָט אויף מיר געקוקט און געוואַרט אויף מיין הסכּמה און ווען איך

האָב אים געזאָגט, אַז איך פריי זיך הלמאי ער האָט ענדלעך דערפילט דעם טעם און די חכמה פון זיין טאַטנס רייד, האָט ער נאָך צוגעגעבן:

— און איך, שוטה, האָב געגלייבט, אַז אויף קאָמאַנדע קען מען פאַרגעסן דאָס געשעענע, ווי ס'וואָלט קיין מאָל נישט פאַרגעקומען, כאָטש מאַרישע האָט נישט אויפגעהערט צו קנעלן מיט מיר, אַז צו פאַרגעסן אַזעלכע זאַכן איז לגמרי נישט מעגלעך.

און באַלד נאָך דעם האָט ער מיך געפרעגט:

— וואָס טראַכט איר וועגן דעם, אַז איך זאָל זיך באַמיִען צו שאַפן אַ קאָנטאַקט מיט מיין זון?

די דאָזיקע פראַגע האָט מיך צעטומלט, אָבער איך האָב זיך באַמיט ווייטער אָנצוהאַלטן דעם גוטמוטיקן טאָן. איך האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין:

— אמת, איר זענט זיין נאַטירלעכער פאָטער, אָבער אין משך פון די אַלע יאָרן האָט ער דאָך פון אייך נישט געהערט. מסתּמא ווייסט ער וועגן אייך זייער ווייניק. פון דער צווייטער זייט, זיין איצטיקער פאָטער, וועלכער האָט אים אַדאָפּטירט, איז צו אים פונקט אַזוי גוט ווי ער איז צו זיינע אַנדערע קינדער, וועלכע מאַרישע האָט אים געבוירן. קען איך זיך טאַקע נישט פאָר־שטעלן, ווי אַזוי איר וועט באַוויִיזן אָנצובינדן דעם דאָזיקן קאָנטאַקט. בפרט, אַז געזעצלעך האָט איר אויף דעם קיין שום רעכט נישט. איר האָט זיך דאָך אָפּגעזאָגט פון אייער זון.

אין דעם קנייטש פון זיין פּנים און אין דער בלייכקייט, וואָס האָט זיך אויף אים איצט מער אָנגעזען ווי פריִער, האָב איך דערקענט, אַז מיט מיינע רייד האָב איך אים ווייט געטאָן. געוויס, האָט ער וועגן דעם אַלעמען געוווּסט פונקט אַזוי גוט ווי איך, אָבער געווען איז עס, מסתּמא, דאָס ערשטע מאָל, אַז עמעץ זאָל אים דאָס אַנטקעגנטראָגן אין אַזעלכע קלאָרע דיבורים.

איך האָב חרטה באַקומען אויף מיינע רייד. צוליב וואָס האָב איך גע־דאַרפט אים מצער זיין? איך האָב געוואָלט ווי נישט איז זיך צוריקציִען אָדער לכל הפחות מילדער מאַכן מיין פּסק־דין. ער האָט מיך אָבער נישט צוגעלאָזט צום וואָרט. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און גענומען מיר דאַנקען פאַר מיין באַזוך. איך בין פון אים אַוועקגעגאַנגען מיט אַ שטומען און אומבאַשטימטן געפיל פון שולד.

אַ בלבול

צום זיבעציקסטן געבוירן־טאָג פון אינזשעניר שאַנץ האָט פאַר אים דער פערסאָנאַל פון דער גרויסער נאַפט־ראַפינעריע, ווו ער איז זינט קנאַפּע 40 יאָר געווען דער גענעראַל־דירעקטאָר, צוגעגרייט אַ סיורפריז. געווען איז עס אין מיטן דעצעמבער, בעת פראָסטיקע ווינטן בלאָזן־אָן הויכע שנייען פון די שכנותדיקע קאַרפּאַטן־בערג. דער פאַבריקס־שטח, וואָס איז געווען אַזוי גרויס ווי אַ גאַנץ שטעטל, איז געלעגן אונטער אַ דיקן ווייסן צודעק, איבערגעשניטן דורך אויסגעטראָטענע שטעגן, וואָס האָבן געפירט פון איין פאַבריקס־בנין צום צווייטן.

יענעם פרימאָרגן האָט דירעקטאָר שאַנץ, ווי יעדן טאָג אַ זייגער אַכט, אַראָפּגעקלעטערט די טרעפּ פון זיין קליינער ווילע, וואָס איז מיט אַ צייט צוריק ספּעציעל פאַר אים אויסגעבויט געוואָרן אין אַ שטילן ווינקל פונעם פאַבריקס־שטח, ווייט פון די הויכע קוימענס און פון די שטענדיק רוישנדיקע מאַשין־האַליעס. מיט אונטערטאַנצנדיקע טריטעלעך האָט דער זקן געשפּרייזט צווישן די שנייבערג אויף אַ שמאָלן שטעג, וואָס די נאַכטוועכטערס האָבן נאָך פאַר טאָג פאַר אים צוגעגרייט. ווען ער איז צוגעקומען צום בנין פון די ביוראָען, האָט ער באַמערקט אַ יום־טובדיקייט. דער גאַנצער אַריינגאַנג איז געווען אַרומגעשטעלט מיט יונגע נאָדלביימער, פריש אויסגעהאַקטע אינעם דערנעבנדיקן וואַלד, און דער דיל פונעם ברייטן קאָרידאָר איז באַדעקט געווען מיט אַ טייערן רויטן טעפּעך.

אינעם רחבותדיקן אויפנעמזאַל, פון וועלכן עס האָבן געפירט טירן צו די באַזונדערע אַרבעטס־צימערן, האָבן אין אַ האַלבן קרייז זיך אויסגעשטעלט אַלע אינזשענירן, טעכניקערס און ביוראָ־אָנגעשטעלטע, צוזאַמען אַן ערך הונדערט און פופציק פערזאָן, און ווי נאָר שאַנץ האָט זיך באַוויזן ביי דער טיר, האָבן זיי אויסגערופן:

— לאַנג לעבן זאָל דער גענעראַל־דירעקטאָר שאַנץ!

דערנאָך איז אַלץ שוין דורכגעגאַנגען, ווי געוויינטלעך ביי אַזעלכע גע־לעגנהייטן. מען האָט געהאַלטן רעדעס, גענומען אַ גלעזל משקה און דעם בעל־שמחה געגעבן אַ מעגלעכקייט צו באַדאַנקען פאַר דער אויפמערקזאַמ־קייט. שאַנץ איז געשטאַנען מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ, שיטערלעך באַדעקט מיט זילבער־גרויע האָר. זיין קורצע רעדע האָט ער געהאַלטן אויף דייטש, ווייל כאָטש גאַליציע איז שוין זינט אַכצן יאָר געווען אַ טייל פון פוילן, האָט שאַנץ זיך נאָך געהאַלטן אָן דער אַלטער עסטרייכישער טראַדיציע. זיין פּריערדיקן דייטש האָט ער קיין מאָל נישט אויסגעביטן אויף פּויליש.

*

נאָך דער קורצער פייערונג איז דער עולם זיך פונאַנדערגעגאַנגען יעדער צו זיין אַרבעט. דער טעכנישער דירעקטאָר פון דער פאַבריק, אינזשעניר רובין, איז אַריינגעגאַנגען אין זיין אַרבעטס־צימער. דאָרט האָט שוין אויף אים געוואַרט דער אַלטער שימעל, וואָס איז געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער לייטער פונעם דעסטילאַציע־אָפּטייל. פון שימעלס פּנים האָט רובין באַלד אַרויסגעלייענט אַ שלעכטע בשורה. דער אַלטער האָט געמאָלדן:

— הער דירעקטאָר, מיינע אַרבעטער האָבן פאַרשטרייקט. היינט אין דער פרי האָבן אַלע אַרבעטער פון דער פרימאָרגנדיקער שיכט זיך געשטעלט אין די האַליעס, נאָר אַנשטאָט צוטרעטן צו דער אַרבעט, האָבן זיי אָפּגעשטעלט די מאַשינען און זיך אַוועקגעזעצט. זיי זאָגן, אַז דאָס איז אַן איטאַליענישער שטרייק.

— וואָס רעדט איר? — האָט זיך רובין אויפגעריסן — מיר האָבן דאָך ערשט דעם לעצטן אָקטאָבער אונטערגעשריבן נייע אָפּמאַכן מיטן פּראָ־פעסיאָנעלן פאַראיין.

— זיי טענהן, אַז זייער שטרייק האָט נישט קיין שום שייכות צום פאַראיין. ס'איז, זאָגן זיי, אַ באַזונדערער ענין פון די דעסטילאַציע־אַרבעטער.

— האַ? — האָט רובין זיך געקאָכט — זיינען זיי משוגע געוואָרן? ניין, דאָס מוז זיין עפּעס אַ פּראָוואָקאַציע. ווייסט איר וואָס, פאַניע שימעל, ברענגט אַריין די רעדלפירערס.

— איך קען זיי נישט ברענגען, איך קען זיי צו אייך שיקן. זיי האָבן דערקלערט, אַז אויב זיי וועלן דאַרפן רעדן מיט אַ פאַרטרעטער פון דער

אַדמיניסטראַציע, טאָר איך דערביי נישט זיין. זיי ווילן מיר נישט אויסזאָגן אין וואָס ס'גייט זיי.

— ווער איז דער רעדלפירער?

— מאַציוראַק, דער אוקראַיִנישער היטלעריסט.

— אַהאַ — האָט רובין זיך פאַרקרימט — איך וועל מיט אים נישט רעדן.

ער איז געזעסן אויף זיין שטול און האָט מיט די פינגער געפּויקט אויפן שרייבטיש. אויב די דריי הונדערט אַרבעטער פון די דעסטילאַציע־אָפּטיילן וועלן שטרייקן, הייסט דאָס, אַז אין אַ טאָג אָדער צוויי וועט מען מוזן אָפּשטעלן די גאַנצע פאַבריק. די דעסטילאַציע איז דער צענטראַלער פונקט פון דער פּראָדוקציע. אויב זי בלייבט שטיין, קען קיין פּראָדוקציע נישט זיין. טאָ וואָס זאָל ער איצט טאָן, רובין? גיין צום אַלטן שאַנץ און אים דערציילן וועגן די צרות? דאָס קען ער נישט, בפרט איצט, אַ האַלבע שעה נאָך דער פייערונג, וואָס מען האָט פאַר אים איינגעאָרדנט. ער מוז אויף אייגענער האַנט זוכן אַן אויסוועג.

רובינס פּנים האָט איצט אויסגעדריקט אַנטשלאָסנקייט. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס טעלעפאָן־טרייבל:

— פאַרבינדט מיך מיטן דעלעגאַט פונעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין.

פון דער צווייטער זייט דראָט האָט זיך אָפּגערופן דער דעלעגאַט יאַבלאָנסקי. אַ מאָל איז יאַבלאָנסקי געווען אַ סאָציאַליסט, אָבער זינט עטלעכע יאָר געהערט ער צו דער רעגירונגס־פּאַרטיי. בלויז אויף אַזאַ אופן האָט ער געקענט אָנהאַלטן זיין שטעלע פון אַ דעלעגאַט, ווייל אין יענער צייט האָט שוין די רעגירונג געוועלטיקט מיט אַ שטאַרקער האַנט איבערן גאַנצן עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן; סאָציאַליסטן זיינען געווען פאַרשטויסן און גערודפט.

יאַבלאָנסקי האָט שוין געוווסט וועגן דעם געשעעניש אין דער דעסטילאַרניע. דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין האָט דערמיט, פאַרשטייט זיך, גאָר נישט צו טאָן. פאַרקערט, דער גאַנצער ענין איז אַן אומלעגאַלער, אַ בפירושער ברוך פון דער דיסציפּלין. יאַבלאָנסקי קען שוין אויך די פאָדערונגען פון די שטרייקערס. זיי פאָדערן, אַז דער אַלטער שימעל זאָל באַזייטיקט ווערן פון דער דעסטילאַרניע. איז, אויב אַפילו זייערע פאָדערונגען זיינען גערעכטע, האָבן זיי אויסגעקליבן אַ קרומען וועג. זיי האָבן זיך געדאַרפט ווענדן מיט

זייערע טענות צום פֿאַראיין און דער פֿאַראיין וואָלט אָנגענומען די געהעריקע מיטלען.

רובין האָט יאַבלאָנסקין איבערגעהאַקט די רייד:

— האָט איר זיך נישט פֿאַרטראַכט וועגן דעם, אַז דער גאַנצער ענין איז אַ פּאָליטישע פּראָוואָקאַציע?

— ס'איז מעגלעך. אָבער מיר קענען צוליב דעם נישט בייטן אונדזער טאַקטיק. מיר ווען דעם אינצידענט באַלד ליקווידירן. די דעסטיליאַרניע וועט נאָך היינט צוריקגיין צו דער אַרבעט און די בונטאָווטשיקעס וועלן האַרב באַשטראָפֿט ווערן.

✶

ווען יאָסעלע ראָזענשטיין איז צו מאָרגנס געקומען צו דער אַרבעט, האָבן שוין אַלע האַליעס פֿון דער דעסטיליאַרניע געזשומעט מיט זייער געוויינט־לעכן מאַשינען־רעש. יאָסעלע פֿלעגט אַלע מאָל קומען אַ ביסל פֿריִער, און זיך נישט נוהג געווען אַזוי, ווי די אַנדערע אַרבעטער, וואָס זיינען געקומען אין זייערע פֿאַרשמירטע און פֿאַרשוואַרצטע אַרבעטס־בגדים, גלייך אַזוי זיך אָוועקגעשטעלט אַרבעטן, און נאָך דער אַרבעט, אין די זעלבע פֿאַרפֿעטסטע שמאַטעס אַוועקגעגאַנגען אַהיים. יאָסעלע פֿלעגט קומען אַן אויסגעפּוצטער אין שטאָטישע מלבושים. האָט ער געדאַרפֿט אַ ביסל צייט, כּדי זיך איבער־צוטאָן אינעם זייטיקן שטיבל. אויך נאָך דער אַרבעט פֿלעגט ער זיך נישט איילן מיטן אַוועקלויפֿן. ער האָט קודם כּל גוט זיך אָפּגעוואַשן אין דער פֿאַבריקס־באָד, ערשט דערנאָך האָט ער זיך איבערגעטאָן אין זיינע ציכטיקע קליידער און אַוועקגעגאַנגען.

גאַנץ מעגלעך, אַז טאַקע צוליב דער דאָזיקער ריינקייט, צוליב דער אַנדערשדיקייט זיינער, האָבן די אַרבעטער, באַזונדערס די קריסטלעכע, יאָסעלען נישט ליב געהאַט, קיין ממשותדיקע סיבה האָבן זיי נישט געהאַט, ווייל יאָסעלע האָט קיינעם נישט געטשעפּעט, און אויב עמעצער האָט ביי אים געבעטן אַ טובה, האָט ער נישט אָפּגעזאָגט. אויך קנאה האָט געהאַט אַ חלק אין דעם האַס, וואָס האָט יאָסעלען אַרומגערינגלט אין דער דעסטיליאַרניע: ביי זיין עלטער פֿון נישט קיין גאַנצע ניינצן יאָר, און נאָך סך־הכּל צוויי יאָר אַרבעט, איז שוין יאָסעלע דאָ געווען דעם אַלטן שימעלס פּאַרטרעטער און זיין רעכטע האַנט. אָן יאָסעלען פֿלעגט שימעל נישט טאָן קיין שום זאַך.

פונקט ווי מיט יאָרן צוריק — אָן יאָסעלעס טאַטן, עליו השלום, וואָס האָט דאָ אויך געאַרבעט און פון ווען יאָסעלע האָט גערשנט זיין בקיאות אין די קאָמפּליצירטע מאַשינען.

נאָר אין יענעם אינדערפרי, צו מאָרגנס נאָכן שטרייק, האָט יאָסעלע באַלד ביים אַריינקומען דערשמעקט, אַז עפּעס איז נישט גלאַטיק. בעת ער האָט שימעלן צוגעטראָגן דעם „גוטמאָרגן״, האָט זיך דער אַלטער פון אים אָוועקגעדרייט אָן אַ ענטפער און איז אַזוי שטיין געבליבן אַ שטיקל צייט אָן אַנגעברוגזטער, דערנאָך איז ער אַוועק אין אַ זייטיק ווינקל, ווו דער רעש איז נישט געווען אַזוי גרויס און האָט צוגעוווּנקען יאָסעלען ער זאָל זיך דערנענטערן.

— אַזוי דאַנקסטו מיר אָפּ? — האָט ער געסיטשעט פון צווישן זיינע פאַרגעלטע ציין הינטער דעם ווייסן שפּיציקן בערדל — איך האָב דיך דאָ אַריינגענומען אַ צוציק, דיך אויסגעלערנט די מלאכה און געמאַכט פון דיר אַ מענטש אין אַזאַ קורצער צייט, און איצט גייסטו קעגן מיר אָנבונטעווען די שקצים?

אָן איבעראַשטער איז יאָסעלע געשטאַנען אַנטקעגן שימעלן און נישט געקענט אַרויסרעדן קיין וואָרט. פון זיינע ברייט־צעעפנטע אויגן האָט אַרויסגעקוקט פאַרווונדערונג געמישט מיט שרעק, ווי ביי אַ מענטש, וואָס ס'פאַלט אויף זיין קאָפּ פּלוצעם עפּעס אַ שווערע משא. אויף שימעלן האָט יאָסעלעס בליק אָנגעוואָרפן אַ ספק.

— וואָס — האָט ער געפרעגט — דו האָסט זיי נישט געבונטעוועט?

— איך זאָל אַזוי ריין זיין פון אַל דאָס שלעכטס — האָט יאָסעלע זיך געשוווירן דורך אַ פאַרטריקנטן גומען.

— זיי, די שקצים, זאָגן דאָך אַלע עדות, אַז דו האָסט זיי צוזאַמענגערופן אינעם בירקעלער און האָסט פאַר זיי גערדרשנט, אַז איך בין אַ טיראַן, אַז איך האָב אומזיסט און אומנישט אַרויסגעוואָרפן אַנדרוש מאַליגאַלאָווקאַן פון דער אַרבעט און אַז איך בין אַלץ וואָס אין דער קאָרט שטייט. אָט דאָס דערציילן זיי און זיי ווייזן אויף דיר אָן, ווי אויפן בונטאָווטשיק פונעם שטרייק.

— אַהאַ — האָט יאָסעלע מיטן פינגער זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן — איצט פאַרשטיי איך. דער בונטאָווטשיק וועט דאָך איצט לייזן די שטראָף, ווילן זיי מיך אונטערשטעלן, אַז איך זאָל פאַר זיי אויסטרינקען דעם ביטערן

כּוס. ס׳איז אַ בלבול, פּאַניע שימעל. מאַציוראַקס, דעם שונא ישׂראלס, אַ בלבול. קודם האָט ער אייך געוואָלט שעדיקן און אַז ער האָט געזען, אַז אייך קען ער נישט בייקומען, האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צו מיר, אפשר וועט ער קעגן מיר זיין מער מזלדיק.

עפּעס איז אויך שימעלן איצט קלאָרער געוואָרן אין קאָפּ. אויף זיין פּנים איז שוין נישט געווען מער קיין צייכן פון רוגז. כּמעט פריינדלעך האָט ער צו יאָסעלען געזאָגט:

— נו, מירן זען. גיי צו דיין אַרבעט.

*

אין ערשטן מאָמענט האָט יאָסעלע געוואָלט צוגיין צו מאַציוראַקן און זיך מיט אים אויסטענהן. ער האָט זיך אָבער מיישב געווען. יענער איז אַ געפערלעכע בריאה. ער וועט יאָסעלען שפּרינגען גלייך אין די אויגן מיט זיין ליגן. אין יאָסעלען האָט דאָס בלוט געקאָכט. דער צאָרן איז ביי אים געווען סיי אויף די שונאים, וואָס האָבן אים, אַן אומשולדיקן, פאַרפּלאָנטערט אין אַזאַ צרה, סיי אויף זיך אַליין, וואָס ער איז אַזוי אומבאַהאָלפן, און סיי אויף שימעלן, וואָס האָט געגלויבט אין אַזאַ מיאוסן און נאַרישן בלבול.

אויטאָמאַטיש האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט אָנגעהויבן די אינספּעקציע פון די מאַשינען און קעסלען. גייענדיק אַזוי פון איין מאַשין צו דער צווייטער איז ער אַריין אין דער זייטיקער האַליע, ווו ס׳שטייט דער גרויסער קעסל. די ווענט און דער סופיט פון דער האַליע זיינען נאָך ביז היינט צעשעדיקט פונעם אויפרייס, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען מיט אַן ערך צוועלף יאָר צוריק. אין דער דאָזיקער האַליע קומט יאָסעלע אַריין ביי אַ צוואַנציק מאָל אַ טאָג אָן באַזונדערע עמאָציעס, נאָר איצט, ווען ער האָט דערזען די צעקאַליעטשעטע ווענט, האָט ער אויפגעציטערט. בעת יענעם שרעקלעכן אויפרייס איז דאָ אומגעקומען יאָסעלעס טאַטע. פונעם אַלטן שימעלס מויל האָט יאָסעלע אַ סך מאָל שוין געהערט וועגן די פּרטים פונעם טאַטנס אומקום. ער איז מיט שימעלן געשטאַנען ביי דער גרויסער לאָקאָמאָביל־מאַשין, ווען דער אַלאַרם־זייגער אויפן קעסל האָט פּלוצעם אָנגעהויבן צו פייפן אויף סכּנה. צוליב אַ פאַרזען פון אַן אַרבעטער זיינען די ווענטילאַטאָרס נישט געעפנט געוואָרן און דער דאַמף האָט נישט געהאַט קיין אָפּלויף. דער טאַטע האָט זיך

געלאָזט לויפן צום קעסל, געוואָלט עפּענען די אָפּלויפן. ער איז אָבער נישט דערלאָפן. דער קעסל האָט אויפגעריסן מיט אַזאַ כּוח, אַז ער האָט חרוב געמאַכט די גאַנצע האַליע. דעם טאַטנס פונאַנדערגעריסענע גלידער האָט מען דערנאָך צוזאַמענגעקליבן און מקבר געווען.

ווען יאָסעלע איז אין אַ צרה, קומט אים אַלע מאָל זיין טאַטע אויפן געדאַנק. אָ, ווען ער וואָלט דאָ איצט געווען, וואָלט דער רשע מאַציוראַק נישט געוואַגט אויפצוהייבן דעם קאָפּ. אַלע האָבן פאַרן טאַטן געציטערט. דער טאַטע וואָלט אים, יאָסעלען, גענומען אין שוץ. ער וואָלט זיכער נישט געגלויבט אַזוי ווי שימעל אין אָט די נאַרישע מעשׂיות פון די שקצים, אַז ער האָט זיי געבונטעוועט צום שטרייק.

יאָסעלע האָט זיך אָן עפּעס דערמאָנט. געווען אַ מענטש, וואָס האָט אים אין זיינע קינדערשע יאָרן אין אַ גרויסער מאָס פאַרטראָטן דעם טאַטן: דירעקטאָר שאַנץ. ווען די מאַמע איז געבליבן אַן אַלמנה מיט דריי פּיצלעך קינדער, האָט זי נישט געהאַט אויף קיין חיונה. יאָסעלע דער בכור איז אַלט געווען זעקס יאָר, און די מאַמע האָט אים געמוזט אַוועקגעבן אין בית־יתומים. פון די צוויי יינגערע שוועסטערלעך האָט זי זיך נישט געוואָלט צעשיידן. אין בית־יתומים איז דעמאָלט געווען אַ נויט. נאָר צום מיינסטן האָט יאָסעלען אויסגעפעלט די ליבשאַפט פון דער מאַמען. בלויז איין מאָל אין דער וואָך, שבת נאָך מיטאָג, פלעגט אים די מאַמע נעמען אַהיים, כּדי ער זאָל דאָרט דעם האַלבן טאָג פאַרברענגען מיט איר און מיט די שוועסטערלעך.

איין מאָל איז אַן אויטאָמאָביל צוגעפאָרן צום בית־יתומים. אין יענע צייטן איז נאָך אַן אויטאָמאָביל געווען אַ זעלטנקייט אין שטאָט. האָבן טאַקע אַלע גלייך דערקענט, אַז ס'איז די לימוזינע פון דער גרויסער פאַבריק. דירעקטאָר שאַנץ איז אַרויסגעשטיגן און צוגעגאַנגען צום הער מייער, וועלכער איז נאָך עד היום דער אָנפירער פונעם בית־יתומים. שאַנץ האָט זיך געפרעגט אויף יאָסעלען, און ווען יאָסעלע איז צו אים צוגעגאַנגען, האָט ער אים אַ גלעט געטאָן איבערן קעפל, אָנגענומען אים ביים הענטל און געלאָזט זיך מיט אים שפּאַצירן איבערן גאַנצן הויז. שאַנץ האָט אים אויף דייטש געפרעגט פאַרשידענע פראַגן און יאָסעלע האָט געענטפערט אויף פּראָסט יידיש. ביים געזעגענען זיך האָט ער צוגעזאָגט, אַז בקרוב וועט ער ווידער קומען און ברענגען אַ סך שפּילעכלעך פאַר יאָסעלען און זיינע חברים.

ער איז טאַקע געקומען, און די שפּילעכלעך זיינען אויך געקומען, פאַר־פּאַקטע אין גרויסע קאַסטנס, דירעקט פון די געשעפטן. און חוץ די שפּילעכ־לעך, נאָך אַנדערע זאַכן — פּרוכטן, נאַשערייען, וועש און קליידער. פרייטיק־צו־נאַכטס פלעגט שאַנץ קומען צו דער שבתדיקער סעודה. ער איז מיט די קינדער געזעסן ביים טיש, דערציילט זיי פאַרשידענע מעשהלעך און געשעפּט נחת. צום מייגסטן פלעגט ער זיך אָפּגעבן מיט יאָסעלען.

ווען יאָסעלע איז שוין געוועזן אַ בחור קרוב צו בר־מצווה, האָט אים דער פאַן מייער דערציילט וועגן שאַנצן אַט וואָס: איין מאָל האָט זיך מייער אָנגענומען מיט מוט און האָט זיך דורכגעשמועסט מיט שאַנצן. וואָס האָט מען — האָט ער געטענהט — פון די פּרוכטן און שאָקאָלאַדן, אַז טייל מאָל פעלט ברויט פאַר די יתומים און שטענדיק פעלט געלט אויסצוצאָלן די מאָגערע שׂכירות פון די אָנגעשטעלטע? האָט שאַנץ זיך מיישב געווען: ער איז איין מענטש אַליין, ער האָט קיין מאָל נישט חתונה געהאַט. קרוב צו זעכציק איז ער שוין דעמאָלט געווען. קיין פּערזענלעכע הוצאות האָט ער אויך נישט. די דירה קאָסט אים גאָרנישט, דער אַלטער דינסט, וואָס פירט אים דאָס באַלעבאַטישקייט, צאָלט ער אַ קלייניקייט. אַ מלבוש, אַז ער מאַכט זיך אַ מאָל, קען ער טראָגן און טראָגן. געלט אָבער באַקומט ער אַזוי פיל, אַז ער ווייסט נישט וואָס דערמיט צו טאָן. צו וואָס דאַרף ער טאַקע האַלטן דאָס געלט? ער האָט מייערן געפרעגט: וויפל דאַרפט איר אַ חודש אויף אויסצוהאַלטן דעם בית־יתומים? כך וכך. איז גוט, האָט אים שאַנץ דעמאָלט געזאָגט, די דאָזיקע סומע געלט וועט איר פון מיר באַקומען יעדן חודש, און פאַרן איבעריקן געלט, וואָס איר באַקומט פון אַנדערע מקורות, זאָלט איר צונעמען נייע קינדער אינעם אַנשטאַלט.

יאָסעלע ווייסט, אַז שאַנץ האָלט זיין וואָרט עד היום. ער צאָלט יעדן חודש די סומע געלט און שפּילעכלעך מיט נאַשערייען האָט ער אויך נישט אויפ־געהערט צו שיקן. יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס איז שאַנץ אינעם בית־יתומים ביי דער סעודה, ס׳מעג אַפילו דונערן און בליצן. און נאָך איצט, ווען יאָסעלע פאַרבענקט זיך נאָך אַ ביסל פאָטערלעכער צערטלעכקייט, גייט ער פרייטיק־צו־נאַכטס אין בית־יתומים. שאַנץ איז מלא שׂמחה, ווען ער דערזעט יאָסעלען ביים טיש. ער צערטלט אים פונקט ווי אַ מאָל אין די קינדערשע יאָרן.

בעת יאָסעלע האָט זיך דערמאָנט וועגן אָט די אַלע זאַכן, איז אים אונ־

טערגעקומען אַ געדאַנק. קומענדיקן פרייטיק וועט ער גיין אין בית־יתומים און דאָרט זיך דורכרעדן מיט שאַנצן וועגן זיינע צרות. נאָר באַלד האָט ער זיך באַרעכנט: וואָס דאַרף ער וואַרטן ביז פרייטיק? אָט באַלד וועט זיין די מיטאָג־הפסקה, וועט ער זיך אָנמעלדן צום גענעראַל־דירעקטאָר. שאַנץ וועט אים זיכער אויפנעמען און יאָסעלע פילט, אַז ער מוז תּיכּף זיך מיט אים זען און אויסרעדן זיך זיין ביטער האַרץ.

אָנגענומען אַזאַ באַשלוס איז יאָסעלע ביי זיך געוואָרן רויִקער. גראָד איז ער צוגעגאַנגען צו אַ מאַשין, ביי וועלכער ער האָט געדאַרפט אונטערזוכן דעם אונטערשטן טייל. דעם שגץ, וואָס איז געשטאַנען ביי דער מאַשין, האָט ער באַפוילן, אַז ער זאָל אים דערלאַנגען דעם פראַנצויזישן שליסל. יענער האָט יאָסעלען אָנגעקוקט מאָדנע מיט אַן איראָניש שמייכעלע, אָבער דעם באַפעל האָט ער אויסגעפירט. יאָסעלע איז אַרונטערגעקראָכן אונטער דער מאַשין און געבליבן ליגן אויף דער ערד מיט אַרויסשטאַרנדיקע פיס. פּלוצעם האָט ער דערפילט, אַז עמעץ שטייט לעבן זיינע פיס און זאָגט עפּעס. ער איז אַרויס־געקראָכן פון אונטער דער מאַשין. פאַר אים איז געשטאַנען שאַנצס סעַ־קרעטאַר.

— ראָזענשטיין — האָט ער געזאָגט — מיך האָט צו אייך געשיקט דירעק־טאָר שאַנץ. ער הייסט אייך זאָגן איר זאָלט גאָר נישט זאָרגן. ער גלייבט נישט אין קיין איין וואָרט פון דעם, וואָס די שקצים זאָגן, ער ווייסט, אַז איר זענט אומשולדיק.

*

אַ וואָך שפּעטער איז אינעם קאָנפערענץ־זאַל פון דער דירעקציע פאָר־געקומען אַ צוזאַמענטרעף פון דער פאַבריקס־אַדמיניסטראַציע מיט פאָר־שטייער פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. ביים גרין־באַדעקטן טיש זיינען געזעסן די דירעקטאָרן שאַנץ און רובין, דער דעלעגאַט יאַבלאָנסקי און דער פאָרזיצער פון דער דיסציפּלינאַרישער קאָמיסיע פון די פאַראיינען. דעם פּראָטאָקאָל האָט געשריבן דער סעקרעטאַר פונעם דירעקטאָר שאַנץ. אַזוי ווי אויפן סדר־היום איז געשטאַנען די פראַגע פון דער ליקווידאַציע פונעם אינצידענט אין דער דעסטילאַרניע, איז צום צוזאַמענטרעף צוגערופן געוואָרן אויך דער אַלטער שימעל.

יאַבלאָנסקי האָט פאָרגעלייענט די באַשלוסן פונעם ראַט פון די פאַראיי־

נען, ער האָט מיטן פינגער געוויזן אויפן פאָרזיצער פון דער דיסציפּלינאַרישער קאָמיסיע, אַן עלטערער הויך־געוואַקסענער אַרבעטער, וואָס האָט יאַבלאָנסקין כּסדר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און דערציילט, אַז די קאָמיסיע האָט דורכגעפירט אַ שטרענגע אויספאָרשונג און פאַרהערט אַ גרויסע צאָל עדות. עס איז אָן שום ספק פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז יוזעף ראָזענשטיין איז דער הויפּטשולדיקער אינעם גאַנצן געשעעניש. אָבער אַזוי ווי אייניקע עדות האָבן אויך אָנגעוויזן אויף דעם אַרבעטער באָגדאַן מאַציוראַק, האָט די קאָמיסיע אָנגענומען, אַז ער טראָגט אויך אַ מיטשולד אינעם אינצידענט. אויפן סמך פונעם באַריכט פון דער קאָמיסיע האָט דער ראַט באַשלאָסן אָנצוווענדן קעגן די ביידע שולדיקע דעם דין, וואָס אַזעלכע ברעכער פון דער פאַראיין־דיסציפּלין האָבן פאַרדינט. זיי זיינען אויסגעשטראָכן געוואָרן פון דער רשימה פון די פאַראיין־מיטגלי־דער. צום סוף האָט נאָך יאַבלאָנסקי דערמאָנט דעם פּונקט צען פונעם אָפּמאַך צווישן דער דירעקציע און דעם פאַראיין. לויטן דאָזיקן פּונקט איז די די־רעקציע מחוייב אָפּצוזאָגן פון דער אַרבעט יעדן איינעם וואָס איז צוליב דיסציפּלין־ברוך אויסגעשלאָסן געוואָרן פונעם פאַראיין.

שאַנץ האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ וויכּוח מיט יאַבלאָנסקין. ער האָט געזאָגט, אַז די קאָמיסיע האָט נישט גענומען אין אַכט דעם פאַקט, אַז פּונקט אַזוי ווי דער שטרייק איז געווען אָרגאַניזירט, איז אויך געווען אָרגאַניזירט דאָס עדות־זאָגן פון די פאַרהערטע אַרבעטער. זיי האָבן פאַר דער קאָמיסיע געזאָגט דאָס, וואָס מאַציוראַק האָט זיי געהייסן. פאַר וואָס האָט די קאָמיסיע נישט פאַרהערט די עטלעכע יידישע אַרבעטער פון דער דעסטיליאַרניע, נאָר בלויז די אוקראַינער? און נאָך אַלעמען זיינען דאָך נישט פאַראַן קיין שום לאָגישע סיבות, וואָס זאָלן באַגרינדן ראָזענשטיינס כּלומרשטע מעשׂים. צוליב וואָס האָט ער געדאַרפט דעם שטרייק?

— דאָס זאָגט נישט, פּאַניע דירעקטאָזשע — האָט אים יאַבלאָנסקי איבער־געריסן — קאָמוניסטן ווילן אַלע מאָל אומרוען.

— קאָמוניסטן? — שאַנץ איז געוואָרן צונטער־רויט — ראָזענשטיין איז נישט קיין קאָמוניסט. ער איז אַ ציוניסט, ער געהערט צו די חלוצים.

— ווי ווייט איז דען פון איינע צו די אַנדערע?

שאַנץ האָט זיך אויפגעשטעלט און באַהערשנדיק זיין שטימע האָט ער געזאָגט:

— אויב אַזוי האָבן מיר מער נישט וועגן וואָס צו רעדן. פאַרצייכנט אין פּראָטאָקאָל, אַז די דירעקציע נעמט נישט צו קענטעניש דעם באַשלוס פונעם ראַט און באַוואָרנט זיך דאָס רעכט צו פאַרקלאָגן אים פאַרן געריכט. מיינע הערן, די זיצונג איז געשלאָסן.

— אָבער איידער דאָס געריכט וועט באַהאַנדלען דעם ענין — האָט נאָך יאַבלאָנסקי צוגעגעבן — פאָדערט דער ראַט, אַז זיין באַשלוס זאָל דורכגעפירט ווערן.

שאַנץ און רובין האָבן זיך דורכגעקוקט. איצט איז פאַר זיי די גאַנצע שפּיל געוואָרן קלאָר. די פּאָליאַקן זיינען געקומען אויסצושפּילן דעם סכסוך צווישן די אוקראַיִנער און ייִדן. יאָסעלע איז פאַר זיי נישט געווען באַקוועם. ער איז געווען דער איינציקער קאַנדידאַט אויף צו פאַרנעמען דאָס אָרט פונעם אַלטן שימעל, נאָך דעם ווי דער אַלטער וועט זיך צוריקציִען פון דער אַרבעט. האָבן די פּאָליאַקן געוואָלט פון אים פּטור ווערן, כּדי צו עפענען אַ וועג פאַר אַ פּאָליאַק, דעם צוקונפטיקן לייטער פון דער דעסטיליאַרניע.

צו מאָרגנס האָט מען מאַציורקאַן און נאָך עטלעכע אוקראַיִנישע היטלע־ריסטן אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. יאָסעלען האָט מען אויף דערווייל געמוזט אָוועקנעמען פון דער דעסטיליאַרניע. ער איז אַריבער אין ביוראָ, אָבער דאָרט האָט ער פאַר זיך נישט געקענט געפינען קיין פּאַסיקע אַרבעט. זיין גאַנץ לעבן זיינען געווען די מאַשינען. נאָך עטלעכע טעג איז ער נעלם געוואָרן און קיינער האָט נישט געוווּסט, וווּהין ער איז אַוועק.

ס׳האָט גענומען חדשים ביז דאָס געריכט האָט באַטראַכט דעם ענין. פאַרן ריכטער האָבן די שקצים גערעדט גאַנץ אַנדערע דיבורים. זיי האָבן זיך מודה געווען, אַז לויט מאַציוראַקס אָנרעדענישן האָבן זיי פאַלש עדות געזאָגט פאַר דער פאַראיין־קאָמיסיע. די בונטאָוושיקעס זיינען געווען מאַציוראַק און זיינע נאָענטע חברים און יאָסעלע האָט פון קיין זאַך נישט געוווּסט. דער ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָט געמוזט צוריקציִען זיין באַשלוס און פון דער פאַבריקס־דירעקציע איז אַ בריוו אַרויסגעגאַנגען צו יאָסעלען ער זאָל תּיכּף צוריקקומען אויף זיין שטעלע אין דער דעסטיליאַרניע.

יאָסעלע איז אָבער נישט געקומען. ערשט נאָך עטלעכע טעג האָט זיין מאַמע זיך אָנגעמאָלדן ביים דירעקטאָר שאַנץ. מיט טרערן אין די אויגן האָט זי דערציילט, אַז זינט יאָסעלע האָט פאַרלאָזט די פאַבריק איז איר שווער

און ביטער מיט דער חיונה. זי קען זיך אָבער נישט העלפן. יאָסעלע איז מיט די חלוצים אַוועק אויף הכשרה און קומענדיקן חודש וועט ער שוין עולה זיין קיין ארץ־ישׂראל. אויף דער מאַמעס בקשות און טרערן ער זאָל צוריקגיין צו דער אַרבעט, האָט ער געענטפערט, אַז ער קען נישט. ער מוז עולה זיין קיין ארץ־ישׂראל, ווייל ס׳איז שוין די העכסטע צייט, אַז יידישע אַרבעטער זאָלן זיך באַפרייען פון דער רשעות פון די מאַציוראַקס און יאַבלאָנסקיס.

די אַלטע שניידערשול

ערב יום כּיפּור אין דער פרי האָבן זיך די דייטשן אָפּגעטראָגן פון דער שטאָט מיט האַק און פּאַק, פּונקט אַזוי ווי זיי זיינען אַהער מיט אַ וואָך פריִער געקומען: אַ טייל פון זייערע סאָלדאַטן אויף מאָטאָציקלען מיט קורצע מאַשינביקסלעך אַריבערגעוואָרפן איבער די אַקסלען, אַנדערע אין קליינע טראַנספּאָרט־אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן איצט מיט אַ לייכטן געוויש פון מאָטאָרן געצויגן מיטן וועג צו מערב.

פון דער מזרח־זייט האָט זיך שוין געהערט דאָס שווערע זשומען פון די גרויסע סאָוויעטישע טאַנקען, וואָס האָבן זיך דערנענטערט צום צענטער פון דער שטאָט. דאָס בייטן זיך פון די מושלים איז דאָ דורכגעפירט געוואָרן אין אַ גוטער אָרדענונג, אין הסכּם מיט אַ פריִערדיקן אָפּמאַך צווישן די צוויי נייע שותּפים: היטלערס נאַצי־דייטשלאַנד און סטאַלינס סאָוויעט־רוסלאַנד.

די שטאָטישע ייִדן האָבן געהאַט נאָך אַ ביסל צייט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, איידער מען וועט זיך שטעלן זאָגן „כּל נדרי”. זיי האָבן געדאַרפט באַזאָרגן די קבֿורה פונעם אַלטן דאָקטער מילך, וועמען די נאַציס האָבן פּאַרמוטשעט צום טויט און ברענגען צו אַ סדר די שטאָטישע בתּי־תּפֿילה, וועלכע די נאַציס האָבן פאַראומרייניקט און צעשטערט.

פּאַר נאַכט האָבן ייִדן מיט טליתים אונטער די אָרעמס שטילערהייט זיך געשאַרט איבער די גאַסן. זיי האָבן נאָך נישט געוווּסט, וואָס פאַראַ מתּנות ס׳האָבן פאַר זיי געבראַכט די נייע הערשערס. פון דעסטוועגן האָט נאָך די זיבן משוגענע טעג פון די נאַצישע רציחות אַזוי מחיהדיק געווירקט די מנוחהדיקע שטילקייט, וואָס איז איצט געהאַנגען איבער דער שטאָט. בלויז איינצלנע רוסישע וואַכפּאָסטנס מיט לאַנגע ביקסן אויף די אַקסלען האָבן זיך אַרומגעדרייט לעבן די רשות־הרבּימדיקע בנינים — אַ צייכן, אַז די נייע באַלעבאַטים האָבן שוין איבערגענומען די מאַכט אין שטאָט.

דאָס אַלטע שניידער־שולעכל אויף דער טעפּער־גאַס איז געשטאַנען איינ־געקוועטשט צווישן אַ שורה הייזקעס פּונקט אַזוי אַלט און איינגעקאָרטשעט, ווי דאָס שולעכל. כאָטש אין שטאָט האָט שוין נישט געלעבט קיין איין ייִד, וואָס האָט געדענקט יענע צייטן, ווען אינעם דאָזיקן שולעכל האָבן די שניי־דערס געהאַט זייער גייסטיקע היים, איז פון דעסטוועגן דער נאָמען זינט דורות געבליבן נישט געענדערט. פּונקט אַזוי האָבן זיך אויך נישט געביטן די פּאַרצייטיקטע שטענדערס און די בענק, די זילבערנע חפצים און די אויס־געשטיקטע סאַמעטענע פּרוכתן, וואָס האָבן געהויכט מיטן אָטעם פון פאַר־גאַנגענע דורות.

אָרעמע ייִדן, וואָס האָבן געדיכט באַוווינט די אַרומיקע געסלעך, זיינען געווען די שטענדיקע מתפּללים פונעם שולעכל. יוסף העלער, דער סעקרעטאַר פון דער פאַראייניקטער „התאחדות-פּועלי ציון"־פּאַרטיי, איז געווען איר גבאי. ווי אַזוי דער דאָזיקער הויכוועקסיקער ייִד מיטן צוגעשווירענעם בערדל האָט געקענט פאַרבינדן אַזעלכע צוויי סתּירותדיקייטן, ווי זיין אין איין צייט דער גבאי פון אַ פרומער שול און דער פאָרשטייער פון אַ פּראָגרעסיוו־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, — דאָס איז געווען זיין סוד. באַוווּסט איז בלויז דאָס, אַז די מתפּללים פון דער שול האָבן צוליב דעם נישט געהאַט קיין שום טענות צו זייער גבאי. יוסף העלער איז געווען אַן אָפּגעהיטענער ייִד און האָט צוויי מאָל אין טאָג געדאַוונט מיט מנין.

יענעם ערב יום כּיפּור איז העלערן, נאָך אַ סך צרות, געלונגען אויפצוזוכן דעם אַלטיטשקן שמש פונעם שולעכל ערגעץ ווו אין אַ באַהעלטעניש. דער ייִד האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן, אַז די דייטשן זיינען שוין אַוועק פון שטאָט. ווען העלער האָט אים דערציילט וועגן דעם שינוי, וואָס איז פאָרגע־קומען אין שטאָט, איז ער, דער אַלטער, געוואָרן נאָך מער צעשראָקן. ער האָט בשום אופן נישט געקענט תּופס זיין דעם חילוק צווישן די דייטשן און די רוסן. ער האָט געפינטלט מיט די אויגן און געפרעגט:

— נו, ווער איז בעסער פאַר ייִדן ?

ערשט ווען העלער האָט אים געזאָגט, אַז מען דאַרף גיך גיין און צוגרייטן דאָס שולעכל צום דאַווענען, ווייל ס'איז ערב יום הקדוש, האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און איז מיט אים אַוועק אין דעם בית התּפילה.

*

אינעם שניידער־שולעכל זיינען שוין די ליכט געווען אַריינגעשטעלט אין די מעשענע הענגלייכטערס, און יוסף העלער האָט גענומען אויסשפרייטן דעם בלויען סאַמעטענעם צודעק מיט די אויסגענייטע גאָלדענע אותיות איבערן שולחן אויפן באַלעמער. שטיל האָט זיך געעפנט די טיר און עס איז אַריינגעקומען דער ערשטער מתפלל. ער איז געבליבן שטיין ביי דער טיר, האַלטנדיק דעם טלית־זאַק אונטערן אָרעם, און האָט העלערן פון דער ווייטנס צוגערופן דעם „גמר חתימה טובה". פול מיט חידוש האָט העלער געקוקט אויפן אַריינגעקומענעם. ניין, די ראיה פאַרפירט אים נישט. ס'איז מרדכי פעפער, דער העברעישער לערער. פעפער איז געווען וואַכעדיק אָנגעטאָן, אין אַן אָפּגעטראָגענעם אָנצוג און אַ ווייכן היטל אויפן קאָפּ, דאָס פּנים נישט ראַזירט זינט אַ לענגערער צייט, דאָס בלאָנדע שפּיציקע בערדל, וואָס איז ביי אים ווי אָנגעקלעפּט געווען צום עק פון קינבאַק, האָט זיך היפּשלעך געזילבערט.

דער גבאי איז צוגעלאָפן צו פעפערן און אים דערלאַנגט „שלום־עליכם". באמת אַ זעלטענער גאַסט אין אַ בית התפילה, אָבער פון דעסטוועגן אַ ייִד אַ תּלמיד חכם. העלער האָט פעפערן מקרב געווען. ער האָט אים צוגעפירט צו אַן אָרט ביי דער סאַמע מזרח־וואַנט און דאָרט אים געהייסן זיך אַוועקזעצן.

פעפער האָט אַוועקגעלייגט זיין טלית אויף דער באַנק און מיט אַ דורכ־דרינגענדיקן בליק געקוקט אויף העלערן.

— ס'איז פאַר אייך אַ חידוש צו זען מיך ביים דאַווענען, האַ? — האָט ער אַ פרעג געטאָן און גלייך אַליין געענטפערט אויף דער פראַגע — ס'איז אַן אַנדערע צייט, הער העלער. וואָס געווען איז מער נישטאָ.

ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און האָט מיט דער האַנט געוויזן אויף דער גאַס.

— אָט האָב איך איצט אין גאַס באַגעגנט אַ מאַרשירנדיקן אָפּטייל פון דער רויטער אַרמיי. האָבן ייִדישע קינדער זיי צוגעוואָרפן בלומען. אונדזערע קינדער, ווייזט אויס, גלייבן טאַקע, אַז משיח איז געקומען.

פעפער האָט געוווּסט, אַז צוליב זיינע אַטעיִסטישע איבערצייגונגען האָט מען אים אַלע מאָל חושד געווען אין לינקע סימפּאַטיעס. האָט ער איצט בכיוון פאַר העלערן קלאָר אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג:

— אַוודאי איז אמת, אַז דער ייִד, ווי אַ יחיד, איז דאָ אין שטאָט איצט געראַטעוועט געוואָרן פון פּיזישן אומקום. אָבער ייִדן ווי אַ כּלל, ייִדן ווי אַן אומה? — ער האָט מיט אַ פרעגנדיקן בליק געקוקט אויף העלערן, און אַזוי ווי יענער האָט נישט געענטפערט, האָט פעפער אַליין פאַרענדיקט זיין געדאַנק — פאַר די ייִדן ווי אַן אומה האָבן די כּלומרשטע באַפרייערס מיט זיך מיטגעבראַכט אַ פאַרטיקן פּסק־דין, אַ טויטאורטייל.

פעפער האָט זיך צוריקגעצויגן פונעם פענצטער און גענומען זאָגן „אשרי״ און העלער האָט זיך אומגעקערט צו זיין אַרבעט. מען האָט געדאַרפט גיך פאַרענדיקן די הכנות צום דאַוונען. ייִדן האָבן שוין אָנגעהויבן זיך צוזאַמענצוקומען. זיי זיינען אַריינגעקומען מיט אומזיכערע טריט. עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך נישט געריכט צו טרעפן דאָ אַן אָפענע טיר. פון זייערע אומהיימלעכע בליקן האָט נאָך אַרויסגעקוקט די שרעק פון די איבערגעלעבטע טעג. זיי האָבן כּמעט נישט גערעדט, נאָר פאַרשטענדיקט זיך מיט אַ ווונק, מיט אַ מאַך פון דער האַנט, מיט אַ שטילן זיפץ.

קיין באַזונדערער בעל־תּפילה פאַר די ימים נוראים, ווי מ׳פלעגט זיך דאָ פירן יעדעס יאָר, איז דאָס מאָל נישט געווען. יוסף העלער איז צוגעגאַנגען צו אַן עלטערן ייִד, וועלכער פלעגט פון צייט צו צייט ביי קבלת־שבת דאַווענען פאַרן עמוד, און געבעטן אים אַרויפצוגיין אויף דער בימה. באַלד האָט זיך דעם ייִדס וויינענדיק־געבראָכענע שטימע צעוויגט אין דעם ניגון פון יום הקדושדיקער תּפילה.

פעפער האָט זיך איינגעהילט אין זיין אַלטן טלית און מיט כּוונה נאָכגעזאָגט די תּפילות. וואָרט נאָך וואָרט האָט ער געזאָגט אין אַ קלאָרער עברי.

„יעלה אנקתנו מערב״ — זאָל אויפגיין אונדזער געשריי, דאָס געשריי פון אַ געפייניקט פאָלק, וואָס וויל זיך נישט אונטערגעבן דער גזירה פון די רשעים און וויל מיט אַלע כּוחות זיך דערהאַלטן ביים לעבן, „ויראה אלינו עד ערב״ — דער זכות פון די גערעכטע זאָל אונדז ביישטיין און האַלטן אונדז אין זיין שוץ אויף אייביק.

„דרכך אלהינו להאריך אפּך״ — גערעכטער גאָט, דיין גרויסע מידה איז אָפּצוצאָלן די רשעים מיט דיין צאָרן; „זכרינו ה׳ ברצון עמך פּקדנו בישועתך״ — דעריבער ווענד אָפּ דיין בליק פון אונדזער זינד און העלף דיין אָרעם פאָלק אין זכות פון דיין רחמים און חסד, וועלכע זיינען אייביק. ראַטעווע

אונדז פון די הענט פון אונדזערע שונאים, איצט, אויפן שוועל פון אונדזער אומקום!

שווערע רעיונות, וואָס האָבן געמאַטערט פּעפּערן זינט אַ געוויסער צייט, זיינען איצט צו אים צוגעשטאַנען מיט אַ געכּפּלטן אימפּעט. ס'האָט זיך אים פּלוצעם דערמאָנט אַ מדרש אויפן פּסוק פון איכה „על הר ציון ששמם, שועלים הלכו בו": איבער דעם באַרג ציון, וואָס איז וויסט, גייען אַרום פוקסן. ווען דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרן, האָט הקדוש־ברוך־הוא געוויינט און געזאָגט צו ירמיהון: „איך בין היינט געגליכן צו אַ מענטשן, וואָס האָט געהאַט אַ בן־יחיד און ער האָט אים געשטעלט אַ חופּה, אָבער דער בן־יחיד איז געשטאָרבן אונטער דער חופּה. און דו, ירמיהו, דו ווייטיקסט נישט, נישט איבער מיר און נישט איבער מיין זון. גיי זשע און רוף אַברהמען, יצחקן און יעקבן און משהן פון זייערע קברים, ווייל זיי ווייסן, ווי צו וויינען".

פּעפּער האָט געוווּסט, אַז פאַר ייִדן איז איצט געקומען די צייט פון וויינען, פּונקט ווי נאָכן חורבן פונעם בית המקדש. ווער ווייסט, צי זיי וועלן וויסן ווי צו וויינען און צי זיי וועלן אין שטאַנד זיין אויפצוּוועקן די אָבות, וואָס זאָלן פאַר זיי אויסוויינען דאָס גרויסע געוויין, כּדי אין דער צייט פון צרה צו קענען ראַטעווען פונעם פאָלק, וואָס עס לאָזט זיך ראַטעווען.

*

אויפן באַפעל פון דער נייער מאַכט האָבן די סוחרים געעפנט זייערע געשעפטן און גענומען אויספאַרקויפן דאָס איבעריקע ביסל סחורה, וואָס איז נאָך געבליבן פון די גוטע צייטן. אין אַ גרויס שפּייזגעשעפט אין מיטן מאַרק זיינען סחורות געלעגן אָנגעוואָרפן אויף די לאָדנס און אויפן דיל. מענטשן האָבן זיך געשטופּט און גענומען אַלץ, אויף וואָס זיי האָבן נאָר געקענט לייגן אַ האַנט. מרדכי פּעפּער האָט זיך געשטופּט צווישן דעם המון קויפערס, כאָטש קויפן האָט ער נישט געקענט, מחמת אים האָט אויסגעפעלט געלט. אַלע זיינע לעקציעס זיינען אויסגעגאַנגען נאָך מיט אַ צייט צוריק, גלייך ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה־פּאַניק. זינט דעמאָלט האָט ער נישט געקענט איינמאָנען קיין איין גילדן. אויך די קהילה, וועלכע האָט אים געהאַט אָנגעשטעלט ווי דעם פאַרוואַלטער פון דער קהילה־ביבליאָטעק, האָט אים נישט אויסגעצאָלט זיינע מאָגערע שכירות פאַרן לעצטן חודש.

אויף אַ לאָדן האָט פּעפּער דערזען אַן אָנגעוואָרפענעם באַרג פּעקלעך שבת־ליכט. ער האָט זיך צוגעשטופּט און גענומען אַ פּעקל. ער האָט פון דער קעשענע אַרויסגעשאַרט די לעצטע עטלעכע גילדן און באַצאָלט פאַר די ליכט. מיט דעם איז ער אַהיימגעגאַנגען.

מרדכי פּעפּער האָט די ליכט איבערגעגעבן זיין פרוי ברײַנדל און איר אָנגעזאָגט:

— איך וויל, אַז פון איצט אָן זאָלסטו יעדן פרײַטיק־צו־נאַכטס בענטשן ליכט, ווי ס׳פּירט זיך ביי אַלע ייִדן.

זי האָט אויף אים געקוקט מיט אַ פראַגע און שטוינונג און ער האָט איר געענטפערט מיט אַ בליק פון אַ פאַרשולדיקט חדר־ייִנגל. זי האָט אים אָבער קיין זאַך נישט איבערגעפרעגט. פונקט אַזוי האָט זי מיט יאָרן צוריק נישט געפרעגט ביי אים קיין קשיות, ווען ער איז איין מאָל אַהיימגעקומען אַ צעהיצטער און אַן אויפגעבראַכטער און האָט מיט רוגזה געפאָדערט:

— איך וויל דאָ מער נישט האָבן די היפּאָקריזיע מיט אָנצינדן ליכט פרײַטיק־צו־נאַכטס!

ביז דעמאָלט פלעגט פּעפּער אַרויפצי׳ען אויף זיין פּנים אַ שמייכל, בעת ער האָט אין אַ פרײַטיק־צו־נאַכטס אָנגעטראָפן אין שטוב ברענענדיקע שבת־ליכט. אָבער בפירוש פאַרזאָגן זיין פרוי אָנצוצינדן די ליכט האָט ער נישט געוואַגט. אָבער יענעם טאָג, ווען ער איז אַהיימגעקומען אַ צעקאָכטער און האָט געפאָדערט צו מאַכן אַ סוף צום ליכטבענטשן, האָט געמוזט געשען עפּעס אַ זאַך, וואָס האָט פּעפּערן געשטויסן צום דאָזיקן באַשלוס.

מיט יאָרן שפּעטער האָט זיך ברײַנדל דערוווּסט, אַז געשען איז יענעם טאָג אָט וואָס: פּעפּער האָט זיך באַמיט צו באַקומען אַ לערער־שטעלע אין דער עפנטלעכער העברעיִשער נאָכמיטאָג־שול. יענעם טאָג האָט ער זיך געזען מיט די שול־פאַרוואַלטערס און האָט פון זיי באַקומען אַן ענטפער. אין תּוך איז זייער ענטפער געווען אַ פּאָזיטיווער. זיי האָבן אָבער געשטעלט דעם באַדינג, אַז ער מוז, פונקט ווי אַלע אַנדערע לערערס, לערנען אין קלאַס מיט אַ באַדעקטן קאָפּ. פּעפּער האָט זיך באַמיט צו איבערצייגן די פאַר־שטייערס פונעם שול־קאָמיטעט, אַז מיט זייער באַדינג זיינען זיי פּוגע אין זיין פרייהייט. אויף דעם האָבן די פאַרשטייערס געענטפערט מיט אַ פראַגע:

— סטייטש, פאַר וואָס קען דער לערער שיינגאָלד לערנען מיטן היטל אויפן קאָפּ און איר — נישט?

דער דאָזיקער ענטפער האָט פעפערן אַרויסגעפירט פון די כלים. ער האָט גענומען שרייען, אַז ער איז נישט קיין היפּאָקריט ווי שיינגאָלד און זאָל זיך דער שול־קאָמיטעט האַלטן שיינגאָלדן דעם ווילקענער, וואָס האָט נאָך ביז איצט נישט אויסגעלערנט קיין איין תּלמיד קיין גאַנצע צען העברעיִשע ווערטער. ער איז מיט אימפּעט אַרויסגעלאָפן פון דער שול און אַט אין דעם מעמד איז ער געקומען צו בריינדלען אויסלאָזן זיין כּעס צו אירע שבת־ליכט.

זי האָט אים דעמאָלט קיין וואָרט נישט געענטפערט. זי האָט אָנגענומען, אַז עס איז איינע פון זיינע משונהדיקייטן, וועלכע זי האָט געמוזט אויסטראָגן. זי האָט אויפגעהערט צו בענטשן די ליכט, כאָטש דאָס האַרץ האָט איר שטאַרק וויי געטאָן, אַז איר שטוב איז איצט אין די שבתים אויסגעהוילט געוואָרן פונעם לעצטן זכר פון קדושה.

און אויך איצט, בעת ער איז פאַר איר געשטאַנען מיטן פּעקל ליכט, האָט זי ביי אים קיין זאַך נישט געפרעגט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס משוגעת, וואָס האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע און צוואַנציק יאָר, איז אים איצט אַריבער־געגאַנגען. און אַזוי שווייגענדיק האָט זי פאַר דעם געדאַנקט דעם אויבערשטן.

✶

ווי אויף צו להכעיס דער פאַראָרעמטער באַפעלקערונג, וועלכע האָט נישט געהאַט מיט וואָס איינצוהייצן די אויוונס, און די טויזנטער פּליטים, וועלכע האָבן היימלאָזע געוואָגלט אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, האָט זיך דערווייל דער ווינטער געשטעלט מיט אומגעוויינטלעכע הויכע שנייען און דרייסיקגראַדיקע פרעסט. די נייע מאַכט האָט זיך ענערגיש אַ נעם געטאָן צום איינפירן אירע נייע פאַזשאַנדקעס, אָבער אינעם אַלטן שניידער־שולעכל אויף דער טעפּער־גאַס זיינען ייִדן זיך צונויפגעקומען צום דאַווענען.

דער עולם איז איצט דווקא געווען אַ גרעסערער ווי אין די פריִערדיקע צייטן. פּליטים פון יענער זייט גרענעץ, וווּ עס האָבן געווילדעוועט די דייטשן, זיינען כּסדר אָנגעקומען אין שטאָט אַריין. טייל פון זיי האָבן אין שולעכל געזוכט ייִדישלעכע וואַרעמקייט, אַנדערע — אַ ממשותדיקע באַשיצונג פון די ווינטערדיקע פרעסט. יוסף העלער האָט אויף זיך געטראָגן דעם שווערן

עול פון באַזאָרגן דאָס שולעכל מיט האָלץ צום איינהייצן און מיט אַ מלבוש אָדער אַ ביסל געקעכץ פאַר אַ היימלאָזער פליטים־משפחה.

מרדכי פעפער פלעגט איצט יעדן נאָכמיטאָג אַריינקומען אין שולעכל. געווען איז דאָרט פאַר אים גענוג אַרבעט. די פאַרזאַמלטע ייִדן האָבן געגאַרט צו הערן תּורה. זיי האָבן כּסדר געלערנט און געזוכט אין די כּתבי־קודש אַן ענטפער: ווו שטעקט דער סוד פון זייער איצטיקן מעמד? ווי לאַנג וועט נאָך דויערן דער דאָזיקער נייער גלות און ווען וועט שוין קומען די ישועה? מיט אַלע שווערע סוגיות זיינען די ייִדן געקומען צו פעפערן און ער האָט כּסדר געמוזט ענטפערן אויף פאַרשידענע פראַגן.

נאָך סוף כּל סוף איז נישט דאָס געווען די עיקרדיקע אויפגאַבע, וואָס העלער האָט געהאָט באַשטימט פאַר פעפערן. העלערן איז געגאַנגען אינעם יונגוואַרג, אין די קינדער, וואָס זיינען איצט אין גאַנצן אָפּגעריסן געווען פונעם ייִדישן חינוך. ער האָט זיך באַמיט אונטער צוגעטראַכטע תּירוצים איינצוזאַמלען אינעם שולעכל די קינדער פון דער געגנט און לערנען מיט זיי אַ ביסל ייִדישקייט.

מרדכי פעפער האָט איצט יעדן נאָכמיטאָג זיך באַגעגנט אין דער ווייַ־בערישער שול מיט קינדער און יוגנטלעכע. ער האָט מיט זיי געשמועסט וועגן ייִדישקייט, צו ביסלעך מיט זיי געדאַוונט און געלערנט חומש. דער דאָזיקער לימוד אויפן שפּיץ מעסער האָט פעפערן ווייט נישט געגעבן יענע באַפרידיקונג, וואָס ער פלעגט האָבן פונעם לערנען מיט זיינע אַמאָליקע תּלמידים. אָבער פאַר אַזאַ צייט ווי די איצטיקע, בעת דער לימוד איז געווען פאַרבונדן מיט סכּנות נפשות און מען האָט מיט אים געמוזט זיין אַזוי פאַר־זיכטיק און אָפּגעהיט, איז העלערס און פעפערס אַרבעט געווען אַ געוואַל־טיקער אויפטו.

איין מאָל — ס'איז געווען שוין נאָענט צו ראש חודש אדר — האָט פעפער ביים אַריינקומען אין שולעכל דערפילט, אַז עפּעס איז דאָ נישט ווי אַלע מאָל. די ייִדן זיינען טאַקע ווי געוויינטלעך געזעסן אַרום דעם אָנגעוואַרעמטן אויוון, אָבער זייערע פּנימער זיינען געווען אויסגעצויגן און פאַרכמורעט. פעפער האָט זיך דערנענטערט צום געזעמל ייִדן.

— וואָס איז דאָ געשען?

— די לעצטע נאַכט איז יוסף העלער אַרעסטירט געוואָרן. מען האָט אים

צוגענומען צוזאַמען מיט נאָך ציוניסטישע און בונדישע עסקנים פון דער שטאָט.

פּעפּערן האָט אַ קלעם געטאָן ביים האַרצן. אַזוי גאָר! איצט האָט זיך עס טאַקע אָנגעהויבן אויף אַ רעכטן אמת. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און ערשט איצט האָט ער אַרום זיך דערזען אַ הייפל אומבאַהאָלפענע זקנים. פון זייערע אויסגעלאָשענע אויגן האָט אַרויסגעקוקט יאוש. און ער אַליין? האָט ער זיך דען געפילט מער געהויבן ווי זיי? אָט אַזאַ געדאַנק איז אים אַדורכגעלאָפן דורכן מוח. ער האָט זיך דערשראָקן און עפּעס אַן אינערלעכער שטויס האָט אים אַ טראָג געטאָן פון אָרט. מיט אַ פרעמד קול האָט ער אויסגערופן:

— רבותי, פאַר וואָס זיצט איר עפּעס אַזוי אָפּהענטיק? לאָמיר זאָגן תהילים בציבור! ס׳איז אַ צייט פון סכנה. מען דאַרף רחמים!

*

פּעפּערן האָט קיינער נישט אויסגעקליבן פאַר גבאי, אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם האָט ער פּלוצעם אויף זיינע פּלייצעס דערפילט די גאַנצע לאַסט פון דער פליכט אויסצוהאַלטן דאָס שניידער־שולעכל. ער פלעגט שוין זינט דעמאָלט קומען אַהער יעדן אינדערפרי, נאָך איידער מען האָט זיך געשטעלט דאַוונען שחרית. ער האָט איצט אַליין געמוזט זאָרגן פאַר אַלע טעגלעכע באַדערפענישן, פאַרן ביסל האָלץ איינצוהייצן, וועגן חיונה פאַרן אַלטן שמש און אַ מאָלצייט אָדער אַ נאַכטלעגער פאַר אַ פּליטים־משפחה.

ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו די באַלעבאַטים, וואָס האָבן נאָך עפּעס פאַרמאָגט און האָט ביי זיי געבעטן הילף פאַר דער שול, פאַר נויטבאַדערפטיקע מענטשן, אָבער נישט, חלילה, פאַר זיך אַליין, כאָטש ער אַליין האָט זיך נישט ווייניקער ווי די אַנדערע גענויטיקט אין הילף.

אין יענער צייט האָבן יידן דאָס רוב געלעבט פון גרייטן. מען האָט אויספאַרקויפט זאַכן, וואָס זיינען פון די בעסערע צייטן פאַרבליבן אין די שטיבער. בלויז אַ קליין הייפעלע איינשטעלערס האָט זיך געוואָרפן אויף מסחר, וואָס איז ביי די נייע מושלים געווען אומלעגאַל.

ביי מרדכי פּעפּערן אין שטוב זיינען נישט געבליבן קיין ווערטפולע זאַכן, וועלכע מען וואָלט געקענט פאַרקויפן. דעריבער האָט ער באַלד אין די ערשטע טעג פון דער אָקופּאַציע פאַרזוכט דעם טעם פון הונגער.

פעפער וואָלט נישט געקענט איבערלעבן אַפילו דעם ערשטן מלחמה־ווינטער, ווען נישט זיין ברײנדל וועלכע האָט זיך אויף איר אייגענעם שטייגער אַ נעם געטאָן זוכן אַ מקור פון חיונה. זי פלעגט טאָגטעגלעך זיך טרעפן אויפן מאַרק מיט אָרעמע פרויען, וואָס האָבן געטראָגן צום פאַרקויפן פרעמדע זאַכן. בריינדל האָט געהאַט אַ סך באַקאַנטע באַלעבאָסטעס, וואָס זיינען גרייט געווען איר צו געבן זייערע זאַכן צום פאַרקויפן. האָט זי ביי איינער גענומען אַ נאַכטהעמד, ביי אַ צווייטער אַ קליידל אָדער אַ טישטעך און דערמיט זיך אַוועקגעשטעלט אויפן מאַרק. רוסישע פרויען פלעגן צוקומען און קויפן וואָס ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט. בריינדל האָט פון יעדן פאַרקויף געהאַט איר קליינעם פאַרדינסט אויף צו קויפן אַ שטיקל ברויט.

האָט זיך מרדכי פעפער מכוח זיין אייגענער חיונה פאַרלאָזט אין גאַנצן אויף בריינדלען און אַליין פלעגט ער אַרומגיין צווישן די פאַרמעגלעכערע יידן און צונויפקלייבן דאָס ביסל שטיצע פאַר דער אַלטער שניידערשול, פאַר די פליטים און סתם אָרעמע יידן, וואָס האָבן זיך געוואָרעמט ביים שולאויוון.

אָבער די נישט־ערנסטע באַציונג צו ענינים פון טאָגטעגלעכן לעבן האָט נישט געקענט דויערן אייביק. כּל זמן מענטשן האָבן געהאָפט, אַז פריילינגצייט וועט זיך ענדיקן די מלחמה און אַלץ וועט זיך אומקערן צום פריערדיקן מעמד, האָט מען געקענט נישט טראַכטן וועגן היינט. אָבער ווי באַלד עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די ענדערונגען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען, וועלן טאַקע בלייבן אויף שטענדיק, האָט מען גענומען זוכן אַן אופן זיך צוצופאַסן צו דער נייער ווירקלעכקייט.

יידן האָבן באַמיט זיך איינצואָרדנען ביי אַרבעט, אַריינצופּלעכטן זיך אין דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פונעם נייעם רעזשים ביי וואָס איינער האָט געקענט. דער לערער שיינגאָלד איז געוואָרן אַ „שטשאָטאָוואָד״, אַ מין באַהעלפער פון אַ בוכהאַלטער. אָבער צו שיינגאָלדן האָט זיך פעפער נישט געקענט גלייכן. שיינגאָלד האָט שוין געהאַט אַזאַ טבע, אַז ביי אַלע אומשטענדן האָט ער געקענט עפּעס ווערן. פעפער האָט אַפילו נישט געקענט טראַכטן וועגן אַ שטעלע אין אַ קאַנטאָר. אויב ער וועט אַוועקגיין צו דער אַרבעט אויף אַ גאַנצן טאָג, וואָס וועט זיין מיטן שולעכל?

פעפער האָט פאַר זיך גענומען זוכן אַן אַנדער פרנסה. אויף דער עצה פון אַ געוועזענעם תּלמיד, וועלכער האָט געאַרבעט אין דער צענטראַלער ביבליאָ־

טעק, איז דאָרט פּעפּער געוואָרן אַ נאַכטוועכטער. די צענטראַלע ביבליאָטעק פון דער געגנט איז איינגעאָרדנט געוואָרן אינעם בנין פון דער פריִערדיקער קהילה־ביבליאָטעק, ווו פּעפּער איז געווען פאַרוואַלטער. האָט טאַקע פּעפּער מיט זיין נייער שטעלע געטראָפן אין סאַמע פּינטל אַריין. אויב מען וויל, קען מען זאָגן, אַז ער איז געבליבן אַרבעטן אויפן אַמאָליקן אָרט. איי, פון אַ פאַרוואַלטער איז ער געוואָרן אַ וועכטער? איז מילא, וואָס קען מען זיך העלפן? אין דער אמתן האָט אים די דאָזיקע ירידה גאַנץ ווייניק פאַרדראָסן. עס האָבן אים אויך נישט געאַרט די זייער בצימצומדיקע פאַרדינסטן, וואָס האָבן נישט געקלעקט מער ווי אויפן אויסקויפן אין דער בעקעריי דאָס שוואַרצע ברויט. דער עיקר איז געווען, אַז פּעפּער האָט געהאַט פריי די טעג און האָט געקענט אַריינקומען אין זיין שולעכל, ווען מען האָט נאָר געדאַרפט.

*

דאָס אַלטע שניידער־שולעכל איז איצט געוואָרן אַ צענטער פון ייִדישקייט אין שטאָט. אין די פרייטיק־צו־נאַכטן און ביי אַנדערע געלעגנהייטן, ווען ייִדן האָבן נישט געמוזט זיין ביי דער אַרבעט, פלעגט דאָס שולעכל זיין פול געפּאַקט מיט מתפללים.

פּעפּערן האָט מען געוואָרנט, אַז עס זאָל זיך אים נישט פאַרגלוסטן צו האַלטן אַ דרשה. אויב די נייע מאַכט — האָבן אים פריינד געגעבן צו פאַר־שטיין — טאָלערירט נאָך לעת עתה דעם רעליגיעזן ריטואַל אין בתי תפילה, האָט אָבער אין זיך אַ דרשה אַ געוויסן פּאָליטישן עלעמענט, דער רעזשים וועט עס נישט טאָלערירן.

און בכלל, באַהאַלטן זיך אין אַ דרשה אַ סך סכנות פאַרן בעל דרשן. ער קען לייכט געשטרויכלט ווערן נישט וויסנדיק אַליין ווי אַזוי און צוליב וואָס. און חוץ דעם האָבן איצט אַפילו ווענט אויערן.

פּעפּער האָט געפאָלגט די עצות. נאָר פון דעסטוועגן פלעגט ער בעת די שלש־סעודותדיקע מסיבות, ווען ער איז ביי זיך זיכער געווען, אַז אַלע ביַיזיצערס זיינען אייגענע ייִדן, פון צייט צו צייט זאָגן תורה. בדרך כלל האָט ער זיך באַמיט נישט אַרויסצוברענגען זיינס אַן אייגענע מיינונג. גע־וויינטלעך האָט ער ציטירט אַ פּסוק, נאָכגעזאָגט אַ מדרש און געמאַכט אַן אָנצוהערעניש. דער געדאַנק און דער מוסר־השׂכל פון זיין תורה איז אַלע

מאָל געוועזן דער זעלבער: דער ייִדישער דת איז איצט געבליבן דער איינ־ציקער כּוח, וואָס קען ראַטעווען ייִדישקייט פון אונטערגאַנג. בכן, מוז מען אומבאַדינגט פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פון דער דאָזיקער שול און פון די איבעריקע בתּי תּפילה, וואָס זיינען נאָך געבליבן.

איין מאָל, אין מיטן זומער, איז פּעפּער ביי אַ שלש־סעודות אַרויסגעקומען מיט אַ משל. ס'איז געווען די לעגענדע פונעם ספר האגדה וועגן דעם באַגעגעניש פון ר' יוחנן בן זכאי מיט אַספּסינוסן. פּעפּער האָט דערציילט, אַז נאָך דעם ווי אַספּסינוס האָט יוחננען געגעבן די דערלויבעניש עפּעס ביי אים צו בעטן, האָט ר' יוחנן געבעטן איבערצולאָזן פאַר ייִדן יבנה.

ווערט דערציילט אין מדרש, אַז ר' יוחננס בקשה האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן פאַרדרוס ביי אַ שפּעטערדיקן תּנא, וועלכער האָט זיך צעשריגן מיט די ווערטער פונעם נביא: „ער (גאָט) נעמט אָפּ דעם שׂכל ביי קלוגע און מאַכט זיי צו נאַר". וואָרעם אויב ר' יוחנן האָט שוין יאָ געהאַט די ברירה עפּעס צו בעטן, האָט ער דאָך געקענט אויסבעטן גאַנץ ירושלים און נישט בלויז יבנה.

— ווייזט זיך אָבער אַרויס — האָט פּעפּער אויסגעפירט — אַז ער האָט נישט געקענט. ר' יוחנן האָט געפילט בחוש, אַז אויב ער וועט בעטן ירושלים, וועט ער קיין זאַך נישט פּועלן. האָט ער דעריבער געמוזט אַרויסקומען מיט אַ קליינער בקשה, און דאָס איז געווען יבנה.

פּעפּער האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט געוואָלט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. דערנאָך האָט ער צוגעגעבן מיט אַ ווונק פון די אויגן:

— איר פאַרשטייט, ייִדן, פאַראַן אַזעלכע צייטן, ווען מען טאָר נישט פאָדערן מער ווי אַ מינימום. והא ראיה, היינטיקע צייטן ווערט אונדז אַפילו דאָס נישט דערלויבט.

די לעצטע ווערטער זיינען געווען אַן אָנצוהערעניש אויף דער „פּאַר־וויעסטקע", וואָס איז מיט אַ טאָג פריִער צוגעשטעלט געוואָרן דער שניידער־שול פונעם שטאָטישן שטייעראַמט. געשטאַנען איז דאָרט געשריבן, אַז אין משך פון פערצן טעג מוז די שול באַצאָלן פינף טויזנט רובל שטייער. אויב נישט, וועט גלייך אָפּגעשטעלט ווערן די רעליגיעזע טעטיקייט אין דער שול און דער בנין וועט אַריבערגיין אין רשות פון דער קולטור־אָפּטיילונג.

— זיי וועלן מאַכן פונעם שולעכל אַ קלוב פאַר אַרבעטער, פאַר „בעז־באָזשניקעס" — האָט זיך עמעצער אָנגערופן.

מרדכי פעפער האָט מיט גרויס ישוב הדעת געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס'איז נישט מעגלעך צוזאַמענצוקלייבן אַזאַ גרויסן סכום געלט. וואָס זשע בלייבט צו טאָן? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט. מען מוז אַריבערגיין צום נאַטשאַלניק און מיט אים זיך דורכשמועסן. קודם־כּל דאַרף מען אים געבן צו פאַרשטיין, אַז דער מנין איז אָרעם און קיין גבירים האָבן אין דעם שולעכל קיין מאָל נישט געדאַוונט. אויב ער וועט אַזעלכע רייד נישט פאַרשטיין, מוז מען צו אים אַרויסקומען מיט שאַרפע דיבורים. וואָס הייסט? אַ וועלט איז נישט הפקר!

מרדכי פעפער האָט מיט געלאַסנקייט געשילדערט זיין פּלאַן און די ייִדן, וואָס זיינען געזעסן אַרום דעם שלש־סעודותדיקן טיש איז באַפאַלן אַן אימה.

— וואָס הייסט גיין? — האָבן זיי געפרעגט — ווער וועט גיין? ווער וועט רעדן?

— איך וועל גיין — האָט פעפער געזאָגט אַן אַנטשלאָסענער. — סוף כּל סוף מוז דאָך זיין עמעצער, וואָס וועט וואַגן צו זאָגן זיי דעם אמת.

פעפערס ענטפער האָט די ייִדן נישט באַרויִקט. פאַרקערט, זיי האָבן זיך ביי אים גענומען בעטן:

— איר טאָרט נישט גיין. ס'איז אַ סכּנה, און סיי ווי וועט איר מיט אייערע רייד קיין זאַך נישט פּועלן.

— נישט פּועלן? — האָט ער זיך צעקאָכט — מיר וועלן זען. איך האָב נישט קיין מורא. איך בין אַ בעל תּשובה און תּשובה, זאָגן די חכמים, צערייסט דעם גזר־דין פון מענטשן.

*

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז אין אַ פרימאָרגן פעפערס פרוי, ברײַנדל געקומען אין שול אַריין. פאַר אַ מנין ייִדן, וואָס האָבן נאָר וואָס געענדיקט דאַוונען שחרית, האָט זי דערציילט, אַז איר מאַן איז היינט פאַר טאָג נישט צוריקגעקומען פון דער אַרבעט. זי איז אַוועק אין דער ביבליאָטעק און דאָרט האָט מען איר דערציילט, אַז אין מיטן נאַכט זיינען אַהין צוגעקומען מונדירטע לייט און האָבן פעפערן מיטגענומען.

— פאַר וואָס האָבן זיי אים צוגענומען? — האָט זי געפרעגט די ייִדן — וועלן זיי אים דען דאָרט לאַנג האַלטן?

די ייִדן האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס און געשוויגן. ערשט נאָך אַ לענגערער ווײַלע האָט איינער, אַן עלטערער ייִד, גענומען צוריק אָנטאָן דעם טלית, וועלכן ער האָט נאָכן דאַווענען שוין געהאַט אַראָפּגענומען. ער האָט זיך אָנגערופן:

— רבותי, לאָמיר זאָגן תּהילים בציבור! די סכּנה איז גרויס און מען דאַרף האָבן אַ סך רחמים!

דער רויטער בעקער

מיין געבוירן־שטאָט, דראָהאָביטש, איז באַקאַנט געווען צוליב אירע גרויסע נאַפטפאַבריקן און די דורות רויטע בעקערס, וועלכע האָבן דאָרט געלעבט. מ׳ווייסט נישט, ווען עס איז פאַרלייגט געוואָרן דאָס ערשטע רינגעלע פון זייער דורותדיקער קייט, אָבער ר׳ מאיר באַלאַבאַן האָט אין די מקורות צו דער געשיכטע פון יידן אין רויט־רייסן אָנגעשטויסן זיך אויף אַ רויטן בעקער, וועלכער האָט געלעבט אין דראָהאָביטש (אָדער דרוביטש) און איז געווען אַ בן־דור פונעם הייליקן בעש״ט. דער דאָזיקער בעקער האָט דאָס געהאַט די העזה ווידערצושפּעניקן קעגן זלמנען, דעם תּקיפותדיקן ראש הקהל, וועלכער האָט אונטערדריקט דאָס גאַנצע פאָלק פון זיין געגנט, סיי יידן און סיי קריסטן. ווידערשפּעניקט האָט דער בעקער נישט צוליב זיין אייגענער טובה וועגן, נאָר צוליב דער טובה פון כּלל. די געשיכטע פון יענעם פּאַרצייטיקן רויטן בעקער איז זייער אַ טשיקאַווע און איך האָף, אַז אַ מאָל וועל איך זי נאָך דערציילן.

אָבער מיין איצטיקע מעשׂה איז וועגן אַן אַנדערן רויטן בעקער, יענעמס אַן אור־אור־אייניקל, וועלכן איך אַליין האָב געקענט. ער פלעגט זיך יעדן אינדערפרי באַווייזן ביי אונדז אין הויף מיט אַ גרויסן בעקערישן קויש אָנגעהאָנגען אויפן אָרעם. פון כּל טוב איז געווען אינעם דאָזיקן קויש: בולקעס און זעמל, קלאָרע ווי גאָטס ליכטיקער טאָג, ציבעלע־פּלעצלעך און געזאַלצענע ראָגלען, וואָס צעגייען אין מויל, שטאַנגעלעך, אָנגעפּיקעוועטע מיט שוואַרצע מאָנעלעך, און אַלץ אַזוי ברוין אויסגעבאַקן און שמעקעוודיק מיט יענע וווּנדערלעכע ריחות, וואָס קלעפּן זיך צו צום גומען און יאָגן אַן אַ געזונטן אַפּעטיט.

אַליין איז דער בעקער געגאַנגען אָנגעטאָן אין זיין פּאַרמעליקטן אַרבעטס־בגד. אַזוי ווי ער איז ביי נאַכט געשטאַנען ביים באַקאויוון און האָט דאָרט געשאַרט מיט דער קאָטשערע, האָט ער אין דער פרי אַראָפּגעוואָרפן פון זיך

דעם לאַנגן ווייסן פאַרטעך, אָנגעפילט דעם קויש מיט פרישע געבעקס און געלאָזט זיך לויפן צו די קונים. דאָס געבעקס האָט ביי אים אַלע מאָל געקאָסט אַ ביסל טייערער ווי ביי די אַנדערע בעקערס. אָבער זיינע קונים האָט עס נישט געאַרט. זיי זיינען דאָס רוב געווען די פאַרמעגלעכערע באַלעבאַטים פון דער שטאָט און זיי האָבן לייכט זיך געקענט פאַרגינען צו באַצאָלן אַ קרייצער מער פאַר אַ בעסערן ביסן.

געווען איז עס נאָך אין יענער גוטער צייט, ווען וועלט איז געווען וועלט און דאָס לעבן — איינגעפונדעוועט און מנוחהדיק. דאָס הפקרות איז געקומען ערשט אַ ביסל שפּעטער, ווען די צוויי שכנותדיקע קיסריים, דער צאַר ניקאָלאַי און אונדזער אַלטיטשקער פראַנץ־יאָזעף, האָבן גענומען פירן מלחמה. באַלד זיינען די צאַרישע חיילות מיט די רשעותדיקע קאָזאַקן אַריינגעדרונגען אין די גאַליצישע שטעט און שטעטלעך, מיטברענגענדיק שרעק און פאַרוויסטונג פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. דער חורבן איז דעמאָלט געווען אַזוי גרויס, אַז די לעבעדיקע האָבן מקנא געווען די טויטע.

שפּעטער האָט מען פאַרטריבן די צאַרישע חיילות און מען האָט צוריק־געשטעלט די פריערדיקע ממשלה. פון דעסטוועגן האָט זיך פאַר יידן שוין מער נישט אומגעקערט די פריערדיקע צייט פון מנוחה, נישט דעמאָלט און אַוודאי נישט שפּעטער, ווען עס איז אויפגעקומען דאָס נייע פוילן.

נאָר לאָמיר זיך האַלטן אין אַ סדר. דער רויטער בעקער, אַזוי ווי איך געדענק אים, איז געווען נאָך אַ גאַנץ יונגער בחור. קיין צייכן פון אַ באָרד האָט זיך נאָך נישט געוויזן אויף זיין פּנים, וואָס איז געווען פאַרפלייצט מיט אַ ים פון געלע זומער־שפּרענקעלעך. צוויי געלע פּיאהלעך האָבן זיך שפּיציק אָפּגעגעשאַרט פון אונטער זיין ווייס־פאַרמעליקטן ווייכן היטל. אין גאַס האָבן אים מענטשן כסדר פאַרהאַלטן:

— קלמן, האָסט פרישע זעמל?

ער פלעגט זיך אַלע מאָל אָפּשטעלן און מיט אַ פלינקן קער פון זיין גוף דערלאַנגען דעם קונה די געפאָדערטע סחורה. דערנאָך האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דאָס קליינגעלט אין דער האַנט און שוין האָט ער ווייטער געשפּאַנט אויף זיינע לאַנגע פיס.

ביי אונדז אין הויף פלעגט ער זיך פאַרזוימען אַ ביסל לענגער. זעקס דירות זיינען דאָרט געווען און אין יעדער פון זיי האָט מען אויסגעקוקט אויף

קלמנס געבעקס, וואָס מען האָט געדאַרפט האָבן צום פרישטיק. פון אונדזער הויף פלעגט ער שוין אַרויסלויפן מיט אַ ליידיקן קויש. אַ שפרונג און נאָך אַ שפרונג — און ווי פייל פונעם בויגן האָט ער זיך אומגעקערט צו זיך אַהיים, כּדי אָנצופילן דעם קויש מיט פרישער סחורה.

ביים אַרויסלויפן פון אונדזער הויף פלעגט זיך קלמן אַלע מאָל אָן מיר אָנשטויסן. אין דער דאָזיקער שעה בין איך שוין געווען אָנגעטאָן און איך האָב זיך געשפּילט ערגעץ ווו אין אַ ווינקל אָדער ביים אַריינפאָרטויער. איך געדענק אָבער נישט, אַז דער בעקער זאָל מיך ווען נישט איז האָבן באַמערקט. ס׳איז אַפילו נישט קיין חידוש. ערשטנס, בין איך געווען אַ זייער קליין ייִנגעלע, און צווייטנס, איז קלמן דער בעקער צו פיל פאַרטאָן געווען אין זיינע דאגות.

קלמן האָט דעם עול פון פרנסה געטראָגן אויף זיך זינט זיינע ייִנגסטע יאָרן. מען קען זאָגן, אַז בעצם איז ער קיין מאָל נישט געווען קיין קינד. זיין טאַטע איז געווען פונקט אַזאַ רויטער בעקער, ווי זיין פאָטער און זיידע, און אַ ייִד אַ חלוש. ווען קלמן איז נאָך געווען אַ גאָר קליין ייִנגעלע האָט ער געמוזט דעם טאַטן צוהעלפן אין דער שווערער אַרבעט. און ווען דער טאַטע איז יונגערהייט אַוועק פון דער וועלט, האָט קלמן געמוזט אַליין איבערנעמען די גאַנצע אַרבעט. געבליבן איז די מאַמע די אַלמנה און אַ ייִנגערע שוועסטער, פונקט אַזאַ רויטע ווי קלמן, און אַלע האָבן זיי געדאַרפט חיונה. קלמן איז געווען דער איינציקער מאַנספאַרשוין, וואָס האָט דאָס פאַר זיי געקענט באַזאָרגן.

✶

יענעם פרימאָרגן האָט מיך פון שלאָף אויפגעוועקט די זון. זי האָט אַריינ־געקוקט דורכן פענצטער אַ פולע און אַ רויט־צעשמייכלטע און האָט מיר געשטאָכן אין די אויגן. די פאַרהענגלעך פונעם פענצטער זיינען געווען ברייט פונאַנדערגענומען און דורכן אָפענעם „לופטשיק״ האָט אַ מחיהדיקע פרילינגלופט אַריינגעיאָגט אין אונדזער שלאָפשטוב ריחות פון צעבליטע ביימער.

די בעטן פון מיינע טאַטע־מאַמע, שוין אויסגעגלייכט און צוגעדעקט מיט פלישענע קאָפּעס, האָבן עדות געזאָגט אויפן פולן טאָג. פון דער קיך האָט זיך דורך דער פאַרמאַכטער טיר געטראָגן אַ רעש און געפילדער צוזאַמען מיט

אַ ריח פון פרישע חלות און קוכנס, וואָס ווערן איצט אַרויסגענומען פונעם אויוון. דאָס אַלץ האָט מיך געלאָזט וויסן, אַז ס׳איז היינט פרייטיק אויף דער וועלט.

אונדזער דינסט, מאַריניע, האָט זיך אויף די שפּיץ פינגער אַרייַנגעשאַרט צו מיר אין שלאָפשטוב. זי איז שוין געווען אַ זקנה און פלעגט מיט אונדז אַלע רעדן רוטעניש. זי האָט מיר צוגעטראָגן מיינע זאַכן צום אָנטאָן און האָט געזאָגט:

— אַזאַ גרויסער קאַוואַליער ווי דו דאַרף זיך שוין אַליין אָנטאָן.

דעם דאָזיקן פּזמון האָב איך שוין געקענט אויף אויסנווייניק, ווייל מאַ־ריניע האָט מיר אים איבערגעחזרט יעדן אינדערפרי. אָבער מאַריניען האָט קיינער נישט אָנטקעגנגערעדט, אַפילו נישט מיינע גרויסע ברידער און אַוודאי נישט מיין שוועסטער, דאָס כלה־מיידל. ערשטנס, איז זי פאַר אַלע אונדזערע קינדער געווען פונקט ווי אַ צווייטע מאַמע. אָנהייבנדיק פון מיין עלטסטן ברודער, איטשעלע, וועלכער האָט שוין דעמאָלט געדאַרפט זיך שטעלן צום מיליטער, ביז צו מיר, דעם מיזיניקל, האָט זי אונדז אַלעמען אויסגעניאַנטשעט און אויסגעכאָוועט. צווייטנס, וואָס עס זאָל נישט זיין, איז זי, מאַריניע, ביי אונדזערע טאַטע־מאַמע אַלע מאָל געווען גערעכט. האָב איך טאַקע אָן שום טענות גענומען דאָס פּעקל פון אירע הענט און האָב אָנגעהויבן זיך אָנצוטאָן.

אין קיך האָט אַ שטיקנדיקע היץ פאַרקלעמט דאָס האַרץ און אַ געדיכטע פּאַרע האָט פאַרשטעלט די אויגן ווי אין אַ שוויצבאָד. שוואַרץ־בלעכענע פאַנען מיט ברוין־אויסגעבאַקענע חלות, צימערינג־קוכנס, אייער־קיכלעך און כל המינים פלאָדנס זיינען געווען אויסגעשטעלט אויף טישן, בענק און ווו נאָר ס׳איז געווען אַ ליידיק ווינקל. אין מיטן פונעם דאָזיקן רעש האָט זיך אַרומגעדרייט מיין מאַמע מיט איר גוטמוטיקן שמייכל. צוזאַמען מיט מאַריניען האָט זי געציילט די בולקעס און קוכנס. זיי האָבן באַרעכנט וויפל מ׳דאַרף אַוועקשיקן און וויפל איבערלאָזן אין שטוב.

ביים צווייטן עק פון טיש האָט מיין עלטערע שוועסטער, שׂרהלע, גע־טונקען אַ בערשטעלע פון גענדזענע פעדערן אין אַ גלאָז מיט אויסגעשלאָגענע אייער־געלעכלעך, וואָס דאָס יונגע דינסטמיידל האָט איר אונטערגעהאַלטן. מיטן בערשטעלע האָט שׂרהלע באַשמירט די ברייענדיק־הייסע חלות, וועלכע האָבן זיך גלייך באַדעקט מיט אַ שפּיגלדיקן גאָלדענעם גלאַנץ.

מאַריניע האָט מיר צוגעטראָגן אַ גלאָז וואַרעמע מילך, וועלכע איך האָב בחפזונדיק אויסגעטרונקען, כּדי וואָס גיכער פון דאַנען צו אַנטלויפן. מיך האָט געצויגן אין דעם פריילינגדיקן דרויסן אַרויס צו שפּילן זיך דאָרט מיט די קינדער. אָבער מיין מאַמע האָט מיך נישט געלאָזט אַוועקלויפן. זי האָט מיר צוגעטראָגן איינע פון די ברוין־אויסגעבאַקענע גלאַנציקע חלות, און גראָד אַ מגושמדיקע און אַ שווערע ווי אַ פּורים־קוילעטש, און באַפוילן:

— טראָג אָפּ די חלה צו דער אלמנה, וואָס וווינט ביי דער שיפּאַילעכצן אין דער הייזקע.

איך האָב נישט איבערגעפרעגט וואָס און ווען. נישט איין מאָל בין איך שוין געווען ביי דער אַלמנה אין שטוב מיט ענלעכע שליחותן. איך האָב גענומען די חלה, און באַלאָדן מיט דער שווערער משׂא בין איך אַרויס פון שטוב.

*

דער שיפּאַילעכעס הייזקע איז געשטאַנען אויף אַ הויך בערגל, וואָס איז דורך אַ הילצערנעם צוים צעטיילט געווען אויף צוויי העלפטן. איין העלפט פונעם בערגל איז געווען דער שיפּאַילעכעס און דאָרט טאַקע איז געשטאַנען איר הייזקע; די צווייטע העלפט האָט געהערט צו אונדז און זי האָט געשאַפן אַ טייל פון אונדזער רחבותדיקן הויף. אַלטע טשערעמכע־ביימער, אויסגע־שטעלט אין לאַנגע און גלייכע שורות, האָבן געדיכט באַוואַקסן אונדזער טייל פונעם בערגל. אין יענער שפּעטפריילינגדיקער צייט האָבן זיי זיך געהאָט צעבליט מיט אַ וווּנדערלעך־שמעקנדיקן ווייסן צוויט.

אין מיין קינדערישער צעשפּילטקייט האָב איך אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז איך טראָג אַ שווערע חלה. ווי אַלע מאָל האָב איך זיך אַ לאָז געטאָן צום בערגל און גענומען קלעטערן אויף יענער זייט, וווּ דער באַרג איז געווען צום מיינסטן משופּעדיק. גערעכנט האָב איך, אַז ווי באַלד איך וועל אַרויפ־קלעטערן אויפן באַרג, וועל איך אַריבערשפּרינגען דעם פּאַרקן און גלייך וועל איך זיין ביי דער אַלמנה אין שטוב. נאָר פּלוצעם האָב איך זיך אַרומ־געקוקט און עפּעס איז מיר געוואָרן קשה: איך האַלט דאָך אין די הענט אַ שבתדיקע חלה, טאָ ווי אַזוי פּאַסט עפּעס מיט אַזאַ חלה צו קלעטערן אויף בערג און צו שפּרינגען איבער פּאַרקנס? איך האָב זיך גיך אַראָפּגעלאָזט

פון דער העלפט פון אונדזער בערגל און גענומען גיין צו דער אַלמנה מיטן געווייינטלעכן וועג דורך דער גאַס.

צו איר דירה בין איך טאַקע באַלד צוגעקומען אָן שום מניעות. די טיר איז נישט געווען פאַרקייטלט און איך בין גלייך אַריין אין דער שטוב. די אַלמנה איז דאָרט נישט געווען, בלויז אַ ייִנגל אין מיינע יאָרן איז געלעגן אין בעט. ער האָט אויף מיר געקוקט מיט פאַרזשמורעטע אויגן און אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן האָט ער מיר מיט אַ בליק געוויזן דאָס אָרט אויפן טיש, ווו איך דאַרף אַוועקלייגן די חלה. איך האָב אים געפאָלגט און באַלד גענומען צוריקציִען זיך צו דער טיר.

אָבער ביי דער טיר האָב איך פנים אל פנים זיך אָנגעשטויסן אויפן רויטן בעקער. מיט זיינע לאַנגע פיס האָט ער אַריבערגעשפרייזט די שוועל, שלעפנדיק נאָך זיך דעם גרויסן בעקערישן קויש דורך דעם שמאָלן טיר־דורכגאַנג. בחיפזונדיק האָט ער אַוועקגעלייגט אויפן טיש עטלעכע ווייסע בולקעס און שווייגנדיק איז ער צוזאַמען מיט מיר אַרויס פון דער הייזקע. גייענדיק אַזוי מיטן רויטן בעקער האָב איך זיך פלוצעם דערפילט זייער געהויבן אין מיין קינדערישער חשיבות. אַ קלייניקייט עפעס? איך האָב זיך איצט געפילט אויף אַ גלייכן שטאַפּל מיט קלמנען, דעם דערוואַקסענעם מענטש. פונקט ווי ער האָט אַריינגעטראָגן בולקעס צו דער אַלמנה אין שטוב אַריין, אַזוי האָב איך אַהין אַריינגעטראָגן די חלה, אַ סימן, אַז דאָס וואָס איך האָב געטאָן איז שוין אַן אַרבעט פון אַ דערוואַקסענעם מענטש און נישט פון אַ קינד. דער בעקער האָט אַפילו נישט געפּרווט צו אַנטמוטיקן מיך אין מיינע גאַווהדיקע געדאַנקען.

— וועמענס ביסטו, ייִנגעלע? — האָט ער מיך געפרעגט, ווען מיר זיינען שוין געווען אין גאַס און איידער איך האָב נאָך געקענט עפענען דאָס מויל, האָט ער שוין געהאָט דעם ענטפער:

— אַהאַ, כ׳ווייס, דו ביסט דאָך פון אָט דעם גרויסן הויף. און צי ווייסטו כאָטש, ייִנגעלע, וואָס פאַראַ גרויסע מצווה דו האָסט זיך געקויפט? די אַלמנה איז, נעבעך, אויף גרויסע צרות און צו דעם נאָך איז איר ייִנגל זייער שלאַף. ווייסטו, אַז ווען אַ ייִנגעלע ווי דו טוט אַזאַ גרויסע מצווה, זינגען שירה די ליכטיקע מלאכים אין הימל?

דאָ בין איך שוין געבליבן אין גאַנצן אַ געפּלעפטער. כאָטש אין שול

בין איך נאָך דעמאָלט נישט געגאַנגען, איז צו מיר יעדן טאָג אַריינגעקומען דער רבי און האָט מיט מיר געלערנט. עברי האָב איך שוין געקענט ווי אַ וואַסער און וועגן מלאכים האָב אויך געהערט. אָבער דאָס, וואָס איך האָב וועגן זיי געהערט, האָט נישט געהאַט קיין שייכות צו מצוות. פון מיין מאַמען האָב איך געוווּסט, אַז מלאכים באַשיצן און באַשירעמען גוטע ייִדישע קינדער. אָבער אָט דאָ קומט קלמן דער בעקער מיט אַ גאַנץ נייער זאַך: די מלאכים זינגען שירה. ווי אַזוי זינגען זיי? אפשר טאַקע אַזוי ווי די משוררים ביי ר׳ חנאן, דעם בעל תפילה פון אונדזער קלויז? און ווי אַזוי קלינגט עס? ווי דער „לכו נרננה״ אין אַ פרייטיק־צו־נאַכטס בעתן קבלת שבת?

ביי זיך אַליין האָב איך זיך אַריינגעפּלאָנטערט אין אַזוי פיל פראַגן, אַז איך האָב זיך שוין מער נישט געקענט מיט זיי קיין עצה געבן. איך בין אַוועקגעלאָפן צו דער מאַמען און האָב איר תיכף דערציילט אַלץ, וואָס איז געשען. די מאַמע האָט מיך זייער אויפמערקזאַם אויסגעהערט און מיט קיין איין וואָרט נישט איבערגעפרעגט, נישט וועגן די מלאכים און נישט וועגן זייער שירה זינגען. איבערגעפרעגט האָט זי בלויז, וואָס דער רויטער בעקער האָט איבערגעלאָזט ביי דער אַלמנה אין שטוב און ווער ס׳האָט אים פאַר דעם באַצאָלט. האָב איך פאַר איר נאָך אַ מאָל אויסגערעכנט דאָס געבעקס, וואָס קלמן האָט דאָרט אַוועקגעלייגט אויפן טיש און מכוח באַצאָלן האָב איך נישט געזען, אַז ווער נישט איז זאָל אים צאָלן. די מאַמע האָט זיך שטאַרק געחידושט, און אַ ביסל שפּעטער, ווען דער טאַטע איז אַהיימגעקומען, האָט זי מיט אים געשמועסט וועגן דעם ענין.

דער טאַטע האָט זיך ווייניקער געחידושט. ער האָט זיך פאַרדרייט זיינע שוואַרצע וואָנסעס און האָט דערביי געשאָקלט מיטן קאָפּ. וועגן דער משפחה פון די רויטע בעקערס, האָט ער געזאָגט, איז דאָך פאַראַן אַ רייכע מסורה, אין וועלכער מעשׂים פון צדקות גייען געפּאָרט מיט קידוש־השם. ווען קלמנס פאָטער איז דאָ פאַר אַ יאָרן נפטר געוואָרן (איך געדענק בפירוש, אַז דער טאַטע האָט געזאָגט „נפטר געוואָרן״ און נישט געשטאָרבן), האָבן מענטשן גערעדט, אַז ער איז געווען אַ נסתּר און אַ גרויסער צדיק.

✶

זינט יענעם פרילינג האָב איך שוין מער נישט געזען דעם רויטן בעקער. באַלד איז געקומען דער זומער און מיר זיינען געפאָרן אויף דאַטשע. פון דאָרט האָבן מיר זיך אומגעקערט אין די טעג פון בהלה, ווען דאָס מלחמה־פייער האָט שוין געהאַט געברענט. מיר זיינען אַנטלאָפן קיין ווין און ווען מיר האָבן, נאָך יאָרן פון נויט און נע־ונדקייט, זיך אומגעקערט אַהיים, האָבן מיר שוין נישט געטראָפן נישט דעם רויטן בעקער און נישט די אַלמנה, וואָס האָט געוווינט ביי דער שיפּאַילעכען אין דער הייזקע.

אָבער אין שטאָט האָבן מענטשן געוווּסט, אַז קלמן האָט צוגעטראָגן זיין ערלעכן ביישטייער צו דער קידוש־השם־טראַדיציע פון זיין משפחה. מען האָט דערציילט, אַז אין די לעצטע טעג פון דער רוסישער אינוואַזיע, בעת די צאַרישע חיילות האָבן שוין געהאַלטן ביים אָפּציִען, האָט אַ בגילופנדיקער קאָזאַק, אַן אָפּגעריסענער און אַן אָפּגעשליסענער, מיט אַ קרומער שווערד אָנגעהאָנגען ביי דער זייט, מיט אַ טענצלדיקן טראָט זיך אַריינגעשאַרט צו קלמנען אין דער בעקעריי. לכתּחילה האָט ער זיך באַקלאָגט, אַז ער איז הונגעריק. האָט פאַר אים קלמן אָנגעשניטן ברויט און אים צוגעטראָגן ער זאָל עסן. דער קאָזאַק האָט אָבער נישט אָנגעהויבן צו עסן. ער האָט אונטער־געטאַנצט אויף איין פוס, ווייל דער צווייטער פוס האָט אים, ווייזט אויס, ווי געטאָן און האָט זיך גיך געטראָגן איבער קלמנס שטוב. אומעטום האָט ער אַריינגעקוקט, פונקט ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט.

— וואָס זוכסטו? — האָט אים דער בעקער געפרעגט.

— האָסט וואָדקע?

— ניין, ס׳איז ביי מיר אין שטוב נישט פאַראַן קיין שום משקה — האָט אים קלמן פאַרזיכערט, אָבער דער שגץ האָט אים נישט געגלויבט. ער איז אַריין אין פינצטערן אַלקערל, ווו עס זיינען געווען אָפּגעלייגט זעקלעך מעל אויף צו באַקן ברויט. דאָרט האָט זיך אויך געהאַט באַהאַלטן קלמנס שוועסטער, כּדי צו זיין אָפּגעהיטן פון אַ בייז אויג. דער קאָזאַק האָט דערזען דאָס מיידל און אַ תּאווהדיק פייערל האָט אַ בליץ געטאָן אין זיינע אויגן.

— אַ קראַסאַוויצע האַלטסטו דאָ באַהאַלטן? — איז ער אַרויס מיט אַ טענה.

— דאָס איז מיין שוועסטער — האָט אים קלמן געענטפערט — און דו טשעפּע זיך נישט צו איר.

אָבער דער קאָזאַק האָט זיך ווילד צעלאַכט:

— ניטשעוואָ, ניטשעוואָ, זי וועט שוין מיט מיר גיין שלאָפן.

קלמן האָט אויפגעציטערט. אַזעלכע רייד האָט ער נישט געהערט אַפילו אין די שווערע חדשים פון דער רוסישער אָקופּאַציע. דער קאָזאַק האָט דער־וויל אַרויסגעשלעפּט פון דער שטיוול־כאַלעווע אַ לאַנגן קיילער־מעסער און האָט קלמנען שאַרף באַפוילן:

— טראָג זיך אָפּ!

האַלטנדיק דאָס מעסער אין איין האַנט האָט דער קאָזאַק מיט דער צווייטער האַנט אָנגעכאַפּט דאָס צעשראָקענע מיידל ביים צאָפּ האָר און גענומען זי שלעפּן איבער דער גרויסער באַקאַויוון־שטוב. זי איז אים נאָכ־געלאָפן הינטערווייַלעכץ מיטן קאָפּ פאַרריסן צו דער זייט, ווו ער האָט זי געשלעפּט. זי האָט יאָמערלעך געשריגן פון ווייטיק און נאָך מער פון שרעק. סוף כּל סוף איז זי אַ פאַרחלשטע אַוועקגעפאַלן אויפן דיל, אָבער דער קאָזאַק האָט נישט אויפגעהערט צו שלעפּן זי ביי די האָר.

ביי קלמנען איז דאָס האַרץ אויסגעגאַנגען פון בושה און ווייטיק. ער האָט אויפגעריסן די טיר און גענומען אויפן קול שרייען אין גאַס אַריין:

— מענטשן, ראַטעוועט!

אין אַזאַ ביטערער צייט האָבן אָבער מענטשן מורא געהאַט און קיינער איז קלמנען נישט געקומען צו הילף. אין זיין גרויסער פאַרצווייפלונג האָט קלמן דערזען דאָס גרויסע מעשענע שטייסל, וואָס איז געשטאַנען ביי דער זייט. דורות רויטע בעקערס האָבן דאָס זעלבע שטייסל גענוצט צו זייער בעקערישער אַרבעט, נאָר ביי קלמנען האָט די דאָזיקע כּלי איצט באַקומען די צורה פון אַ לעבעדיקן אויסלייזער. ס׳איז אַ שעת־הכּושר, ס׳איז אַ חוב צו ראַטעווען אַ צניעותדיקע ייִדישע טאָכטער פון אַזאַ בושה. קלמן האָט געכאַפּט דאָס אויבערשטע פונעם שטייסל, מיט איין שפּרונג איז ער געווען לעבן דעם קאָזאַק און האָט אים דערלאַנגט אַ זעץ אין קאָפּ אַריין. באַלד איז דער קאָזאַק אַן אויסגעצויגענער געלעגן לעבן דעם אויסגעהייצטן באַקאַויוון.

דערנאָך זיינען אָנגעלאָפן רוסישע סאָלדאַטן. מען האָט דעם קאָזאַק אַוועקגעטראָגן אויף אַ טראַגבעטל און קלמנען האָט מען ערגעץ ווו אַוועק־געפירט. מענטשן האָבן דערציילט, אַז קלמן איז אַוועקגעפירט געוואָרן צוזאַ־מען מיט די עַרובניקעס, וואָס די רוסן האָבן פאַרן אָפּטרעטן צוגענומען פון

דער שטאָט. מען האָט די דאָזיקע ערובניקעס פֿאַרשלעפּט טיף אין רוסלאַנד און בלויז עטלעכע פֿון זיי האָבן מיט יאָרן שפּעטער זיך אומגעקערט אַהיים. קלמן האָט זיך פֿון דאָרט קיין מאָל נישט אומגעקערט און ביי אונדז אין שטאָט האָט אים קיינער מער נישט געזען.

היימלאָז

ווי נאָר עס זיינען אַוועק די ווינטערדיקע קעלטן און ס׳האָט זיך גע־שטעלט דאָס פֿאַרפֿסחדיקע מילדע וועטער, איז מיכאַל גורני ווידער געבליבן אַרבעטסלאָז. דעם לעצטן סעזאָן האָט ער גאַנץ גוט אָפּגעאַרבעט און נישט שלעכט פֿאַרדינט. אין אַ שאָפּ פֿון פּלאַסטישע שפּילעכלעך האָט ער געאַרבעט אויף אַ שניידמאַשין און כאָטש ביז דעמאָלט האָט ער קיין מאָל נישט אָנגעקוקט קיין צורה פֿון אַזאַ מין מאַשין, האָט ער זיך זייער גיך אויסגע־לערנט די מלאכה און דער בעל־הבית איז פֿון אים די גאַנצע צייט געווען זייער צופֿרידן.

מיכאַלן איז נישט באַשערט לאַנג צו האַלטן זיך אויף איין שטעלע. דער בעל־הבית, אַן אַסימילירטער ייִד מיט אַ דיקן ציגאַר אין מויל, האָט זיך געהאַט באַרעכנט, אַז אים לוינט נישט צו פּראָדוצירן אין ניו־יאָרק. די שטייערן זיינען דאָ הויכע און די אַרבעטסקראַפֿט אַ טייערע. האָט ער איינ־געפּאַקט זיינע כּלים און איז מיט זיין גאַנצער פֿאַבריק אַוועק אין די דרומ־דיקע שטאַטן. מיכאַל גורני, און נאָך הונדערט אַזעלכע ווי ער, זיינען געבליבן אָן שטעלעס.

איז מיכאַל גאַנצע טעג אַרומגעלאָפֿן איבער דער גרויסער שטאָט זוכן אַרבעט. בשעת מעשה האָט ער געטראַכט וועגן זיין מערכה; אַ מאַן אין די פֿערציקער, און כמעט שוין גאַנצע צען יאָר אין לאַנד, האָט ער נאָך נישט באַוויזן דערשלאָגן זיך צו עפּעס אַ לייטישער פּאָזיציע. זיינע באַקאַנטע און פֿריינד פֿון די אַמאָליקע צייטן — באַזונדערס יענע, וואָס דאָס מזל האָט צו זיי אַ שמייכל געטאָן — האָבן אים כּסדר געזאָגט מוסר, אַז ער, מיכאַל, אַ מענטש, אַן אינטעליגענטער, וואָס האָט אַ מאָל שטודירט אויפֿן וואַרשעווער אוניווערסיטעט, האָט דאָ, אין אַמעריקע, געדאַרפֿט זיך נעמען צום שטודירן, קודם־כּל אויסלערנען זיך גרינטלעך ענגליש, און נעמען זיך צו אַן אינטע־ליגענטער פּראָפֿעסיע. אָט אַזוי, ווי ס׳האָבן, למשל, געטאָן יענע גרינע יונגע־

לייט, וואָס זענען געוואָרן מעקלערס אויף דער ניו־יאָרקער בערזע און האָבן אין אַ קורצער צייט פאַרדינט אַ סך געלט.

מיכאַל ווייסט אָבער, אַז צו געבן אַן עצה איז זייער לייכט, יעדן פאַלס לייכטער, ווי זי מקיים צו זיין. ווי קען מיכאַל טראַכטן פון אַוועקזעצן זיך לערנען, אַז ער איז אַ מטופל און דאַרף פאַרזאָרגן מיט חיונה אַ שטוב, אַ פרוי מיט אַ דערוואַקסנדיקער טאָכטער? האָט ער טאַקע די רייד פון זיינע פריינד נישט גענומען ערנסט. ער איז געווען אַנטשלאָסן אַזוי לאַנג זיך אַרומצוזאָגן, ביז ער וועט געפינען אַרבעט.

איז אים איין מאָל אונטערגעקומען אַן אַדרעס פון אַ ניי־געשאַפענער פאַבריק פון פלאַסטישע רערן, ווו מען האָט געזוכט אַרבעטער פון פאַרשידענע ספּעציאַליטעטן. האָט ער זיך באַרעכנט, אַז דאָ קען זיך פאַר אים עפּעס מאַכן. האָט ער דאָך שוין געאַרבעט ביי פלאַסטיק און ער איז אַ מומחה אויף דער שניידמאַשין. איז ער אַהין צוגעפאָרן. דאָס איז געווען אַ שוואַרץ־פאַרסאַ־זשעטער בנין אין צענטער פון מאַנהעטן; די אינעווייניקסטע האַליעס — טונקעלע און אָנגעוואָרפענע מיט אָפּפאַלן. ער האָט זיך דערפרעגט צום בעל־הבית. יענער האָט מיכאַלן דורכגעשפּיזט מיט זיינע באַברילטע אויגן, אויסגע־פרעגט אים וועגן פאַרשידענע ענינים און צום סוף געזאָגט:

— וועל. איך מיין, אַז מיר וועלן פאַר אייך האָבן אַרבעט. איר וועט איצט זען אונדזער אינזשעניר, איך וועל אייך צו אים צופירן.

זיי האָבן דורכגעשפּרייזט אַ לאַנגן קאָרידאָר, דער באַלעבאָס האָט געעפנט אַ טיר און גענומען רעדן אין דער געעפנטער טיר אַריין:

— פילים, רעדט זיך אַדורך מיטן דאָזיקן מאַן. איך מיין, אַז מיר וועלן אים קענען נוצן.

ער האָט זיך צוריקגעצויגן און געוויזן מיכאַלן דעם אַריינגאַנג אין דעם אינזשענירס צימער. די שטוב איז געווען גוט באַלויכטן מיט עלעקטרישן ליכט, אין מיטן איז געשטאַנען אַ גרויסער צייכענונג־טיש און איבער אים איז געווען אָנגעבויגן אַ געשטאַלט פון אַ גאָר יונגן מענטש.

— זעצט זיך צו אויף אַ רגע — דער אינזשעניר האָט נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון איבער זיין צייכענונג — באַלד וועל איך זיין פריי.

דערנאָך האָט ער צו מיכאַלן אויסגעדרייט דעם קאָפּ און איז שטיין געבליבן ווי פאַרחידושט.

— איר זענט אַן אימיגראַנט? — האָט ער געפרעגט — פון וואַנען?

— פון פוילן — מיכאַלן האָט די דאָזיקע פראַגע אי פאַרדראָסן, אי געחידושט. וואָס גייט אים אָן, פון וואַנען מיכאַל איז?

— אייער נאָמען?

— גורני, מיכאל גורני.

פיליפּ האָט פּלוצעם זיך פונאַנדערגעלאַכט און זיין לאַכן האָט אין מיכאַלס אויערן אָפּגעקלונגען מיט אַזאַ אומהיימלעכקייט, אַז ער האָט זיך אַזש איינגעקאָרטשעט. פיליפּ האָט עס אָבער נישט באַמערקט. ער איז צוגעגאַנגען צו מיכאַלן און גענומען זיין האַנט:

— זעט נאָר וואָס פאַראַ באַגעגעניש. איר זענט דאָך פּאַרטשניק (לייטנאַנט) גורני. דערקענט איר מיך טאַקע נישט? איך בין פעלוש, אָדער ווי איר האָט מיך גערופן — פישל. פישל גאָלאָמב.

פון איבערראַשונג האָבן ביי מיכאַלן העגט און פיס גענומען ציטערן. אויף אַזאַ באַגעגעניש האָט ער זיך נישט געריכט. ער האָט געדריקט פיליפּס האַנט און גערעדט שוין אויף ייִדיש:

— ביסטו טאַקע פישל? נו, ווי דו ביסט אויסגעוואַקסן, איך וואָלט דיך קיין מאָל נישט דערקענט. ווי אַזוי זשע נעמסטו זיך אַהער? פאַר וואָס האָב איך פון דיר די גאַנצע צייט נישט געהערט?

ער האָט בשום אופן זיך נישט געקענט באַרויִקן, דאַקעגן פיליפּ איז מיט משונהדיקע האַפּסעלעך אַרומגעלאָפן איבערן צימער, אָפּגעשטעלט זיך אויף אַ ווײַלע, געוואָרפן אַ בליק אויף מיכאַלן און איז ווייטער געלאָפן. בשעת מעשה האָט ער גערעדט:

— און איך האָב במשך פון די אַלע יאָרן אַ סך געטראַכט וועגן אייך. געגלייבט, אַז סוף כל סוף וועל איך אייך ערגעץ ווו טרעפן. כ׳האָב אַפילו געשריבן עטלעכע מאָל צו מיין פעטער לייבקע ער זאָל אייך זוכן אין ישׂראל. ער האָט אייך אָבער דאָרט נישט געפונען.

— ווי אַזוי האָט ער מיך דאָרט געקענט געפינען — האָט מיכאַל גערעדט שוין אַ באַרויִקטער — אַז איך בין די גאַנצע צייט דאָ, אין אַמעריקע. און, אַגב, ווייסטו דאָך, פישל, אַז מיט לייבקען בין איך אין די אַמאָליקע יאָרן געווען גאָר נאָענט באַפריינדט. ווי גייט עס אים טאַקע דאָרט אין ישׂראל?

— אויף די דאָרטיקע באַדינגונגען — נישט שלעכט, ער איז טעטיק אין זיין פריִערדיקן באַרוף, אַן אַדוואָקאַט.

מיכאַל האָט זיך פאַרטראַכט. אים איז איינגעפאַלן, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין מזל צו געפינען לייבקען נאָך דער מלחמה. און ווער ווייסט, ווען ער וואָלט מיט לייבקען זיך יאָ געטראָפן, וואָלט אפשר זיין גאַנץ לעבן היינט געהאַט אַן אַנדער אויסזען.

— לייבקע — האָט ער איצט שטיל געזאָגט, ווי צו זיך אַליין — בעצם איז ער דאָך דער איינציקער נאָענטער פריינד פון אַ מאָל, וואָס איז מיר געבליבן. איך האָב געוווסט, אַז ער האָט איבערגעלעבט די מלחמה. עמעצער האָט מיר געהאַט דערציילט וועגן דעם. איך האָב אים, און טאַקע דיך אויך, געזוכט איבער גאַנץ דייטשלאַנד, נישט געקענט אייך געפינען.

— מיר זיינען נישט געווען אין דייטשלאַנד, נאָר אין עסטרייך. פון דאָרט האָט מען מיך באַלד אַוועקגענומען אַהער און לייבקע איז אַוועק קיין איטאַליע און שפּעטער קיין ישׂראל.

— יאָ, יאָ — האָט מיכאַל געשאָקלט מיטן קאָפּ. אים זיינען איצט צוריק־געקומען אויפן געדאַנק פאַרשידענע איבערלעבונגען פון דער פאַרגאַנגענ־הייט. זיין היימשטאָט ביאַליסטאָק, וואַרשע, די יאָרן פון די אוניווערסיטעטישע שטודיעס, ווו ער האָט געלערנט צוזאַמען מיט לייבקען, און דערנאָך די מלחמה, די פאַרשנייטע ווייטקייטן פונעם הונגעריקן רוסלאַנד. און שפּעטער? שפּעטער איז ער מיט דער רוסישער אַרמיי צוריקגעקומען ווי אַן אָפיציר פון דער פּוילישער בערלינג־דיוויזיע. ווידער וואַרשע, אָבער שוין אַן אַנדער וואַרשע — אַ חרובע, אַ דערטרונקענע אין בלוט, אָן די אַמאָליקע נאָענטע פּנימער, אָן קיינעם.

פיליפּ האָט אים לייכט אַ שאָקל געטאָן ביים אָרעם:

— מיסטער גורני, באַלאַמוטשעט נישט! מאָרגן אין דער פרי דאַרפט איר זיך שטעלן צו דער אַרבעט. און איצט האָט אַ גוטן טאָג.

*

מיכאַל האָט נישט שלעכט זיך איינגעאָרדנט ביי זיין נייער אַרבעט. ער האָט חלילה, נישט בדעה געהאַט אויסצונוצן זיין נאָענטע פריינדשאַפט מיטן אינזשיניר. פאַרקערט, ער האָט געטאָן אַלץ וואָס נאָר מעגלעך, כּדי

צופרידן צו שטעלן דעם בעל־הבית, פון דעסטוועגן האָט פיליפּס אויג כסדר איבער אים געוואַכט. נישט באַמערקטערהייט האָט פיליפּ אַכטונג געגעבן, אַז מיכאַלס אַרבעט זאָל נישט זיין קיין צו שווערע און ווו ער האָט נאָר געקענט, האָט ער מיכאַלן צוגעשאַנצט אַ זייטיקן פאַרדינסט.

ווענן אָנהאַלטן אַ פּערזענלעכן קאָנטאַקט אויפן שטח פון דער פאַבריק האָט נישט געקענט זיין קיין רייד. פיליפּ איז געווען ביי דער מיינונג, אַז ס׳וועט זיין געזונטער אויב דער בעל־הבית וועט נישט וויסן קיין זאַך וועגן זייער באַקאַנטשאַפט. במילא דאַרפן זיך אויך די איבעריקע אַרבעטער גאָר־נישט אָנשטויסן. זיינען אַזוי עטלעכע וואָכן דורכגעלאָפן און זיי האָבן צווישן זיך נישט אויסגערעדט מער ווי געציילטע ווערטער, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו ענינים פון דער אַרבעט. איין מאָל — געווען איז עס אין דער פרי, בעת מיכאַל האָט גראָד געהאַלטן ביים אָנשטעלן די מאַשין צו דער אַרבעט, וואָס האָט געדאַרפט געטאָן ווערן יענעם טאָג — איז פּלוצעם פיליפּ אויסגעוואַקסן הינטער זיינע פּלייצעס. ער האָט געוואָלט נאָכקוקן צי מיכאַלס מאַשין איז אָנגעשטעלט לויט די ריכטיקע מאָסן. נאָר מיכאַל, אַן איבער־ראַשטער פון דעם, וואָס עמעצער שטייט הינטער אים, האָט זיך גיך אויסגע־דרייט און איז שטיין געבליבן פּנים אל פּנים מיט פיליפּן. ס׳ווייזט אָבער אויס, אַז אויך פיליפּ איז איבערראַשט געוואָרן פון מיכאַלס שנעלער באַווע־גונג. מיכאַל האָט בפירוש געזען אַ נישט געזונטן קראַמף, וואָס איז דורכ־געלאָפן אויף פיליפּס פּנים. וואָלט ער אויף דעם נישט געלייגט קיין אַכט, אָבער צוזאַמען מיטן קראַמף פונעם פּנים, איז געקומען עפּעס אַ צוקעניש פון פיליפּס אַקסלען. אָט די ביידע זאַכן האָבן אויף מיכאַלן אָנגעיאָגט אַ משונהדיקע אומרויִקייט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן נישט מער ווי אַ רגע.

פיליפּ האָט געכאַפּט אַ קוק אויף דער מאַשין און איז אַוועק. מיכאַל האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַרבעטן. אָבער בעת דער אַרבעט האָט צו אים ווידער זיך אומגעקערט דער פריִערדיקער אומרו. אים איז איינגעפאַלן אַז דער קראַמף און דאָס צוקעניש ביי פיליפּן מוז האָבן אויך אַ שייכות צו יענעם האָפּסלדיקן טריטעלע, מיט וועלכן ער איז אַרומגעלאָפן איבער זיין אַרבעטס־צימער דעמאָלט, ווען מיכאַל איז צו אים געקומען דאָס ערשטע מאָל. האָט מיכאַל זיך געזאָגט, אַז אָט דער פיליפּ מוז זיין אַ נערוועזער בחור. און צוריק־געשמועסט, וואָס איז דער חידוש? אַ ייִנגל, וואָס האָט זיין קינדהייט פאַר־

בראַכט אין שאָטן פון טויט. געטאָ, אַרישע זייט, אויסבאַהאַלטן זיך פאַר די מערדערס און צום סוף דאָס מלחמה־פייער, וואָס האָט זיך דורכגעטראָגן ממש איבער זיין קאָפּ. ווי איז דען מעגלעך, אַז אַזעלכע איבערלעבונגען זאָלן נישט איבערלאָזן קיין שפּורן אויף אַ יונג קינד? לסוף האָט מיכאַל זיך באַרויִקט מיטן געדאַנק, אַז יעדער פון די וואָס האָבן איבערגעלעבט דאָס גיהנום, מוז אין זיך טראָגן אַזעלכן אָדער אַן ענלעכן סימן פונעם שרעקלעכן נעכטן.

אָבער כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז פיליפּן פעלט, חלילה, גאָרנישט, האָט מיכאַל אים צו ביסלעך נאָכגעקוקט. גלאַט אַזוי, כדי זיך נאָך מער צו פאַר־זיכערן אַז אַלץ איז אין אָרדענונג. נאָר וואָס מער ער האָט געקוקט, אַלץ מער איז אים פיליפּס פּירעכץ אויסגעקומען מאָדנע. אַ יִינגל אין זיינע יאָרן דאַרף זיין פריילעך, צעשמייכלט. אויף פיליפּס פּנים איז אָבער אַ שמייכל געווען אַ זעלטענער גאַסט. שטענדיק אַן אומעטיק־פאַרטראַכטער און דער בליק אַ ווייטער, אַ נישט־דאָיִקער. ער האָט נישט קיין פריינד און נישט קיין מיידל, איז אין זיך אָפּגעשלאָסן, פאַראיינזאַמט און אָן קיין פערזענלעכן לעבן.

איין מאָל אין אַן אָוונט, נאָך דעם ווי די מאַשינען זיינען אַנטשוויגן געוואָרן, איז מיכאַל אַריין צו פיליפּן אין צימער. יענער איז נאָך געזעסן ביים שרייבטיש אַ פאַרטועטער אין דער אַרבעט. נישט אויפהייבנדיק די אויגן פונעם פּאַפּיר, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— וואָס ווילט איר זאָגן, מיכאַל?

— פיליפּ, הער מיך אויס. איך בין שוין דאָ צוזאַמען מיט דיר קרוב צוויי מאָנאַטן און מיר האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך צוזאַמענצוקומען. איך פאַרשטיי, אַז דו ביסט אַ פאַרנומענער מענטש, נאָר ווי געפינט מען נישט קיין שעה צייט, כדי זיך אַוועקצוזעצן און דערמאָנען זיך אין די פאַרגאַנגענע צייטן?

— אַך, יאָ — האָט פיליפּ אַראָפּגעשלונגען מיכאַלס טענות — איך האָב טאַקע וועגן דעם געטראַכט. לאָמיר איצט אַראָפּגיין אין רעסטאָראַן און צוזאַמען עסן וועטשערע. מיין אַרבעט וועט דערווייל צוואַרטן. נאָכן עסן וועל איך צוריקקומען.

— ניין — האָט מיכאַל אַן אַנטשלאָסענער געזאָגט — היינט וועסטו שוין

אַהער נישט צוריקקומען. מאָרגן איז אויך אַ טאָג. מיר וועלן טאַקע גיין עסן צוזאַמען, אָבער נישט אין קיין רעסטאָראַן. צו מיר אַהיים וועלן מיר צופאָרן.

פיליפּ איז געווען איבערראַשט פון מיכאַלס פאָרשלאָג. ער האָט זיך, ווייזט אויס, דערפילט נישט באַקוועם, ווייל ער האָט ענערגיש אָנגעהויבן זיך אַרויסצודרייען פון דער איינלאַדונג: היינט קען ער נישט, ער איז נישט צוגעגרייט צו קיין באַזוך, אַן אַנדער מאָל וועט ער זיכער קומען. מיכאַל האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזט און כמעט מיט געוואַלט האָט ער פיליפּן מיטגענומען מיט זיך.

ווען פיליפּ איז אַריבער די שוועל פון מיכאַלס דירה, איז פון אים מיט אַ מאָל אָפּגעטרעטן די שעמעוודיקייט. מיכאַלס פרוי און טאָכטער האָבן אים ביי דער טיר באַגריסט מיט אַ שמייכל און ער האָט זיך אָנגערופן:

— ווען איך וואָלט געוווּסט, אין וואָס פאַראַ וואַרעמער שטוב איך גיי, וואָלט איך זיך נישט געלאָזט צוויי מאָל בעטן.

— אַ סימן — האָט די פרוי געענטפערט — אַז איר וועט ביי אונדז זיין אַן אָפטער גאַסט.

ביים טיש איז אַוועק אַ געמיטלעכער שמועס וועגן פאַרשידענע זאַכן. ווי בדרך אַגב האָט מיכאַל באַמערקט, אַז פאַר אַ מענטש אָן אַ משפּחה איז דאָס לעבן אין אַזאַ שטאָט ווי ניו־יאָרק זייער נישט באַקוועם. דהיינו, ווייטע מרחקים טיילן פונאַנדער פריינד און באַקאַנטע, און מען קען מיט זיי זיך טרעפן נאָר ביי זעלטענע געלעגנהייטן. בכן, אַז איינער האָט נישט קיין משפּחה, איז ער פאַרמשפּט דאָס רוב פון זיין צייט צו פאַרברענגען אין איינזאַמקייט.

פיליפּ האָט אונטערגעכאַפּט די דאָזיקע באַמערקונג און צוגעגעבן מיט אַ פּיל באַדייטנדיקן שמייכל:

— איך קען וועגן דעם עפּעס זאָגן. איר זענט טאַקע גערעכט, מיכאַל.

— נו — איז איצט מיכאַל אַרויס מיט אַ טענה — טאָ פאַר וואָס שאַפסטו זיך נישט קיין משפּחה מיט אַן אייגענער היים?

דאָ איז געשען עפּעס, וואָס האָט מיכאַלן אין גאַנצן צעטומלט. ביי פיליפּן האָט פּלוצעם זיך געביטן דאָס פּנים. ס׳האָט אויף אים אַ שלאָג געטאָן אַ נישט נאָרמאַלע רויטקייט און ס׳האָט ווידער זיך באַוויזן דער באַקאַנטער קראַמף. שטאַמלענדיק האָט ער געענטפערט:

— די זאַך איז נישט אַזוי איינפאַך.

מיכאַל האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט דאָ באַרירט אַן אָנגעווייטיקטן ענין. ער האָט זיך איבערגעקוקט מיט זיין פרוי און ער האָט דערזען אַ פאָרוווּרף אין איר בליק. כאָטש ער האָט ביי זיך געפילט, אַז ער איז נישט אויסן געווען קיין שום שלעכטס, האָט ער פון דעסטוועגן געוואָלט זיך צוריקציִען פונעם אומאָנגענעמען געשפּרעך. אָבער איידער ער האָט נאָך באַוויזן אַרויסצורעדן אַ וואָרט, האָט פיליפּ, ווייזט אויס, צוריקגעוווּנען זיין גלייכגעוויכט. ער איז געוואָרן באַרעדעוודיק, פּונקט ווי ער וואָלט זיין צעטומלטקייט געוואָלט פאַרדעקן מיט אַ ים פון ווערטער. ער האָט גענומען דערציילן וועגן זיך.

ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ שלעכטער שעה. אין זיין ביזאיצטיקן לעבן האָט ער נישט געהאַט קיין מזל צו האָבן אַ היים, האָט ער זיך באַקלאָגט. זיינע עלטערן האָט ער פאַרלוירן, ווען ער איז אַלט געווען צען יאָר. זיי זענען אין וואַרשעווער געטאָ געשטאָרבן פון הונגער. אין משך פון כמעט אַלע זיינע קינדעריאָרן איז די גאַס געווען זיין היים. לכתּחילה די פאַרעיפּושטע גאַס פון געטאָ, שפּעטער די גאַס אויף דער אַרישער זייט. זי איז אויסערלעך געווען ריינער פון דער געטאָ־גאַס, אָבער אונטער איר אויסגעפּוצטקייט, האָבן אויף אַזאַ נפש ווי פיליפּ געלויערט טויזנטער סכּנות.

און נאָך דער מפּלה פון די דייטשן? ס'איז דאָך געווען מיכאַל אַליין, וואָס האָט פיליפּן איינגעאָרדנט אין דער קינדערהיים אין אָטוואָצק. לאַנג איז דאָרט פיליפּ נישט געווען. אין אַ געוויסן טאָג האָט זיך באַוויזן דער פעטער לייבקע און מיט אים איז פיליפּ אַוועק קיין עסטרייך. דאָרט, אין עסטרייך, האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס מזל האָט זיך צו אים אומגעקערט. אַמעריקאַנער יִידן פלעגן באַזוכן די פּליטים־לאַגערן און אַ מאָל איז אַהין געקומען אַן עלטערער ייִד מיט זיין פרוי. ווי נאָר זיי האָבן דערזען פיליפּן, האָבן זיי דערקלערט, אַז זיי נעמען אים מיט זיך קיין אַמעריקע.

ער איז געוואָרן זייער אַדאָפּטירטער זון. זיי האָבן געהאַט זייערע אייגענע קינדער, אָבער שוין דערוואַקסענע און אויסגעגעבענע. פאַר פיליפּן האָבן זיי געטאָן אַלץ דאָס, וואָס גוטע און געטרייע עלטערן טוען פאַר זייער קינד. זיי האָבן אים געגעבן אַ וואַרעמע היים און אַלע מעגלעכקייטן צו שטודירן אין קאַלעדזש. נאָר וואָס דען? גלייך ווי ער האָט געענדיקט דאָס לערנען

זיינען זיי אַוועקגעשטאָרבן. ביידע אין איין יאָר. קודם ער אויף אַ האַרץ־אַטאַקע און שפּעטער די פרוי. מען האָט געזאָגט, אַז זי איז געשטאָרבן פון בענקשאַפט נאָכן מאַן. און ער, פיליפּ? ער איז ווידער געבליבן אַליין.

— מילא — האָט אים מיכאל איבערגעריסן דעם שטראָם פון ווערטער — ביסט געבליבן אַליין, אָבער נישט, חלילה, אין קיין שלעכטע באַדינגונגען.

— ניין. זיי זיינען געווען גאַנץ פאַרמעגלעכע מענטשן און איך בין זייער איינציקער יורש, ווייל די איבעריקע קינדער האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דער ירושה לטובת מיר. זיי, די קינדער, זיינען צו מיר שטענדיק געווען זייער גוט, אינטערעסירן זיך מיט מיר און וואָלטן געוואָלט טאָן דאָס בעסטע. אָבער דאָס ענדערט נישט די לאַגע: איך בין איינזאַם. איך בין געבליבן וווינען אין דער דירה פון מיינע אַדאָפּטירטע עלטערן. די ברידער זיינען דערפון שטאַרק צופרידן. צוויי מאָל אין יאָר, אין די יאָרצייט־טעג פונעם טאַטן און פון דער מאַמען, קומען זיי זיך אַלע צונויף ביי מיר אין שטוב. זיי זיצן ארום דעם טיש ווי אין די אַמאָליקע צייטן, ווען די עלטערן האָבן געלעבט, און דערציילן פאַרשידענע פּאַסירונגען פון אַ מאָל, פּאַסירונגען, וואָס האָבן אַ שייכות צו די עלטערן. דער אמת איז טאַקע, אַז ביידע זיינען זיי געווען זעלטן איידעלע מענטשן, וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן געווידמעט פאַר אַנדערע. פאַר די ברידער איז איצט מיין דירה אַ מין המשך פון זייער אַמאָליקער היים. אַ סך מאָל טראַכט איך, אַז אויב איך וואָלט באַשלאָסן פון דאָרט זיך אַרויסצוציִען, וואָלטן זיי די דאָזיקע דירה נישט אויפגעגעבן. זיי וואָלטן געצאָלט דירה־געלט, כדי דאָרט צו קענען פאַרברענגען די צוויי אָוונטן אין יאָר.

— און איך? — האָט זיך פיליפּ פאַרטראַכט — פאַר מיר איז דער אָנדענק פון די עלטערן אויך זייער טייער. אָבער וואָס קומט מיר אַרויס פון די צוויי אָוונטן אין יאָר, אַז אַלע אַנדערע אָוונטן פאַרברענג איך אין איינזאַמקייט?

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. זיין פּנים האָט געהאַט אַן ערנסטן אויסדרוק און מיכאַל האָט אים גלייך געקוקט אין די אויגן אַריין. אים איז אויף דער צונג געלעגן די זעלבע פראַגע, וואָס פריִער: אויב ער ליידט אַזוי שטאַרק פון דער איינזאַמקייט, פאַר וואָס נעמט ער זיך נישט קיין שותּפטע צום לעבן? ער האָט זיך אָבער אַ ביס געטאָן אין דער צונג און אָנשטאָט דעם האָט ער געזאָגט:

— ס׳איז נישט די דירה, וואָס יאָגט אַן איינזאַמקייט אין לעבן; די דירה איז גאָרנישט שולדיק. אויב ס׳וואָלט אין איר געהויזט אַ משפּחה־לעבן, וואָלט זי געווען פריילעך און לעבעדיק, ווי אַלע דירות.

פיליפּ האָט געקוקט מיט אַ פאַרשטאַרטן בליק.

— מיכאַל — האָט ער זיך געבעטן — גלייבט מיר. ס׳איז נישט אַזוי פּשוט, ווי ס׳דאַכט זיך אייך.

*

במשך פון אַ לענגערער צייט האָט מיכאַל זיך נישט געקענט אָפּטרייסלען פונעם איינדרוק, וואָס אויף אים האָט געמאַכט פיליפּס אומקלאָרער ענטפער, אַז די זאַך איז נישט פּשוט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז פיליפּן דריקט עפּעס אויפן האַרצן, אַז ס׳איז אַ זאַך, וועגן וועלכער ער וויל נישט אָדער קען נישט רעדן. בחוש האָט ער אַרויסגעפילט, אַז ס׳מוז זיין אַ גייסטיקער פּראָבלעם, וואָס קען מיט דער צייט ווערן אַ געפאַר פאַר פיליפּס געזונט. אין געדאַנק האָט מיכאַל זיך באַמיט פונאַנדערצוּוויקלען די פעדעם, וואָס קענען אים דערפירן צו פיליפּס סוד. ער האָט אויף זיך געפילט אַן אַחריות פאַר פיליפּס צוקונפט. ער איז דאָך דער, וואָס האָט פיליפּן געראַטעוועט דאָס לעבן.

מיכאַל האָט זיך דערמאָנט אין יענער נאַכט אויף די גראַכאָווער פעלדער, הינטער וואַרשע, מיט פופצן יאָר צוריק. דאָרט האָט ער פיליפּן געפונען. דאָס פערצן־יאָריקע יינגל, אַן אויסגעצערטער און איינגעקורטשעטער האָט דעמאָלט אויסגעזען אויף נישט מער ווי צען יאָר. איבער דעם בלייכן פּנימל האָבן זיינע אויגן געגלאַנצט מיט אַ בהלהדיקן פיבער. אין ערשטן מאָמענט האָט מיכאַל גערעכנט, אַז דאָס קינד האָט הויכע היץ. ער האָט אָנגעטאַפּט זיין שטערן, איז ער געווען קיל. ער האָט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן און האָט אין זיי געזען שרעק. געווען איז עס אַזאַ שרעק, וואָס גרענעצט מיט שגעון: מיכאַל האָט דעם דאָזיקן שרעק־אויסדרוק פון אויגן גוט געקענט. נישט אומזיסט איז ער גאַנצע פיר יאָר געווען אַ פראָנט־אָפיציר אין דער ערשטער פייער־ליניע פון דער מלחמה.

— קען דען נישט זיין — האָט מיכאַל זיך געפרעגט — אַז אַזאַ מין איבערגעלעבטער פּחד זאָל נישט איבערלאָזן קיין שפּורן אויפן גאַנצן לעבן?

נאָר באַלד האָט ער זיך באַרעכנט, אַז עס איז נישט אַזוי, יעדן פאַלס

איז עס נישט אַזוי אין פּיליפּס פֿאַל. וואָרעם אויב אַזאַ דערשיטערונג, ווי דער פּחד פון יענער גראַכאָוועַר נאַכט, וואָלט צערודערט פּיליפּס גייסטיקן צושטאַנד, וואָלט די רעאַקציע געווען אַ פּיל שטאַרקערע ווי זי איז. ס׳איז אַפּילו אַ פֿראַגע, צי אין אַזאַ פֿאַל וואָלט פּיליפּ בכלל געקענט צו זיך קומען.

מיכאַל דערמאָנט זיך אָבער, אַז ווען ער האָט פּיליפּן געבערענגט צו זיך אין בונקער, וואָס האָט זיך געפֿונען אין אַ טיפֿן קעלער פֿון אַ סאָליד גע־מויערטן בנין, האָט צו ביסלעך גענומען אָפּטרעטן די גלאַנציקע פֿאַר־שטאַרטקייט פֿונעם יינגלס אויגן. פּיליפּ האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך.

וואָס האָט אָבער מיכאַל געקענט טאָן מיט פּיליפּן אין דעם בונקער, וואָס האָט אויך אין איין צייט געדינט ווי דער שטאָב פֿון דער באַטעריע פֿון שווערן מאַשינגעווער, פֿון וועלכער מיכאַל איז געווען דער קאָמענדאַנט? ווי אַזוי האָט ער, ביי יענע שווערע מלחמה־באַדינגונגען, געקענט זיך אָפּגעבן מיט אַ געפֿונען קינד? ער האָט אַרויסגעשיקט דעם סערזשאַנט פֿעלדמאַן צו זוכן אַ פֿאַרבינדונג מיט אַ יידישן קאָמיטעט. יענער האָט געפֿונען אַ גרופּע געראַטעוועטע יידן אין פּראַגע און פּיליפּן האָט מען איינגעאָרדנט אין דער נאָר וואָס געשאַפֿענער קינדערהיים אין אָטוואָצק.

זינט דעמאָלט האָט מיכאַל פּיליפּן מער נישט געזען. ווען ער איז נאָכן סוף פֿון דער מלחמה צוריקגעקומען קיין אָטוואָצק און זיך נאָכגעפֿרעגט אויף פּיליפּן, האָט מען אים דערציילט, אַז עס איז געקומען זיינער אַ פֿעטער, אַ געלהאָריקער, און האָט אים מיטגענומען מיט זיך. מיכאַל האָט גלייך געוווּסט, אַז דער געלהאָריקער פֿעטער איז לייבקע. בעת יענער נאַכט אין בונקער האָט ער דעם יינגל אויסגעפֿרעגט וועגן זיין אָפּשטאַם און דעמאָלט האָט ער זיך דערוווּסט אַז לייבקע איז זיין פֿעטער. אויפֿן אָרט האָט ער באַשלאָסן, אַז ער וועט נישט רוען, ביז ער וועט נישט געפֿינען לייבקען מיטן פֿלימעניק. ביים דירעקטאָר פֿון דער קינדערהיים האָט ער געפֿרעגט, צי ער ווייסט נישט, וווהין די ביידע זיינען געפֿאָרן. יענער האָט געצויגן מיט די אַקסלען: ער ווייסט נישט. האָט מיכאַל גענומען זיך אויספֿרעגן אויף פּיליפּן גופֿא: ווי אַזוי ער האָט זיך אויפֿגעפֿירט, געלערנט. דער דירעקטאָר האָט זיך ברייט צעשמייכלט:

— פּישל? ער איז אַ שטיק גאָלד. מיר האָבן אים אַלע ליב באַקומען און מיר בענקען נאָך אים שטאַרק.

און נאָך די אַלע גליקן, ווי אַזוי קומט עס, אַז איצט לעבט ער, פּיליפּ, אין אַ מעמד פון מרה שחורה? מיכאַלן האָט נישט אָפּגעלאָזט דער געדאַנק, אַז אין יענער גראָכאָוער נאַכט מוז שטעקן דער שליסל צום סוד. מיט אַלע כּוחות האָט ער אָנגעהויבן צוריקצורופן אינעם זכרון די געשעענישן לויט דער רייע ווי זיי זיינען פאָרגעקומען. האַלב אָדער כּמעט אין גאַנצן פאַר־געסענע זכרונות האָבן גענומען אויפטויכן אין זיין מוח. ער האָט פּלוצעם זיך דערמאָנט, אַז נאָך איין פּערזאָן האָט געהאַט אַ שייכות צו פּיליפּן.

— די פאַני — האָט ער צו זיך גערעדט — די פאַני... אַהאַ, די פאַני יאַנינאַ, דאַכט זיך מיר. נאָר באַלד, לאָמיר גיין לויט אַ סדר.

*

און דער סדר פון יענער נאַכט איז געווען אַזעלכער: קוים איז די נאַכט צוגעפאַלן, איז מיכאַל, אין דער באַגלייטונג פונעם סערזשאַנט פעלדמאַן, אַרויס פונעם שטאַב־בונקער. געוויינטלעך פלעגן די דייטשן אָפּשטעלן די שיסעריי ביים אָנהייב פון דער נאַכט. אַזוי האָבן זיי זיך נוהג געווען במשך פון דער גאַנצער צייט, דאָס הייסט, זינט די רוסן האָבן זיי פאַרטריבן פונעם רעכטן ברעג פון דער ווייסל און זיי, די דייטשן, האָבן זיך באַפעסטיקט אויף נייע פּאָזיציעס אויפן לינקן ברעג פונעם טייך, אין דער שטאָט גופא. פון די דאָזיקע נייע פּאָזיציעס פלעגן זיי אַ גאַנצן טאָג אָן אויפהער האָגלען פון שווערע האַרמאַטן, דערנאָך איינשטילן זיך אויף אַ שעה אָדער צוויי נאָך זונפאַרגאַנג און שפּעטער ווידער שיסן במשך פון דער גאַנצער נאַכט. די דאָזיקע שעה אָדער צוויי פון רעלאַטיוון שטילשטאַנד פלעגט מיכאַל יעדע נאַכט אויסנוצן פאַר דער אינספּעקציע פון זיינע נעסטן פון מאַשין־געווער, וואָס זיינען אין טיף־איינגעגראָבענע זעמלאַנקעס געווען פונאַנדערגעוואָרפן איבער די גראָכאָווער פעלדער. אויך דאָס עסן און זאַפּאַסן פון אַמוניציע זיינען דעמאָלט צוגעפירט געוואָרן צו די נעסטן.

איז מיכאַל אַרויס פונעם בונקער און געלאָזט זיך גיין, טראַכטנדיק, אַז די שיסעריי וועט באַלד זיך אָפּשטעלן. זי האָט אָבער זיך נישט אָפּגעשטעלט. מיכאַל האָט זיין אויפגאַבע געמוזט דורכפירן, איז ער מיט זיין באַגלייטער ווייטער געגאַנגען, כאָטש דאָס האַרמאַטן־פייער איז געווען גאַנץ שטאַרק. זיי האָבן דעם וועג דורכגעשניטן דורך די פעלדער און זיינען צוגעקומען

גאַנץ נאָענט צום ברעג פון דער ווייסל. די פעלדער זיינען דאָרט באַזעצט געווען מיט קוסטעס פון פאַרשידענעם גרינוואַרג: טאָמאַטן, קרויט, פאַ־סאָליעס. צוליב די מלחמה־אָפּעראַציעס זיינען יענעם האַרבסט די פּרוכטן דורך קיינעם נישט אויפגעקליבן געוואָרן און די קוסטעס אַליין זיינען אין דער דאָזיקער שפּעט־אָקטאָבערדיקער צייט געלעגן פאַרטריקנטע מיט אַראָפּ־געלאָזטע צווייגלעך.

ערשט ווען זיי זיינען צוגעקומען צום טייכברעג האָט די שיסעריי זיך איינגעשטילט, אָבער נישט אין גאַנצן, נאָר אויף אַזוי פיל, אַז זיי האָבן געקענט ווייטער גיין און שמועסן. הייינט געדענקט ער שוין נישט וועגן וואָס דער שמועס איז געווען. ער געדענקט אָבער, אַז זיי האָבן גערעדט יידיש. פּלוצעם האָט זיך דערהערט אַ שאָרך פון הינטער אַ קוסט. עמעצער האָט זיך דאָרט אַוודאי באַהאַלטן. זיי האָבן אויפגעשטעלט די אויטאָמאַטן אין דער ריכטונג פונעם שאָרך און געוואַרט אין שפּאַנונג:

— ווער איז דאָרט? גיי אַרויס!

אַ קליינע געשטאַלט האָט זיך געשלייכט אויף דער ערד. פעלדמאַן איז צוגעשפּרונגען, האָט צוגעשטעלט די רער פונעם געווער צו דער געשטאַלט און געפרעגט:

— ווער ביסטו?

אַ קינדישע שטימע האָט געענטפערט מיט געוויין:

— איך האָב אייך געהערט רעדן. איך בין אויך אַ ייד.

— אַ ייד? ווי קומסטו אַהער? שטעל זיך אויף — דעמאָלט האָט מיכאַל דערזען די קליינינקע און נעבעכדיקע געשטאַלט פון פיליפּן.

אויפלעבנדיק אין זכרון דעם ווייטערדיקן גאַנג פון די געשעענישן, געדענקט איצט מיכאַל, אַז ער האָט דעם ייִנגל געפרעגט, ווו ער וווינט. יענער האָט מיט דער האַנט געוויזן אין אַ ריכטונג, ווו ס׳האָבן אין דער פינצטערניש זיך אויסגעטיילט צוויי שאָטנס פון נידעריקע צווילינג־הייזער.

— אָט דאָרט.

מיכאַל האָט אַ קוק געטאָן אויף די צוויי הייזער־שאָטנס און אים איז די גאַנצע מעשה אויסגעקומען עפּעס חידושדיק. ער האָט מיט פאַרוווּנדערונג איבערגעפרעגט:

— דאָרט, אין די צווילינג־הייזער?

— יאָ, אין איינעם פון זיי.

— וואָס רעדסטו? דאָרט קען מען נישט וווינען. ס׳איז דאָך ממש אונטער די דייטשע האַרמאַטן־לופעס. בלויז איין שאָס — און פון די ביידע הייזער וועט בלייבן שטויב.

נאָך היינט, ווען מיכאַל דערמאָנט זיך די דאָזיקע ווערטער זיינע, גייט ביי אים אַ שוידער אַדורך דעם רוקנביין. מען דאַרף אַפילו נישט זיין אַבער־גלויבעריש, כדי צו טראַכטן, אַז שלעכטע נבואות קענען אַרויסרופן טראַגישע פּאַסירונגען. מיכאַל האָט ביי זיך געהאַט אָפּגעמאַכט, אַז זיינע ווערטער זיינען שולדיק געווען אין דעם, וואָס איז געקומען באַלד נאָך זיי.

נאָר איצט האָט מיכאַל מיט כוח זיך געוועהרט, כדי זיך נישט אַריינלאָזן אין אָט די טראַכטענישן, וואָס, אַגב, פאַרסמען זיי זיין מנוחה אין משך פון די אַלע יאָרן זינט יענער נאַכט. ער האָט זיך דאָך אונטערגענומען צו אַנט־פּלעקן עפּעס אַ סוד, וואָס איז די סיבה פון פיליפּס מרה שחורה. ער איז ווייטער נאָכגעגאַנגען זיינע זכרונות.

האָט ער זיך דערמאָנט, ווי פיליפּ האָט זיך פאַרענטפערט. ער ווייסט, האָט ער געזאָגט, אַז ס׳איז אַ סכנה דאָרט צו וווינען. ער קען זיך אָבער נישט העלפן, ווייל זי וויל פון דאָרט נישט אַוועקגיין. ער בעט זי כסדר מען זאָל אַנטלויפן, ענטפערט זי, אַז ווי באַלד זי וועט פאַרלאָזן איר הויז, וועלן די רוסישע און די פּוילישע סאָלדאַטן צעטראָגן דאָס גאַנצע באַלעבאַטישקייט אירס, פונקט אַזוי ווי זיי האָבן עס געטאָן אין אַלע שכנותדיקע הייזער, פון וועלכע ס׳זיינען אַנטלאָפן די איינוווינערס.

בעת פיליפּ האָט גערעדט, האָבן די דייטשע האַרמאַטן ווידער גענומען זיך אָפּרופן. לכתחילה זיינען עס געווען איינצלנע שאָסן און מיכאַל האָט גערעכנט, אַז זיי וועלן זיך ווידער איינשטילן. זיי האָבן זיך אָבער נישט אָפּגעשטעלט. פאַרקערט, גענומען זיך פאַרשטאַרקן. אין עטלעכע רגעס אַרום האָבן ליכטקוילן גענומען זיך טראָגן איבער די קעפּ. זיי האָבן אויפגעריסן מיט אַ בייזן רעווען ביי דער ערשטער באַרירונג מיט דער ערד, פאַרוואַנדלט זיך אין ריזיקע פייער־קנוילן, וואָס האָבן אַנגעיאָגט אין חלל כוואַליעס רויך און שטויב.

דאָס פאַלן פון די שראַפּנעלן איז פון מינוט צו מינוט געוואָרן אַלץ אָפּטער און דער מרחק אַלץ נענטער. מיכאַל האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— אויף דער ערד! — כאַטש ער האָט געוווסט, אַז ביי אַזעלכע משחיתים איז דאָס ליגן אויף דער ערד אין דרויסן אַ גאַנץ קליינע באַשיצונג.

זיי האָבן זיך אויסגעלייגט אונטער אַ קוסט און דעמאָלט האָט מיכאַל געפרעגט פיליפּן:

— וועמען וויל נישט אַוועקגיין? וועגן וועמען רעדסטו?

— אָ, איך האָב אייך נישט געזאָגט — האָט פיליפּס שטימע געציטערט פון שרעק — די פּאַני יאַנינאַ, וואָס האַלט מיך ביי זיך.

דערווייל האָט די שיסעריי געהאַלטן זיך אין איין פאַרשטאַרקן. דער רעש פון די אויפרייסן און דאָס רעווען פון די קאַנאַנען פון דער צווייטער זייט טייך זיינען געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז מען האָט שוין נישט געקענט רעדן. שראַפּנעלן זיינען איצט געפאַלן אומעטום. מיכאַלן האָט זיך געדוכט, אַז דאָס פאַלן פון די שראַפּנעלן צייכנט אָן אַ קרייז אַרום דעם אָרט, ווו זיי ליגן. דער קרייז איז וואָס אַמאָל געוואָרן ענגער און די אויפרייסן — נעענטער. די סכּנה איז איצט געווען זייער גרויס. ס'האָט ממש אויסגעזען, ווי די דייטשן וואָלטן זיי גענומען אויפן ציל.

פּלוצעם האָט געטאָן אַ בליץ, באַלד דערנאָך איז אויף אַ ווײַלע געוואָרן שטאָק פינצטער און נאָך דעם האָט אַ פלאַקער געטאָן אַ פייער הויך צום הימל אַרויף. ס'איז ליכטיק געוואָרן ווי ביי טאָג. פיליפּ האָט זיך אַ ריס געטאָן אויף די פיס.

— דאָס הויז ברענט — האָט ער געשריגן און גענומען לויפן צום הויז.

מיכאַל און דער סערזשאַנט זיינען אים נאָכגעלאָפן איינגעבויגענע.

— בלייב שטיין, דו וועסט אומקומען!

זיי זיינען אַלע דריי צוגעלאָפן צו די צווילינג־הייזער. מען האָט שוין אָבער נישט געזען קיין צורה פון אַ הויז, נאָר אַ ריזיקן זייל פון פלאַמען, וואָס האָבן מיט זייערע פלאַטערנדיקע אָרעמס אַרומגענומען דעם גאַנצן שטח. אין מיטן פון דאָזיקן גיהנום האָט זיך געריסן פיליפּס שטימע:

— פּאַני יאַנינאַ! פּאַני יאַנינאַ!

מיט איין בליק האָט מיכאַל אָפּגעשאַצט די סיטואַציע. ער האָט פיליפּן אונטערגעשטעלט אַ פוס און יענער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ווייכער זאַמדערד. מיכאַל און זיין באַגלייטער זיינען אויך געפאַלן. איבערשרייענדיק דעם רעש האָט מיכאַל גערעדט צו פיליפּן:

— פון די ביידע הייזער איז געוואָרן אַש. ווער ס׳איז דאָרט געווען, לעבט שוין נישט.

און צו פעלדמאַנען האָט ער געזאָגט:

— מיר מוזן זיך צוריקציִען צו דער נאָענטסטער זעמלאַנקע. גייט מיר נאָך! — האָט ער געקאָמאַנדעוועט.

אין מיטן פונעם האָגלדיקן פייער האָבן פּאָרטשניק גורני און סערזשאַנט פעלדמאַן אָפּגעצויגן האַלב גייענדיק און האַלב קריכענדיק אויף אַלע פיר. דאָס יִנגל פעלוש, אָדער ווי זיין אמתדיקער נאָמען איז געווען: פישל גאָלאָמב, איז זיי נאָכגעגאַנגען אַן אַפּאַטישער, מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, פּונקט ווי די גאַנצע שיסעריי וואָלט צו אים נישט געהאַט קיין שום שייכות.

✶

בעת מיכאַל האָט איצט געטראַכט וועגן יענע פאַרגאַנגענע געשעענישן, האָט זיך ביי אים פאַרפעסטיקט דער געדאַנק, אַז מיטן נאָמען פאַני יאַנינאַ איז פאַרבונדן עפּעס אַ סוד, וואָס האָט אַ שייכות צו פיליפּס איצטיקן צו־שטאַנד. איצט פלעגט ער זיך זייער אָפט טרעפן מיט פיליפּן, וועלכער האָט יעדן אָוונט, וואָס ער איז פריי געווען פון דער אַרבעט, פאַרבראַכט ביי מיכאַלן אין שטוב. מיכאַל האָט געפילט, אַז דער יונגער מענטש קלאַמערט זיך אינ־סטינקטיוו אָן אים און אָן זיין היים, ווו ער האָפט צו געפונען שוץ קעגן דעם בייזן געשפּענסט, וואָס האַלט זיך אין פאַרמירן אין זיין נשמה.

לעצטענס האָט מיכאַל באַמערקט, אַז פיליפּס צושטאַנד פאַרערגערט זיך. ער וואָלט אויף זיך אַליין אפשר נישט געשטעלט, אָבער ער האָט אונטער־געכאַפּט עפּעס מאָדנע בליקן פון אַנדערע אַרבעטער אין דער פאַבריק. אויך האָט ער אונטערגעהערט אָפּגעריסענע שמועסן. ס׳איז נישט געווען קיין ספק, אַז אויך אַנדערע אַרבעטער האָבן באַמערקט, אַז מיטן אינזשעניר איז עפּעס נישט אין אָרדענונג.

אַן אומרויִקייט איז באַפאַלן מיכאַלן. ער האָט געוווּסט, אַז מען דאַרף עפּעס טאָן, ער איז אָבער געווען הילפלאָז ווי אַ קינד, וואָס ווייסט נישט ווי אַזוי און ווען אָנצוהייבן. אונטער עפּעס אַן אויסרייד האָט ער ביי פיליפּן גענומען לייבקעס אַדרעס און גלייך צו אים אָנגעשריבן אַן אויספירלעכן בריוו. אָן שום אַריינפירן האָט ער לייבקען דערציילט וועגן דעם צושטאַנד

פון זיין פלימעניק און האָט ביי אים געפרעגט אַן עצה, וואָס צו טאָן. לייבקע האָט מיכאַלן נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן אויף ענטפער. ער האָט געשריבן אַן ערך אַזוי:

דאָס, וואָס פישל האָט נישט חתונה און וועט אפשר בלייבן אַ בחור אויפן גאַנצן לעבן, איז נישט קיין גרויס אומגליק, דאַקעגן די מרה שחורה, וואָס איז פישלען באַפאַלן, איז שטאַרק באַאומרויִקנדיק. ער האַלט, לייבקע, אַז מען דאַרף תּיכּף זיך באַראָטן מיט אַ דאָקטער. אַגב, ווייסט ער, אַז קיין פּסיכיאַטרען פעלן נישט אויס אין אַמעריקע און מען הערט, אַז זיי טוען אויף גאָר גרויסע זאַכן. אָבער איידער ווען און וואָס וואָלט אפשר גלייך געווען צו פאַרשטענדיקן זיך מיט אַדעק פרישמאַנען, וואָס איז איצט אַ דאָקטער אין ניו־יאָרק און ס׳קען זיין, אַז ער וועט בכּוח זיין צו געבן עפּעס אַן עצה.

איבערגעלייענט לייבקעס בריוו, איז ערשט מיכאַלן קלאָר געוואָרן אין קאָפּ. פרישמאַן איז דאָך זייערס אַ נאָענטער ידיד נאָך פון וואַרשע. מיכאַל האָט זיך שוין געהאַט געטראָפן מיט אים עטלעכע מאָל אין ניו־יאָרק. ער ווייסט, אַז אַדעק פרישמאַן, וואָס האָט פאַר דער מלחמה פּראַקטיצירט אין וואַרשע ווי אַ פּרויען־דאָקטער, האָט דאָ, אין ניו־יאָרק, זיך אַריבערגעוואָרפן אויף פּסיכיאַטריע און האָט זיך דערוואָרבן אַ גאַנץ שיינע פּראַקטיק אויף פּאַרק־עוועניו.

האָט מיכאַל נישט געוואַרט קיין איבעריקע מינוט. ער האָט באַלד אָפּגעע־רופן דאָקטער פרישמאַנס אָפיס. ער האָט אַדעקן דערציילט, אַז ס׳האַנדלט זיך וועגן לייבקעס פּלימעניק און אים געשילדערט פיליפּס צושטאַנד.

פרישמאַן האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיטן ענין און תּיכּף, דורכן טעלעפאָן, גענומען אויפקלערן דעם תּמצית פון פיליפּס קראַנקייט און די סכּנה, וואָס לויערט אויף אים, אויב זיין צושטאַנד וועט פאַרנאַכלעסיקט ווערן.

מיכאַל האָט איבערגעריסן דעם שטראָם פון פרישמאַנס רייד און גע־פרעגט:

— אָבער זאָג מיר, אַדעק, וואָס זאָל איך טאָן?

— ברענג אים צו מיר אין אָפיס.

— ווי אַזוי קען איך אים ברענגען, אַז איך האָב נאָך מיט אים וועגן דעם

גאַנצן ענין נישט גערעדט? איך ווייס אַפּילו נישט, ווי אַזוי אָנצוהייבן. איך האָב מורא, אַז ווי נאָר איך וועל אָנהייבן דעם שמועס מיט אים, וועל איך אים פון זיך פאַריאָגן, און דעמאָלט וועט אַלץ צו נישט ווערן.

— האָב נישט קיין מורא. דו וועסט אים נישט פאַריאָגן. איבעריקנס, קענסטו אים זאָגן, אַז זיין פעטער לייבקעס פריינד וויל זיך מיט אים זען און אונטער דעם תּירוץ וועסטו אים ברענגען צו מיר.

מיכאַל האָט טאַקע אַזוי געזאָגט און מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער פיליפן געבראַכט אינעם אָפיס פון דאָקטער פרישמאַן.

✶

פון צווישן אַלע פּרעציזע מעכאַניזמען, וואָס זיינען אונדז באַקאַנט, איז די מענטשלעכע נשמה דער סאַמע צאַרטסטער און סענסיטיווסטער. עמאָציאָ־נעלע דערשיטערונגען קענען צעשטערן איר גלייכגעוויכט, ווייל אָפט לאָזן זיי איבער אַ זאָמען פון אינערלעכן קאָנפליקט, וואָס גראָבט זיך איין, ווי אַ וואָרעם, אין די פאַרבאָרגענע קעמערלעך פון דער נשמה. דער וואָרעם נאָגט די נשמה אַזוי לאַנג, ביז וואַנען זי ברענגט דעם מענטש צו אַ צושטאַנד פון אַ גייסטיקער קראַנקייט.

ווען דאָקטער פרישמאַן האָט זיך באַקענט מיט פיליפן, איז פאַר אים באַלד געוואָרן קלאָר, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ חולה, וואָס האָט איבער־געלעבט אַן עמאָציאָנעלע דערשיטערונג. די היילונג איז אַ פּשוטע: אַנטפּלעקן דעם נשמהדיקן קאָנפליקט. אָבער כּדי דאָס צו דערגרייכן, מוז מען פריִער אויפדעקן דעם מקור פונעם קאָנפליקט, דאָס מיינט די דערשיטערונג גופא.

פרישמאַן האָט זיך געשטיצט אויף די אינפאָרמאַציעס, וואָס ער האָט געהאַט פון מיכאַלן. אויך ער האָט צוגעשטימט, אַז דער פּחד פון יענער גראַ־כאָוועך נאַכט האָט געקענט זיין דער מקור פון פיליפּס צרות. ער האָט אָבער געפילט, אַז חוץ דעם פּחד מוז נאָך עפּעס זיין, און כּדי פיליפן אויסצוהיילן, מוז מען דערגיין דעם אמת ביזן סאַמע גרונט. דאָס צו דערגיין, האָט פרישמאַן זיך אונטערגענומען, כאָטש פון זיין דערפאַרונג האָט ער געוווּסט, אַז די אויפגאַבע וועט נישט זיין קיין לייכטע.

דאָס ערשטע, האָט ער געוווּסט, מוז ער געווינען פיליפּס צוטרוי און פריינדשאַפט. ער האָט זיך פאַרנומען אויפן דאָזיקן וועג און באַלד ביים ערשטן

צוזאַמענטרעף, האָט ער פּיליפּן גוטברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע און געזאָגט:

— דו ביסט, פּישל גאַלאָמב, לייבקעס שוועסטערן־זון. איך געדענק דיך, ווען דו ביסט געווען אַ גאָר קליין יינגעלע — האָט ער מיט דער האַנט געוויזן ווי גרויס פּיליפּ איז דעמאָלט געווען — און נאָך עפּעס וויל איך דיר זאָגן: איך האָב צוזאַמען מיט דיין פּעטער זיך אָנגעשיכורט אויף דיין וואַך־נאַכט. איך האָב גוט געקענט דיין מוטער, לייבקעס עלטערע שוועסטער. זי איז געווען אַ שיינע פרוי, אָבער פאַרליבט בין איך געווען אין דיין באָבען. איי, האָט מען זיך ביי איר געקענט אָנפרעסן! און וואָס פאַרא מאַכלים! דער טעם זייערער ליגט מיר נאָך איצט אין מויל.

האָט פּיליפּ אַראָפּגעלאָזט די אויגן ווי פאַרשעמט און זיך אָנגערופן:

— איך אַליין געדענק זיי ביידע קוים...

דער שמועס צווישן פּיליפּן און זיין דאָקטער האָט זיך איינגעשטעלט אויף אַ גאַנץ אינטערעסאַנטן אופן. פרישמאַן האָט געהאַלטן אין איין דער־ציילן און פּיליפּ האָט זיך צוגעהערט און בלויז פון צייט צו צייט האָט ער צוגעוואָרפן זיינס אַ באַמערקונג. וועגן וואָס האָט פרישמאַן גערעדט? וועגן אַלץ און אַלעמען. וועגן פּאָליטיק און וועטער, וועגן אַמאָליקן וואַרשע און דאָס רוב וועגן די מענטשן וואָס קומען צו אים זוכן היילונג אויף זייערע פאַרשידענע חולאתן. צו מאָל האָט עס געמאַכט דעם איינדרוק, אַז פרישמאַן וויל פּיליפּן אויף איין מאָל אויסלערנען אַלע סודות פון דער פּסיכיאַטרישער וויסנשאַפט.

פּיליפּן האָבן פרישמאַנס שמועסן טאַקע שטאַרק אינטערעסירט. ער פלעגט צו אים גיין מיט חשק און זיצנדיק אין פרישמאַנס קאַבינעט האָט ער זיך נישט געפילט ווי אַ פּאַציענט ביי אַ דאָקטער, נאָר ווי אַ מיטשמועסער אויף אַ חברישן צוזאַמענטרעף. אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען אין משך פון עטלעכע וויזיטן. אָבער איין מאָל, ווען פרישמאַן האָט פּיליפּן געשטעלט אַ בפירושדיקע פראַגע וועגן דער פּאַני יאַנינאַ, האָט פּיליפּ זיך אויפגעשטעלט און אָן אַ וואָרט זיך פאַרנומען צו דער טיר. דער דאָקטער האָט פלעגמאַטיש נאָכגעקוקט זיינע טריט און זיך אָנגערופן:

— פּיליפּ, דו דאַרפסט נישט אַנטלויפן. אויב דאָס איז דיין ווונטש, וועל איך דיר מער נישט שטעלן קיין פראַגע וועגן דער פּאַני יאַנינאַ.

האָט פיליפּ ווידער אַן אַ וואָרט זיך אומגעקערט צו זיין שטול און זיך אַוועקגעזעצט. דעמאָלט האָט פרישמאַן צוגעגעבן:

— אָבער זיכער בין איך, אַז אין אַ געוויסן טאָג וועסטו אַליין אָנהייבן רעדן וועגן דעם. פון דעם, וואָס איך האָב דיר שוין אָנדערצײלט וועגן פּסי־כיאַטרישע פּראָבלעמען, דאַרפסטו פאַרשטיין, אַז אויב דו ווילסט זיך פילן בעסער, מוזסטו דאָס טאָן.

פרישמאַן איז געווען גערעכט. נאָך עטלעכע וואָכן זיינען אַריבער, אָבער סוף כל סוף האָט פיליפּ אַליין אָנגעהויבן דערציילן וועגן דער פּאַני יאַנינאַ. דאָס ערשטע מאָל האָט ער עס געטאָן אין אַזאַ טאָן, ווי ער, פיליפּ, וואָלט איצט געשטאַנען פאַר אַ בית־דין און פאַרענטפערט די פּאַני יאַנינאַ. ער האָט געזאָגט אַזוי:

— איך קען אויף איר נישט טראָגן קיין בייז האַרץ. זי האָט מיך אַריינ־גענומען צו זיך אין אַזאַ צייט, ווען איך בין געבליבן אָן שום מעגלעכקייטן צו עקזיסטירן. אַ דאַנק איר בין איך געבליבן לעבן, כאָטש זי אַליין איז אומגעקומען. אויב דאָס נעמען אין אַכט, דאַרף איך איר אַפילו מוחל זיין דאָס, וואָס ס׳איז געשען אין יענער ניטל־נאַכט פון יאָר 1943.

פיליפּ האָט פּלוצעם אָפּגעהאַקט. ער האָט מסתּמא זיך געכאַפּט, אַז ער האָט שוין צו פיל געזאָגט. דאַקעגן פרישמאַן האָט פיליפּס רייד אויפגענומען מיט פרייד פון נצחון. פאַר אים איז איצט קיין ספק נישט געווען, אַז ער האָט געשטעלט אַ גרויסן טראָט פאָרויס. לעבן דער גראָבאַווער נאַכט פון שרעק, וואָס איז ביז איצט געווען דער הויפּטשליסל צו פיליפּס צושטאַנד האָט ער אין זכּרון פאַררעגיסטרירט דאָס סודותדיקע געשעעניש פון דער ניטל־נאַכט. אויב ס׳וועט געלונגען צו אַנטפּלעקן דעם דאָזיקן סוד, איז מעגלעך, אַז פיליפּ זאָל אויסגעהיילט ווערן.

דערווייל האָט אָבער פרישמאַן מורא געהאַט, אַז ס׳איז נאָך צו פרי צו פרעגן פיליפּן וועגן דעם דאָזיקן געשעעניש, האָט ער אונטערגעכאַפּט פיליפּס פריִערדיקן געדאַנקען־לויף און אַ פרעג געטאָן:

— האָט זי דען, די פּאַני יאַנינאַ, געוווסט, אַז דו ביסט אַ ייִד?

— חס וחלילה. זי האָט וועגן דעם נישט געטאָרט האָבן קיין שום אָנונג. אויב נישט, וואָלט זי מיך נישט געהאַלטן קיין איין שעה. דער הויז־וועכטער, ביי וועמען זי האָט מיך געהאַט געטראָפן, האָט איר פאַרזיכערט,

אַז איך בין נישט קיין ייִד. ערשט נאָך דעם האָט זי מיך מיטגענומען צו זיך.

— אויב אַזוי — האָט פרישמאַן געמאַכט אַ באַוואָרעניש — איז אין דעם, וואָס זי האָט פאַר דיר געטאָן, נישטאָ קיין שום גבורה.

— גבורה? די פאַני יאַנינאַ האָט נישט געמיינט קיין שום העלדישקייטן. זי האָט מיך געדאַרפט איך זאָל איר העלפן ביי דער אַרבעט.

פרישמאַן האָט מיט ביידע הענט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ:

— איך פאַרשטיי נישט קיין איין זאַך פון דעם, וואָס דו דערציילסט. אפשר וואָלסטו מיר קלאָרער געמאַכט דעם גאַנצן ענין?

פיליפּ האָט אָבער נישט געהאַט קיין חשק ווייטער צו דערציילן. ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז היינט איז ער שוין צו מיד, ער וויל אַהיימגיין. האָט אים פרישמאַן אָפּגעלאָזט און ביים אַוועקגיין אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זיך גוט מיישב זיין און ביים קומענדיקן צוזאַמענטרעף זאָל ער אים דערציילן אַלץ וועגן דער פאַני יאַנינאַ.

ביי די ווייטערדיקע וויזיטן האָט פיליפּ אַרויסגעוויזן אַלץ מער וויליקייט צו דערציילן. אין סך־הכל האָט דער פּסיכיאַטער פון אים אַרויסבאַקומען אַלע ידיעות. אויב זיי מסדר צו זיין און איבערגעבן אין אַ כראָנאָלאָגישער אָדער תּמציתדיקער אָרדענונג, גיבן זיי דאָס פאָלגנדיקע בילד פון די גע־שעענישן:

די פאַני יאַנינאַ איז געווען די פרוי פון אַ פאַרמלחמהדיקן פּוילישן פּאָליציאַנט. דאָס פּאָרפאָלק איז געווען קינדערלאָז און האָט געוווינט אינעם אייגענעם הויז אויף גראָכאָוו. דער מאַן אירער איז אַוועק אין דער מלחמה אין סעפּטעמבער 1939. ער האָט זיך געפונען ערגעץ ווו אויף די פּוילישע מזרח־דיקע געביטן און איז דורך די רוסן גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. זינט דעמאָלט האָט פון אים די פאַני יאַנינאַ נישט געהערט.

זי איז געבליבן איינע אַליין און האָט געמוזט זאָרגן פאַר איר חיונה. האָט זי זיך גענומען צום „שמוגל", וואָס האָט געמיינט דער אומלעגאַלער האַנדל אויפן שוואַרצן מאַרק. זי פלעגט יעדע צוויי וואָכן אַרויספאָרן אין ווייטע דערפער, דאָרט איינקויפן פאַרשידענע שפּייז־אַרטיקלען, דער עיקר חזיר־פעטס, פלייש און פּוטער, און ברענגען די סחורה קיין וואַרשע צום פאַרקויפן. אויב אַזאַ נסיעה איז אַדורך בשלום, דאָס הייסט, אַז די דייטשן

האָבן זי נישט געכאַפּט אויפן וועג, איז דער ריוח געווען אַ גאַר גרויסער און האָט געקלעקט אויף צו לעבן במשך פון אַ לענגערער צייט.

לויט פיליפּס שילדערונג איז די פּאַני יאַנינאַ געווען אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, אַ פעסט געבויטע און אַ שטאַרקע מיט אַ דיקלעכער שטימע פון אַ מאַנספּאַרשוין. זי האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. דער באַגער צו שיכּורן פלעגט זי אָפּט ברענגען אין קירילוקס שטוב אַריין. קירילוק איז געווען דער הויזוועכטער פון אַ שכנותדיקן גרעסערן הויז און אין יענער צייט האָט ער געהאַנדלט מיט „בימבער" (אַזאַ נאָמען האָבן די פּאָליאַקן געגעבן דעם סאַמאָגאָנעם שנאַפּס) און מיט דייטשע געשמוגלטע ציגאַרעטן.

פיליפּ אַליין איז נאָך זיין אַרויסגנבענען זיך פונעם ברענענדיקן געטאָ געווען היימלאָז אויף דער אַרישער זייט. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן צו אַ באַנדע היימלאָזע פּוילישע שקצים, וואָס האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ זייערדיקן. צוזאַמען מיט זיי איז ער במשך פונעם טאָג אַרומגעלאָפן איבערן „פּלאַץ טזשעך קזשיזשי" און פאַרקויפט דייטשע ציגאַרעטן. גענעכטיקט האָט ער אינעם אַזיל פון דער פּוילישער צדקה־אָרגאַניזאַציע. אָבער איין מאָל, אָנהייב ווינטער, האָט פיליפּ דערפילט, אַז דער באָדן ברענט אונטער זיינע פיס. עטלעכע שקצים האָבן אים גענומען אויפן אויג און זיי האָבן אַנטדעקט זיין אמתדיקן אָפּשטאַם. פיליפּ האָט זיך אַוועקגעריסן פון זיין באַנדע. אַ גאַנצן טאָג האָט ער אַליין אַרומגעוואָגלט איבער די גאַסן און פאַר נאַכט איז ער אַריבערגעגאַנגען צו קירילוקן, ביי וועמען ער פלעגט איינקויפן ציגאַרעטן. ער האָט מורא געהאַט זיך אומצוקערן אין אַזיל און ער האָט גערעכנט, אַז אויב ער וועט אַזוי שפּעט קומען צו קירילוקן, וועט אים שוין יענער נישט אַוועקלאָזן און הייסן אים ביי זיך איבערנעכטיקן. איז איין נאַכט דערוויילן אויך גוט.

קירילוקן האָט מען נישט געדאַרפט לייגן קיין פינגער אין מויל אַריין. ווען ער האָט פיליפּן דערזען אַריינקומען צו אים אין אַזאַ שפּעטער שעה, האָט ער גלייך פאַרשטאַנען, אַז מיטן יינגל איז עפּעס נישט ווי ס'דאַרף צו זיין. האָט ער ס'ערשטע זיך אָנגערופן:

— זאָרג נישט, פּעלוש, דו וועסט ביי מיר איבערנעכטיקן. אָט דאָ אויף דער באַנק ביים אויוון וועל איך דיר אויסבעטן אַ געלעגער.

אַ ביסל שפּעטער איז אַריינגעקומען די פּאַני יאַנינאַ. זי האָט זיך געסודעט

מיט קירילוקן און דערנאָך זיך אַרומגעקוקט איבער דער גרויסער שטוב. דערזעענדיק פיליפן, האָט זי געפרעגט:

— ווער איז דער דאָזיקער קאַוואַליער?

קירילוק האָט איר דערציילט וועגן פיליפן און זי האָט זיך שטאַרק געחידושט, הלמאַי ער איז היימלאָז.

— מיין טאַטע איז אין יאָר 1939 אַוועק אין דער מלחמה — האָט פיליפ געהאַט אַ פאַרטיקן ענטפער — און מיין מאַמע איז אומגעקומען בעת די באָמבאַרדירונגען.

— און קרובים? האָסטו קיינעם נישט?

— יאָ. איך האָב קרובים ערגעץ אין אַ דאָרף אויף קויאַוועס, איך ווייס אָבער נישט ווי אַזוי מען קומט אַהינצו.

זי האָט אָנגעהויבן זיך מישב צו זיין מיט קירילוקן. זי וואָלט אפשר דאָס ייִנגל גענומען צו זיך, ער וואָלט צו נוץ געקומען. ערשטנס, וואָלט די שטוב נישט געבליבן אַליין, ווען זי פאָרט אַוועק אויף שמוגל, און צווייטנס, קען מען אים שיקן אין אַ שליחות, אַוועקטראָגן סחורה אָדער אָפּנעמען געלט.

קירילוק האָט שטאַרק געלויבט איר איינפאַל. אַ פראַגע, ער קען דאָך דאָס ייִנגל גוט און ער ווייסט, אַז ער איז אַ ווילער בחור. זי איז אָבער נאָך נישט געווען אַנטשלאָסן. וואָס וועט זיין, אַז ס׳וועט זיך אַרויסשטעלן, אַז ער איז אַ זשידאָווסקע ייִנגל? אויף אַזאַ מין פראַגע האָט קירילוק זיך אַזש איבערגעצלמט:

— זאָל קריסטוס דער האַר אָפּהיטן! איך קען דאָך פעלושן זינט אַ לאַנגער צייט. ער איז נישט קיין ייִד.

אַזוי איז פיליפ אָנגעקומען אינעם הויז פון דער פאַני יאַנינאַ. כאָטש ער אַליין האַלט זיך פעסט ביים זייניקן און טענהט, אַז נאָר אַ דאַנק דעם קומען אַהין איז ער געראַטעוועט געוואָרן פון טויט, ווייסט פרישמאַן פון פיליפּס דערציילעניש, אַז צו פיל גליקלעך איז ער דאָרט נישט געווען. גוט איז פיליפּן געווען בלויז אין די טעג, ווען די פאַני יאַנינאַ איז געווען אויף אירע שמוגל־נסיעות. פיליפ איז אַליין געזעסן אין שטוב, צוגעגרייט פאַר זיך אַליין דאָס עסן, וואָס זי האָט פאַר אים איבערגעלאָזט און ער איז אַפילו נישט צוגעגאַנגען צו דער טיר, ווען עמעצער האָט אָנגעקלאַפּט. ס׳הייסט, אַז קיינער איז נישטאָ אין דער היים.

אים אַליין האָט זיך גאָרנישט געגלוסט אַרויסצוגיין. צום בעסטן האָט ער זיך געפילט איינער אַליין אין שטוב. די גאַס, די באַוועגונג און די מענטשן, וואָס האָבן זיך אויף איר אַרומגעדרייט, האָט ער פיינט געהאַט. דעמאָלט האָט ער עס נישט פאַרשטאַנען אַזוי קלאָר, ווי ער פאַרשטייט עס היינט — ער האָט פאַר דער גאַס מורא געהאַט.

אָבער ווען די פאַני יאַנינאַ האָט זיך אומגעקערט אַהיים מיט אירע זעק און פעק, האָט זיך אויף איין מאָל אַלץ אַרום פיליפן געביטן. קודם כּל האָט ער געמוזט די אַלע פעק אַריינטראָגן פון דער דראָזשקע אין שטוב אַריין, דערנאָך האָט ער צוזאַמען מיט איר אויסגעפּאַקט די סחורה. די דאָזיקע אַרבעט האָט געדויערט ביז שפּעט אין דער נאַכט, ווייל נאָכן אויספּאַקן האָט מען ווידער געמוזט איינפּאַקן באַזונדערע פּעקלעך, וואָס פיליפּ האָט צו מאָרגנס געדאַרפט אַוועקטראָגן צו די קונים.

בשעת דער דאָזיקער אַרבעט איז די פאַני יאַנינאַ שטענדיק געווען שטאַרק אויפגערעגט. איר בייזע שטימע האָט געלעכצערט פיליפּס מוח און ביי יעדער קלייניקייט האָבן אירע אויגן געשאָטן אויף פיליפּן פונקען. כאָטש ער אַליין איז אַרום איר אַרומגעלאָפן ממש אויף אַלע פיר, האָט נישט זעלטן געטראָפן, אַז זי האָט אים דערלאַנגט אַ קלאַפּ.

פון יעדער נסיעה אירער פלעגט זי ברענגען עטלעכע פלעשער בימבער. דאָס איז נישט געווען צום פאַרקויפן, זי האָט עס געהאַלטן פאַר זיך אַליין. זי פלעגט זיך זעצן ביים טיש, אַ מאָל מיט אַ קומע, אַ פריינדין, און אַ מאָל איינע אַליין, און טרינקען איין כּוסע נאָך דער אַנדערער. נאָכן אויסטרינקען איז זי נישט געווען בעסער ווי פאַרן טרינקען. בעת פיליפּ האָט פרישמאַנען דערציילט די אַלע זאַכן, האָט דער דאָקטער אויף אַזאַ אופן אים מסביר געווען דעם ענין:

— זי האָט געהערט צו דער קאַטעגאָריע שווערע אַלקאָהאָליקער. אַזאַ מענטש איז קראַנק. קראַנק איז ער פיזיש, ווייל דאָס אַבסאָרבירן פונעם גיפט אין משך פון יאָרן שעדיקט פאַרשידענע אברים. נאָר דאָס ערגסטע איז, אַז אַזאַ מענטש איז אויך קראַנק גייסטיק. איך האָב די פאַני יאַנינאַ נישט געזען און איך קען נישט אָפּשאַצן, אויף ווי ווייט זי איז געווען נישט נאָרמאַל, נאָר פון דעם, וואָס איך הער פון דיר, פאַרשטיי איך, אַז ס'איז געווען גענוג, יעדן פאַלס גענוג אויף דעם, אַז זי זאָל טאָן אַן עוולה אַ קינד, וואָס האָט זיך

געפונען אונטער איר אויפזיכט. דעריבער וווּנדערט מיך איצט נישט, אַז דיין אויפהאַלט ביי איר האָט איבערגעלאָזט אַ ווונד אין דיין נשמה. הער מיך אויס, פיליפּ. דו מוזסט נאָך דערציילן, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין יענער ניטל־נאַכט פון יאָר 1943.

פיליפּ האָט זיך נישט געפילט בכוח מער צו דערציילן. ער האָט טאַקע פרישמאַנען אַזוי געזאָגט און פרישמאַן האָט אים מער נישט געבעטן עס צו טאָן, ער האָט אים בלויז געזאָגט:

— גיי אַהיים און טראַכט איבער די גאַנצע זאַך, אָבער איינס מוז איך נאָך צוגעבן: אויב דו גענעראַליזירסט דאָס געשעעניש, וואָס מיט דיר איז פאָרגעקומען, דאָס הייסט, אויב דו רעדסט זיך איין, אַז פאַר דעם, וואָס די פאַני יאַנינאַ האָט געטאָן מיט דיר איז פאַראַנטוואָרטלעך דאָס רוב מענטשן אָדער אַפילו אַ גרופּע מענטשן, טוסטו זיך אַליין אַ גרויסע עוולה, בפרט, אַז עס איז נישט אמת. ווייל דאָס, וואָס זי האָט דיר געטאָן, האָט בלויז זי געטאָן און דאָס רוב מענטשן וואָלט עס נישט געטאָן, סיידן יחידים, גייסטיק קראַנקע פּונקט אַזאַ ווי זי איז געווען. פיליפּ, טראַכט איבער דעם ענין, וועסטו זען, ווי לייכט ס'וועט דיר אָנקומען צו דערציילן אַלץ ביזן סוף.

קומענדיקע וואָך איז פיליפּ אַן אויפגערוימטער אַריין אין פרישמאַנס קאַבינעט. ער האָט געפאָלגט דעם דאָקטער און ער ווייסט שוין, ווי אַזוי ער דאַרף עס דערציילן וועגן דער ווייַנאַכט־געשעעניש. און ער האָט דער־ציילט:

ס'איז געווען דעם ערשטן טאָג ניטל. נאָך מיטאָג איז צו דער פאַני יאַנינאַ אַריינגעקומען אַ פריינדין און שפּעטער נאָך איינע, און אַ דריטע. זיי זיינען געזעסן אינעם עסצימער און אויפן טיש זיינען געווען אויסגעשטעלט פלעשער משקה און טאַצן מיט ווייס ברויט און וואורשטן. פיליפּ איז געווען אין קיך, ער האָט געוואַשן גלעזער און דערלאַנגט צום טיש. די פרויען זיינען געווען פאַררויטלט און צעשוויצט, זיי האָבן אַ סך גערעדט, און אַלע צוזאַמען. איינע פון זיי, וואָס איז געווען אַ מאַרקהענדלערין, האָט אירע צעגלאָצטע אויגן אויפגעשטעלט אויף פיליפּן און געזאָגט:

— טו נאָר אַ קוק, יאַנינאַ, ער איז דאָך שוין אַ מאַנספּאַרשוין!

אויף דעם האָט פאַני יאַנינאַ געענטפערט:

— אויך מיר אַ מאַנספּאַרשוין. ער איז אַ נאַריש יינגל.

שפעט אין אָוונט, ווען די געסט זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען, איז שוין פיליפּ אַן אויסגעטועטער געלעגן אין זיין בעט. דאָס קליינע שטיבל, ווו ער איז געשלאָפן, איז נישט געווען געהייצט, אָבער פיליפּ האָט זיך געהאַט וואַרעם איינגעדעקט און ער האָט שוין געהאַלטן ביים אַנטשלאָפן ווערן. דעמאָלט איז די פאַני יאַנינאַ אַריינגעקומען צו אים אין שטיבל אַריין. זי האָט זיך געוואָקלט אויף די פיס און מיט אַ הייזעריקער שטימע עפּעס אונטער־געזונגען.

— הע, ליגסט שוין אין בעט? — איר צונג האָט זיך געפּלאָנטערט — הע, הע... דו ביסט דאָך אַ מאַנספּאַרשוין, הע, הע... האָסטו כאָטש פאַרזוכט דעם בימבער?

ער האָט זיך דערשראָקן און ווילנדיק פון איר פּטור ווערן, האָט ער זיך גענומען בעטן, אַז ער וויל נישט טרינקען, ער איז שוין אויסגעמטן און וויל שלאָפן. זי האָט אים אָבער נישט אָפּגעלאָזט, זי האָט גערעדט און געשלער־קערצט. פיליפּ האָט אַ סך פון איר רעדן נישט פאַרשטאַנען און אַ טייל האָט ער שוין פאַרגעסן. נאָר דאָס געדענקט ער: זי האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן, אַז דאָ איז קאַלט און אַז צוליב אַזאַ גרויסן יום־טוב, ווי היינט, דאַרף פיליפּ בעסער פאַרברענגען און נישט ליגן אין בעט און שלאָפן.

זעענדיק, אַז ער וועט פון איר זיך נישט אָפּטשעפּען, האָט פיליפּ אָנגעטאָן די הויזן און איז אַריין אינעם עסצימער. דאָרט איז נאָך געווען אָנגעצונדן דאָס עלעקטרישע ליכט און אַ דיקער וואָלקן פון ציגאַרעטן־רויך איז געהאַנגען אונטערן סופיט. אין נאָז האָט אים אַ זעץ געטאָן אַ געמישטער ריח פון פאַרשוויצטע לייבער און צעגאָסענעם בראָנפן, פּונקט ווי אין אַ שענק. מיט טרייסלענדיקע הענט האָט זי אים אָנגעגאָסן אַ גרויס גלאָז שנאַפּס און געזאָגט:

— טרינק, פּעלוש, פאַר אונדזער געזונט.

ער האָט אויפגעהויבן דאָס גלאָז צום מויל און אָפּגעטרונקען אַ ביסל, אָבער דער בימבער איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז. ער האָט אויסגעג־שאָסן מיט אַ הוסט און באַלד האָט דער אָפּגעטרונקענער בראָנפן אַ פּלייץ געטאָן איבער דער שטוב. זי האָט זיך אומהיימלעך פונאַנדערגעלאַכט:

— נאַ דיר אַ מאַנספּאַרשוין. האַ, האַ, האַ...

ער האָט זיך פאַרשעמט און דאָס גאַנצע בלוט האָט זיך אים געשטעלט אין פּנים. ער האָט זיך אָנגענומען מיט כּוח און מיט איין מאָל אַריינגעגאָסן

אין זיך דאָס גאַנצע גלעזל. אין קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט און די פּיס האָבן זיך אַ וואַקל געטאָן. ער האָט מיט אַלע כּוחות זיך איינגעהאַלטן פון הוסטן. זי האָט געשריגן: בראַוואָ, פּעלוש, און ווידער געגומען גיסן דעם שנאַפּס, איין גלעזל פאַר אים און איינס פאַר זיך. זי האָט אים אונטערגעשטופּט ברויט מיט וווּרשט צום פאַרבייסן.

וויפל גלעזלעך ער האָט געטרונקען, ווייסט ער נישט. ער געדענקט בלויז, אַז אים האָט געאיבלט און איר שטימע האָט ער געהערט אַזוי, ווי זי וואָלט געקומען פון אַ צווייטער וועלט. זי האָט זיך צו אים צוגערוקט און אים געקושט, דערנאָך האָט ער זיך פּלוצעם געפונען ביי איר אין בעט צוזאַמען מיט איר. אַ שאַרפער ריח, וואָס האָט זיך געטראָגן פון איר קערפּער, האָט אים פּלוצעם אויסגעניכטערט. אין גרויס שרעק האָט ער זיך איינגעקאָרטשעט און אַוועקגעשאַרט אין ווייטסטן ווינקל פון בעט. זי האָט אים אָנגענומען מיט צוויי שטאַרקע לאַפּעס און אים צוגערוקט צו זיך. ער האָט געציטערט אויפן גאַנצן לייב און נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי וויל פון אים, אָבער זי האָט נישט אויפגעהערט אים צו קושן און מיט אַן אומהיימלעכן שעפּטשען האָט זי כּסדר איבערגעחזרט:

— דו ביסט דאָך שוין אַ מאַנספּאַרשוין, אַ גאַנצער מאַנספּאַרשוין...

דערנאָך האָט שוין פיליפּ פאַרשטאַנען, ער האָט אַלץ פאַרשטאַנען, אָבער צוזאַמען מיטן פאַרשטיין האָט זיך ביי אים אָפּגערופן אַ געפיל פון עקל. עס האָט אים געעקלט איר צעבלאָזענע געשטאַלט, דאָס אָנגעגאָסענע פּנים מיטן אַראָפּהענגענדיקן גוידער און צום מיינסטן פון אַלץ האָט אים געעקלט דער ריח פון איר צעפּאַרעטן לייב.

דאָס דאָזיקע געפיל פון עקל צו דער פּאַני יאַנינאַ האָט פיליפּן קיין מאָל נישט אָפּגעלאָזט. אַפילו אין יענע פּחדפולע טעג, ווען די דייטשע אַרטילעריע האָט פון יענער זייט טייך אַן אויפהער באָמבאַרדירט זייער הויז און די פּאַני יאַנינאַ איז אַ צעבראָכענע און הילפלאָזע געלעגן אין קעלער אויף אַ בעטל, האָט ער זיך פון דעם נישט געקענט באַפרייען. זי איז דעמאָלט אין גאַנצן אָנגעוויזן געווען אויף פיליפּס הילף און ער האָט איר אַלץ צוגעטראָגן און אין אַלעמען אַרויסגעהאָלפן, אָבער דאָס געפיל פון עקל צו איר האָט אים כּסדר באַגלייט, ביי יעדן טריט, ביי יעדער באַוועגונג, וואָס ער האָט געמאַכט אין איר נאָענטקייט אָדער אָנוועזנדיקייט.

נאָך איר אומקום האָט פיליפּ געגלייבט אַז דאָס דאָזיקע געפיל וועט אים פאַרלאָזן, ס'האָט אים אָבער נישט פאַרלאָזט. אַלע מאָל, ווען ער געפינט זיך נאָענט צו אַ פרויען־געשטאַלט, באַפאַלט אים די באַקאַנטע איבלדיקייט און דער עקל, וואָס פאַרסמט אים דאָס לעבן. בעט ער זיך איצט ביי פרישמאַנען, ער זאָל פאַר אים צוטראַכטן עפּעס אַ רפואה. ער האָט שוין אַלץ דערציילט, ביזן סאַמע דנאָ, אויף וואָס קען ער איצט האָפן?

דאָקטער פרישמאַן האָט פיליפּן געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין און צו אים גענומען רעדן מיט אַ באַזאָרגטער שטימע:

— דו דאַרפסט איצט גאָרנישט זאָרגן, פיליפּ. איך בין זיכער, אַז מיר וועלן קענען די זאַך קאָנטראָלירן. דערמיט, וואָס דו האָסט אַלץ דערציילט, האָסטו זיך שוין ביז אַ העלפט אויסגעהיילט. איצט בלייבט נאָר איין זאַך צו טאָן. דו מוזסט קלאָר מאַכן פאַר זיך אַליין דאָס, וואָס איך האָב דיר שוין געזאָגט: די עוולה, וואָס די פאַני יאַנינאַ האָט דיר געטאָן, קען זיך פאַר דיר מער נישט איבערחזרן. זי איז געווען די איינציקע אין איר מין, וואָס איז פעיִק געווען צו טאָן אַזאַ זאַך, קיין אַנדערע פרוי וואָלט עס נישט געטאָן און קיין אַנדערע וועט עס נישט טאָן. איז עס קלאָר?

— יאָ, אַוודאי, איצט איז קלאָר.

און דעמאָלט האָט דאָקטער פרישמאַן דאָס ערשטע מאָל אויף פיליפּס פּנים דערזען אַ ברייטן און אויפריכטיקן שמייכל, דעם שלווהדיקן אָנזאָגער פון נשמהדיקער רויִקייט.

דער פּעטער לייבקע

דער האַרבסטיקער טאָג האָט איינגעהילט דעם חלל אין אַ גרוי־בלויען נעפּל. הינטערן נעפּל האָט אַ דיקע וואַנט פון דינינקע רעגן־טראָפּנס עקשנות־דיק אַראָפּגעשפּאַרט פונעם הימל. דער צוטריט צו דער יידישער קינדערהיים אין אָטוואָצק לעבן וואַרשע איז פאַרפלייצט געווען דורך ברייטע וואַסער־קאַלוזשעס, וואָס האָבן זיך גערונצלט אונטער די אַראָפּפאַלנדיקע טראָפּנס. צוויי יוגנטלעכע שומרים, מיט ביקסן אַריבערגעוואָרפענע איבער די אַקסלען, האָבן געהאַלטן וואַך ביים אַריינגאַנג.

אַ הויכוווקסיקער רויטאַרמייער אין אַ צעפליקטן שינעל און אַ ווינטער־דיקן היטל מיט אַ רויטן שטערן פון פאָרנט האָט זיך דערנענטערט צו דער קינדערהיים. ער איז געגאַנגען געבויגן אונטער דער משא פון אַ שווערן רוקזאַק און האָט מיט זיינע מגושמדיק־צעפּאַרענע שטיוול געטשליאַפּעט אין דער בלאָטע. דער שומר האָט אים אָפּגעשטעלט און גענומען אויספרעגן, דערנאָך האָט ער אים דורכגעלאָזט און זיך פאַרענטפערט:

— מיר מוזן זיין פאָרזיכטיק. שוין עטלעכע מאָל האָבן מיר דאָ געהאַט אָנפאַלן פון באַנדיטן.

דער רויטאַרמייער איז אַריין אינעווייניק. אין ביוראָ פונעם פאַרוואַלטער איז קיינער נישט געווען. ער האָט זיין רוקזאַק אַוועקגעשטעלט ביי דער וואַנט און אַליין זיך צוגעזעצט. פון אַ מרחק האָבן זיך געטראָגן קולות פון קינדער מיט אַ קלאַפּן פון טעלערס און לעפל, אַ סימן, אַז די תושבים פונעם הויז זיינען איצט געזעסן ביים מיטאָג־עסן.

אַ ביסל שפּעטער איז דער פאַרוואַלטער אַריינגעקומען אין ביוראָ־צימער. ער איז געווען אַן עלטערער מאַן מיט אַ טיפּישן אויסזען פון אַ פּעדאַגאָג. דער פרעמדער האָט זיך פאַר אים אויפגעשטעלט מיט דרך־ארץ און דער פאַרוואַלטער האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ דורכדרינגענדיקן בליק. ער האָט נישט באַהאַלטן זיין פאַרוואונדערונג צוליב דעם דאָזיקן נישט געוויינטלעכן באַזוך.

— מיט וואָס קענען מיר אייך דינען? — האָט ער דעם רויטאַרמייער געפרעגט אויף רוסיש.

יענער האָט זיך צעשמייכלט און געענטפערט אין אַ קאַרעקטן פויליש, וואָס האָט תּיכּף פאַרראַטן אַן אינטעליגענט:

— איך הייס לעאָנאַרד שטיין און איך וואָלט זיך געוואָלט זען מיטן יינגל גאָלאָמב, וועלכער געפינט זיך ביי אייך אין קינדערהיים.

— זענט איר, הייסט עס, אַ פוילישער?

— יאָ, אַ וואַרשעווער, און איך האָף, אַז דער בחור איז מיינער אַ פלימעניק, דער זון פון מיין עלטערער שוועסטער.

— אַזוי גאָר! וועלן מיר באַלד זען — דער פאַרוואַלטער איז אַרויס־געלאָפן פון צימער און באַלד האָט ער זיך אומגעקערט מיט אַ הויכן און אויסגעדאַרטן בחור פון אַ יאָר צוועלף. דער רויטאַרמייער האָט דעם יינגל אַריינגעקוקט אין פּנים און אים אָנגעכאַפּט ביי די הענט:

— פישל, פישעלע, דערקענסט מיך? — האָט ער צו אים גערעדט אויף יידיש — איך בין דיין פעטער לייבקע.

ביים יינגל האָבן געציטערט די קינבאַקן און די אויגן האָבן זיך צוגע־קלעפּט צו דער געשטאַלט פונעם סאָלדאַט. ער האָט קיין איין וואָרט נישט געענטפערט. דער פאַרוואַלטער האָט שטילערהייט זיך אַרויסגעשאַרט פון צימער.

מיט לייבקעס הילף האָט זיך פישל דערמאָנט אַלץ מער פּרטים פונעם אַמאָליקן לעבן און פון דער נאָענטסטער משפּחה, וואָס איז אומגעקומען פון רוצחישע הענט. באַלד איז ער צו לייבקען געוואָרן צוגעלאָזן און האָט זיך גענומען טוליען צו אים.

— וויאַשקו (פעטער) — האָט ער זיך געבעטן — נעם מיך אַהיים.

לייבקען האָט גענומען שטיקן אין האַלדז, בעת ער האָט פישלען אויפ־געקלערט, אַז לעת־עתּה קען ער אים נישט מיטנעמען, ווייל ער האָט אַליין נישט קיין היים. ער וועט אים אָבער אין אַ צייט אַרום נעמען צו זיך, ווייל ער, פישל, איז דאָך דער איינציקער נאָענטער נפש, וואָס איז געבליבן אויף דער וועלט.

אין קינדערהיים האָט זיך געמאַכט אַ גרויסער טומל. ס'איז דאָך נישט קיין קלייניקייט: פעלעק גאָלאָמב האָט געפונען זיין פעטער. אַזאַ גליק האָט

דאָ ביז איצט נאָך קיינעם נישט געטראָפן. סיי קינדער און סיי דערוואַקסענע זיינען אַרומגעלאָפן ווי מטורף און האָבן געקוקט אויף לייבקען ווי אויף אַ וווּנדער.

פישלס לערער, זיגמונט סלוטשאַנסקי, איז געקומען באַגריסן זיין תּלמידס פעטער. ער האָט זיך ביי דער טיר אָפּגעשטעלט אַ פאַרגאַפטער. נישט גלייבנ־דיק זיינע אייגענע אויגן, האָט ער אַראָפּגענומען די דיקע ברילן, זיי איבער־געווישט און ווידער אַרויפגעלייגט אויף דער נאָז, דערנאָך איז ער צוגע־שפּרונגען צו לייבקען און אים אַרומגעכאַפּט:

— מיר זאָלן אַזוי געזונט זיין, ס'איז לייבקע שטיין.

לייבקע האָט זיך נישט ווייניקער דערפרייט מיט זיין יוגנט־חבר. אין זיין איצטיקן מעמד פון אַ נע־ונד האָט זיך אַן אָפּגעפונענער נאָענטער חבר גערעכנט ווי אַן אבן טוב. ער האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט זיגמונטן און באַלד האָבן זיי זיך קעגנזייטיק באַוואָרפן מיט כלערליי פראַגעס. זיגמונט האָט געזאָגט:

— פון דיין הולך זע איך, אַז דו ביסט אַ רויטאַרמייער.

— אַ דעמאָביליזירטער — האָט אים לייבקע פאַרריכט — און טאַקע היינט אין דער פרי בין איך דירעקט פון דער אַרמיי אָנגעקומען קיין וואַרשע.

— האָסטו זיך שוין געמאָלדן אין פּאַרטיי־קאָמיטעט?

לייבקע האָט עפּעס מיט אַ האַלבן מויל אויסמיידנדיק געענטפערט, אָבער זיגמונט האָט פאַרגעזעצט:

— אויב דו האָסט עס נישט געטאָן, איז עס אַן עוולה. דאָס ערשטע האָסטו געדאַרפט אַהין צוגיין. איידער ווען און וואָס וואָלט מען דיך דאָרט באַזאָרגט מיט אַלעם נויטיקן. און חוץ דעם זוכט מען היינט זייער שטאַרק אַזעלכע מענטשן ווי דו.

לייבקע האָט נישט געענטפערט און פון זיין קוק איז לייכט געווען זיך משער צו זיין, אַז די גאַנצע פראַגע איז ביי אים נישט אָנגעלייגט. זיגמונט איז אַריבערגעגאַנגען אויף אַן אַנדער טעמע:

— אַ דירה האָסטו? איך מיין אַן אָרט צו שלאָפן.

— ניין.

— אָ, אַזוי גאָר. מוז איך טאַקע באַלד פאַר דיר עפּעס שאַפן. אָט לויף איך צו אונדזער פאַרוואַלטער.

ער איז צוריקגעקומען און אויפגעלייגטער און האָט לייבקען געמאָלדן, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג. דער פּאַרוואַלטער איז מסכּים געווען, אַז לייבקע זאָל דערווייל בלייבן אין קינדערהיים. אַרבעט וועט זיך פּאַר אים געפינען און ווינען וועט ער מיט זיגמונטן צוזאַמען. ס'איז אַ גאַנץ גרויסע שטוב און ער האָט שוין געהייסן אַריינשטעלן אַ צווייט בעט. אָבער דערווייל וויל ער, אַז לייבקע זאָל מיט אים אַריינגיין אין קליידער־לאַגער, ווו מען האַלט די זאַכן, וועלכע זיינען דעם קינדערהיים צוגעטיילט געוואָרן פון דער אָנגע־קומענער אַמעריקאַנער הילף. לייבקע האָט זיך דאָרט צוגעפּאַסט אַ גאַנץ פיינעם אָנצוג, אַ וואַרעמען פּאַלטן, אַ פּאָר גייע שיך און עטלעכע קאָמפּלעטן וועש. אויפן אָרט האָט ער זיך טאַקע איבערגעטאָן און גלייך האָט ער זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ציוויל.

✶

אין אָוונט האָט זיגמונט אַריינגעבראַכט פון דער קיך אַ טשייניק קאָכע־דיקע טיי און אַ טעצל קיכלעך פון די אַמעריקאַנישע פּעקלעך. די צוויי פריינד האָבן זיך אַוועקגעזעצט שמועסן. געווען זיינען זיי חברים פון זייערע יינגסטע שוליאָרן אָן, צוזאַמען האָבן זיי געלערנט אין דער אַסכּלה־גימנאַזיע און צוזאַמען געשטעלט די ערשטע טריט אין דער פּאַרטיי־אַרבעט.

לייבקע און זיגמונט האָבן זייער פּאַרטיי־אַרבעט אָנגעהויבן ווי קוריערן ביי אַדאָלף וואַרסקין, וועלכער האָט אין יענער צייט אָרגאַניזירט די אומ־לעגאַלע פּאַרטיי אין פּוילן. אין משך פון די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן זיי צוזאַמען דורכגעפירט אַ סך קלענערע און גרעסערע שליחותן, אויף וועלכע די פּאַרטיי האָט זיי געשיקט. ביי איינער פון אַזעלכע אויפגאַבעס זיינען זיי ניכשל געוואָרן. ס'איז געווען ביים אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן. זיי זיינען מיט אַ גרעסערער גרופּע פּראָפּאַגאַנדיסטן אַוועקגעפאָרן קיין לעמבערג, כּדי דאָרט דורכצופירן אַן אויפקלערונג־אַקציע צווישן סאָלדאַטן פון דער פּוי־לישער אַרמיי. די גאַנצע גרופּע איז געוואָרן אַרעסטירט און געמשפּעט. אַ טייל האָבן באַקומען זייער שווערע אורטיילן. זיי ביידע האָבן געהאַט מזל: זיגמונט איז אָפּגעקומען מיט צוויי יאָר און לייבקע מיט איין יאָר תּפיסה.

האָט זיך איצט זיגמונט דערמאָנט:

— געדענקסט די שפּאַצירן אויפן הויף פון די לעמבערגער בריגידקעס

(תּפיסה) און דעם לאַנגן קלאַוויש (תּפיסה־וועכטער), וואָס האָט אונדז איינ־געזעצט אין קאַרצער פאַר רעדן בעתן שפּאַציר?

לייבקע איז נישט נתפּעל געוואָרן פון זיגמונטס זכרונות. ער האָט עס אים גלייך געזאָגט מיט אַ ביטולדיקן שמייכל:

— אוי נאַרעלע, אַנטקעגן דעם, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין די זעלבע בריגידקעס אונטער דער סאָוויעטישער מאַכט, זיינען יענע פּוילישע תּפיסה־צייטן געווען אַ גן־עדן.

די לעצטע ווערטער זיינען אים געבליבן שטעקן אין האַלדז. לייבקע האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט צו פיל געזאָגט. ערשט היינט זיך דאָס ערשטע מאָל געטראָפן מיט זיגמונטן, נאָך קיין צייט נישט געהאַט אויסצופאָרשן, ווי ער האַלט מיט אים, און שוין האָט ער אים אויסדערציילט אַזאַ זאַך. עס איז אים באַפאַלן אַ כּעס אויף זיך אַליין. ער האָט דעם שמועס פאַרקערעוועט אויף אַן אַנדער טעמע.

— און דו זיגמונט, ווי אַזוי זיינען דיר דורכגעגאַנגען די מלחמה־יאָרן?

זיגמונט איז אין יאָר 1939 אַנטלאָפן פון וואַרשע קיין ביאַליסטאָק. ער האָט דאָרט באַקומען אַ שטעלע פון אַ לערער. אָנהייב זומער פון יאָר 1941 האָט ער זיך באַטייליקט אין אַ דעלעגאַציע פון ווייסרוסישע לערערס. די דעלעגאַציע איז געשיקט געוואָרן קיין מאָסקווע. דאָרט איז ער טאַקע געווען בעת היטלערס האָרדעס זיינען באַפאַלן דעם ראַטן־פאַרבאַנד. שפּעטער איז ער עוואַקויִרט געוואָרן קיין סאַמאַרקאַנד און האָט דאָרט געלערנט אין אַ רוסישער שול ביזן סוף פון דער מלחמה.

איצט האָט ער זיך פאַרטרויִלעך צוגעבויגן צו לייבקען און האָט גענומען רעדן אין אַזאַ טאָן, ווי מען דערציילט עפּעס, וואָס איז נישט דערלויבט צו דערציילן:

— דו ווייסט דאָך, ווי דאָס לעבן פון אַ פּליט האָט אויסגעזען אין יענע צייטן. ס'איז געווען שווער, אָבער ווען איז דען דעמאָלט געווען בעסער? אַזאַ ביטערע מלחמה.

לייבקע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און בשעת מעשׂה געטראַכט, אַז אַלץ איז נישט מער ווי אַ מזל־זאַך. איינעם איז באַשערט דורכצומאַכן די סאַמע שטורמישסטע צייטן אין רויִקע באַדינגונגען, דער צווייטער מוז דעם ביטערן גיפט אויסטרינקען ביזן לעצטן טראָפּן. אָט ער אַליין: ווי נאָר ער איז

באַפּרייט געוואָרן פונעם סיבירער שטראָפלאַגער, האָט ער זיך פרייוויליק געמאָלדן אין דער רויטער אַרמיי. האָט ער דען געקענט סתם אַזוי זיצן און פּאַסיוו זיך צוקוקן, ווי די מענטשהייט בלוטיקט און ווי דער סאַמע אַכזריות־דיקסטער שׂונא פון אַלע צייטן ברענגט אום זיין פאָלק? ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן זיינע איבערלעבונגען אויף די פראָנטן.

כּמעט די גאַנצע פיר יאָר איז ער געשטאַנען אין די פאָדערשטע פייער־ליניעס. דורכגעמאַכט די גאַנצע קאַמפּאַניע אין סטאַלינגראַד, זעקס חדשים געלעגן איינגעגראָבן אין חורבות אונטער אַ כּסדרדיקן האָגל פון דער דייטשער אַרטילעריע, דערנאָך האָט ער געטריבן די דייטשן פון אוקראַינע. מיט דער ערשטער אויסשפּיר־אָפּטיילונג האָט ער אַריינמאַרשירט קיין קיִעוו, געקעמפט אין די פאָרשטעט פון בודאַפּעשט און ווין, עטלעכע מאָל געווען פאַרוווּנדעט, אָבער אַלע מאָל לייכט, און נאָך קורצע היילונגען צוריקגע־גאַנגען אויפן פראָנט. ער האָט זיך דערדינט צו עטלעכע אויסצייכנונגען און צום ראַנג פון סערזשאַנט.

נאָכן סוף פון דער מלחמה האָט לייבקע אַריינגעטראָגן אַ „זאַיאַווליעניע", ווו ער האָט אָנגעוויזן, אַז ער איז אַ פּוילישער בירגער און בעט מען זאָל אים דעמאָביליזירן קיין פּוילן. און אָט איז ער היינט צוריקגעקומען קיין וואַרשע, כּדי מיט די אייגענע אויגן צו זען דעם חורבן פון זיין היימשטאָט.

זיגמונט האָט געטראַכט: אַ ביטער רחמנות אויף אים. ווי קען מען זיך אַזוי ענדערן? ער איז דאָך נישט דער זעלבער מענטש. אמת, יאָרן פאַרענדערן דעם מענטש אין זיין אויסערלעכן אויסזען. אָט האָט איצט ביי לייבקען, אויפן אָרט פון זיין פייערדיק־רויטער טשופּרינע, געגלאַנצט אַ הויכער שטערן ביז אין דער העלפט פון שאַרבן און דאָס איבערגעבליבענע ביסל האָר האָט ביי אים געהאַט דעם קאָליר פון געלן אַש. אָבער די עיקרדיקע ענדערונג האָט זיך געמערקט אין זיינע אויגן. עס איז פון זיי נעלם געוואָרן זייער שטיפערישער גלאַנץ און להכעיסדיקער פונק. זיי זיינען פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ הייטל פון פאַרחלומטקייט, וואָס האָט אויסגעדריקט אַ געמיש פון יאוש און פאַרלוירענעם גלויבן אין ציל פון לעבן.

ער האָט געזאָגט:

— לייבקע, אַ מאָל פלעגסטו ווי אַ וויכער זיך טראָגן פון איין פאַרזאַמלונג צו אַ צווייטער. דו פלעגסט רעדן וועגן דער רעוואָלוציע, וואָס וועט דעם

אַרבעטער־קלאַס באַפרייען פון באַדריקערס און עקספּלואַטאַטאָרן. היינט איז דאָס אַלץ געוואָרן ווירקלעכקייט. די פּאַרטיי, וואָס דו אַליין האָסט אַזאַ וויכטיקן חלק אין איר אויפבוי, שטייט איצט פאַר גרויסע אויפגאַבעס, און דו, לייבקע, דאַרפסט זיך אַריינוואַרפן אין דער אַרבעט. דו דאַרפסט צוריק פאַרנעמען דיין אַמאָליק אָרט.

לייבקעס אויגן האָבן זיך געביטן. דאָס הייטל פון פאַרחלומטקייט איז צעגאַנגען געוואָרן און אַנשטאָט דעם האָט פון זיי אַרויסגעשפּאַרט אַ גאַליקער ציניזם. נישט מיר נישט דיר איז ער אַרויס מיט אַ פראַגע:

— געדענקסט דעם שפּיצעל פעלדמאַן?

זיגמונט האָט נישט פאַרשטאַנען דעם שייכות צווישן פעלדמאַנען און דעם, וועגן וואָס זיי האָבן איצט געשמועסט. אָבער פעלדמאַנען האָט ער געדענקט. ער איז געווען אַ ייִדישער יונגער־מאַן פון דער פּראָווינץ, וואָס האָט זיך באַזעצט אין וואַרשע און האָט זיין דינסט פאַר דער פּוילישער פּאָליציי אָנגעהויבן ווי אַ פּשוטער צוטראָגער. ער האָט דערלאַנגט מסירות אויף קאָמוניסטן. שפּעטער איז ער צוגעצויגן געוואָרן צו אַן אַקטיוון דינסט און אין ראַנג פון סערזשאַנט באַשטימט געוואָרן ווי דער פּאָליציייִשער ממונה איבער די לינקע ייִדישע פּאַרטייען אין וואַרשע.

— דער דאָזיקער פעלדמאַן — האָט לייבקע ממשיך געווען — האָט מיך אַרעסטירט אין יאָר 1937 און דערנאָך האָט ער מיך אַ געקאָוועטן אין קייטן אַוועקגעפירט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין בערעזע־קאַרטוסק.

צופעליק האָט זיגמונט געהאַט אַ ידיעה וועגן דעם וויסטן סוף, וואָס פעלדמאַן האָט געהאַט. נאָך אין יענער צייט, ווען ער האָט געוווינט אין ביאַליסטאָק, האָט זיגמונט געהערט, אַז עמעצער האָט דאָרט פעלדמאַנען דערקענט. די נ.ק.וו.ד. האָט אים אַרעסטירט און ליקווידירט.

זיגמונט האָט איצט לייבקען דערציילט וועגן דער דאָזיקער געשעעניש און האָט פון זיין צד באַמערקט, אַז אייגנטלעך האָט דער מנוול באַקומען זיין פאַרדינטע שטראָף. באַלד איז ער אָבער איבעררראַשט געוואָרן פון לייב־קעס הילכיקן געלעכטער.

— אָ, זיגמונט, דו קענסט בלויז די ערשטע העלפט פון דער מעשׂה. פון אַן אמתדיקן רשע ווערט מען אַזוי גיך נישט פּטור. פאַר אַזאַ איינעם איז אומעטום פאַראַן אַן אָרט.

זיגמונט האָט אויף לייבקען אָנגעשטעלט אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן. לייבקע האָט זיך אָבער מישב געווען. פאַר אַזאַ פוריטאַנישן פּאַרטיי־מענטש ווי זיגמונט וועט די מעשה מיט פעלדמאַנען קלינגען צו דעפעטיסטיש. ער האָט זיך גענומען צוריקציען. ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז די גאַנצע זאַך איז אים גלייכגילטיק. וואָס מיר פעלדמאַן, ווער מיר פעלדמאַן, וואָס פאַראַ שייכות האָט ער צו דעם, וואָס עס טוט זיך איצט? ער האָט זיך ברייט צעגענעצט. שוין פיר נעכט איז ער כמעט נישט געשלאָפן. אין פול־געפּאַקטן באַן־וואַגאָן האָט ער זיך בלויז ערגעץ געקענט צושפּאַרן אויף אַ שעה. וועט טאַקע זיין גלייך איצט צו לייגן זיך שלאָפן און מאַכן נאַכט.

אַן אויסגעטועטער אין בעט האָט אָבער לייבקע נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. די מעשה מיט פעלדמאַנען איז אים גאָרנישט געווען גלייכגילטיק. זי האָט אים געקאָסט אַ סך געזונט און איז געלעגן טיף איינגעבאַקן אין זיין נשמה. אונטערן איינדרוק פונעם שמועס מיט זיגמונטן האָבן זיך די געשעע־נישן פון יענער צייט אין זייער פולן פאַרנעם אומגעקערט אין זיין זכרון.

*

אין זומער פון יאָר 1940 האָט לייבקע אין לעמבערג זיך געטראָפן מיט צעלינאַן. פונקט ווי ער, איז אויך זי געווען אַ יוריסטקע. זי האָט געאַרבעט אין דער הויפּט־פּראָקוראַטור פון דער געגנט און אַ דאַנק איר הויכן אַמט האָט זי געהאַט אַ צוגעטיילטע אייגענע דירה. זיי האָבן זיך פאַרשריבן אין „זאַגס" ווי מאַן און ווייב און לייבקע האָט זיך אַריינגעצויגן אין צעלינאַס דירה.

לייבקע האָט אויך פאַרנומען אַ הויכע שטעלע אין דער נייער סאָוויעט־טישער היעראַרכיע פון לעמבערג. ער איז געווען דער דירעקטאָר פון דער שטאָטישער ביבליאָטעק. דאָס איז געווען אַן אַרבעט, וואָס לייבקע האָט שטאַרק ליב געהאַט, ווייל ביכער זיינען ביי אים אַלע מאָל געווען דאָס גאַנצע לעבן.

אַ קורצע צייט נאָך דער חתונה איז אין אַ געוויסן פרימאָרגן אַריינגע־קומען אין דער ביבליאָטעק אַן אָפיציר פון דער נ.ק.וו.ד. ער האָט זיך דורכ־געשמועסט מיט לייבקען און אים מיט זיך מיטגענומען. אַזוי האָט אויסגעזען לייבקעס אַרעסט.

לייבקע איז ווידער געזעסן אין די בריגידקעס, נאָר איצט ווי אַ גע־

פֿאַנגענער פון יענער מאַכט, פֿאַר וועלכער ער האָט אין משך פון די פּריער־דיקע יאָרן אַוועקגעגעבן זיין פרייהייט און געזונט. ביי די פֿאַרהערן האָט אים דער אויספֿאָרשער געשטעלט דריי פֿראַגן. ערשטנס, פֿאַר וואָס האָבן אים די פּאָליאַקן באַפֿרייט פון בערעזע־קאַרטוסק? אַ סימן, אַז ער איז געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר און האָט אונטערגעשריבן אַ לאָיאַליטעט־דעקלאַראַציע. צוויי־טנס, וואָס פֿאַראַ שייכות האָט ער געהאַט צום טראָצקיסט אַדאָלף וואַרסקי? אַ סימן, אַז אויך ער איז אַ טראָצקיסט. דריטנס, ווער איז געווען דאָס מיידל, מיט וועלכער ער איז געווען באַפֿריינדט איידער ער האָט חתונה געהאַט? דאָס דאָזיקע מיידל האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ שפּיאָנקע און דאָס איז אַ סימן, אַז אויך ער איז אַ שפּיאָן.

לייבקע האָט אויסגעהאַלטן עטלעכע חדשים פון שווערע אויספֿאָרשונגען, און האָט זיך אין קיין שום זאַך נישט מודה געווען. אָבער אַזעלכע דריי אָנקלאַגעס זיינען שוין אַליין פֿאַר זיך גענוג געווען פֿאַר אַ צען־יאָריקן אורטייל. ער איז מיט אַן עשאַלאָן אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין וואָרקוטע און פון דאָרט אין אַ שטראָפֿלאַגער אין די סיבירער טייגעס, און אָט אינעם דאָזיקן לאַגער האָט לייבקע אַ מאָל דערזען דעם שפּיצעל פעלדמאַן.

אין לאַגער האָט זיך פעלדמאַן געדרייט צווישן דער נאַטשאַלסטווע. ער איז געווען דער פֿאַרטיילער פון דער אַרבעט און האָט געהאַט אויך צו זאָגן איבער די ברויט־ראַציעס פון די געפֿאַנגענע. ער איז געווען גוט אָנגעטאָן און האָט געטראָגן אַ פּאָר נייע אָפֿיצירישע שטיוול. בעת די גע־פֿאַנגענע, און לייבקע בתוכם, זיינען אין די גרויסע פרעסט געטריבן געוואָרן צו דער אַרבעט האַלב־באָרוועסע און מיט שמאַטעס אַרומגעוויקלטע, האָט זיך פעלדמאַן געלעבט אַ גוטן טאָג. ער איז געזעסן אין אַ וואַרעמען באַראַק, האָט געשיכורט און געהוליעט צוזאַמען מיט די רוסישע נאַטשאַלניקעס פונעם לאַגער.

דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט זיך דעמאָלט לייבקע געפֿילט פֿאַרשעמט און טיף באַליידיקט אין זיין מענטשלעכער ווערדע. ער האָט געשאָלטן זיין גורל, וואָס האָט אים געבראַכט אַהער. זיינען דאָך אין יענער געגנט געווען הונדערטער אַזעלכע לאַגערן, האָט ער, לייבקע, געמוזט אָנקו־מען גראָד אַהער, כּדי מיט די אייגענע אויגן צו זען פעלדמאַנען אויף זיין נייעם אַמט?

אַ צייט איז לייבקען געלונגען נישט צו קומען אין אַ דירעקטן קאָנטאַקט מיט פעלדמאַנען. ער האָט אַזוי מאַנעווירט, אַז דער מנוול זאָל אים נישט דערזען אָדער נישט דערקענען. מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם האָט ער זיך צוגע־קוקט, ווי יענער פייניקט די לאַגערניקעס פאַר נישט אויספירן די נאָרמע, ווי ביי יעדער קלייניקייט נעמט ער צו די ברויט־צוטיילונג און מוסרט, הלמאַי מען איז נישט גענוג געטריי דעם פאָטערלאַנד פונעם אַרבעטנדיקן קלאַס. צווישן די לאַגערניקעס זיינען געווען אַ סך יידישע פּליטים פון פוילן. געווען צווישן זיי אויך אַ סך קאָמוניסטישע וועטעראַנען, וועלכע האָבן שוין געפּאָכעט מיט די לעצטע כּוחות נאָך לאַנגע יאָרן תּפיסות און לאַגערן.

סוף כּל סוף האָט פעלדמאַן דערקענט לייבקען. אַ מאָל האָט ער זיך פאַרקוקט אין זיין רויטן קאָפּ האָר און זיך אָנגערופן:

— איך קען דאָך אייך!

לייבקע האָט נישט געענטפערט, אָבער פעלדמאַנען האָט עס נישט געאַרט. ער איז צו אים צוגעלאָפן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט, האָט גלייך אָנגעהויבן רעדן פויליש און גערופן לייבקען „פּאַניע מעצענאַשיע", ווי מען טיטולירט אין פוילן אַן אַדוואָקאַט.

— פאַר וואָס האָט איר מיר נישט געזאָגט, אַז איר זענט אַהער געקומען? איך קען דאָך אייך העלפן. אַרויסנעמען פון די אַרבעטס־קאָמאַנדעס, איר זאָלט זיך נישט דאַרפן פייניקן.

לייבקע האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַן אייזקאַלטן בליק און פון צווישן די פאַרביסענע ציין האָט ער אויסגעסיקעט אויף רוסיש:

— דו מערזאַוויעץ! איך האָב ביי דיר נישט געבעטן קיין חסדים, ווען דו האָסט מיך אַ געקאָוועטן געפירט קיין בערעזע. איך דאַרף אויך איצט נישט קיין טובות פון דיר.

ביי פעלדמאַנען האָט זיך פאַרקרימט דאָס חזיריש־צעגאָסענע פּנים. ער האָט זיך מער נישט דערנענטערט צו לייבקען.

לייבקע איז מיט פעלדמאַנען געפאָרן אין דעם זעלבן עשאַלאָן, נאָך דעם ווי זיי זיינען באַפרייט געוואָרן פון לאַגער אויפן סמך פון דער אַמנעסטיע פאַר פוילישע בירגער. די פוילישע אַרמיי פון גענעראַל אַנדערס האָט זיך געהאַלטן אין אָרגאַניזירן. פעלדמאַן, אַ געוועזענער פּאָליציי־אָפיציר און אויסגעפּרוּווטער פוילישער פּאַטריאָט, איז אָנגענומען געוואָרן אין דער אַרמיי

אָן שום שוועריקייטן. מיט לייבקען איז די מעשה געווען אַ גאַנץ אַנדערע. ער איז געווען אַ דאָפּלט־געשטראָפטער: אַ ייִד און דערצו נאָך אַ געוועזענער קאָמוניסט. מען האָט אים אַוועקגעשיקט מיט גאָרנישט.

לייבקע האָט אָבער געפילט אַ באַדערפעניש צו קעמפן אויפן שלאַכט־פעלד. דעמאָלט איז ער ווי אַ פּרייוויליקער אַריין אין דער רויטער אַרמיי.

✶

אין דער קינדערהיים האָט לייבקע פאַר זיך געפונען אַ צייטווייליקע אַרבעט. ער האָט גענומען איינפירן אָרדענונג אין דער אָפּגעלאָזענער ביבליאָ־טעק. ער האָט אויך אַ סך צייט פאַרבראַכט מיט פישלען. די רעגנס האָבן זיך אויסגעלאָזט. קאַלטע און טרוקענע טעג האָבן זיך געשטעלט. לייבקע פלעגט אין די נאָכמיטאָגן מיטנעמען פישלען אויף לאַנגע שפּאַצירן. זיי האָבן גע־שמועסט וועגן אַלץ און אַלעמען, וועגן פישלס לימודים, אין וועלכע ער איז צוליב די פאַרגאַנגענע מלחמה־יאָרן געווען שטאַרק הינטערשטעליק און האָט זיך איצט באַמיט זיי אָנצויאָגן, וועגן דער אומגעקומענער משפּחה, פישלס עלטערן און זיידע־באָבע, וואָס זיינען אַוועק קיין טרעבלינקע. פישל האָט אַלץ געוווּסט און פאַרשטאַנען. ער האָט זיך שטאַרק איבערגענומען מיטן גורל פון די פאַרבליבענע ייִדן, געוווּסט וועגן די רציחות איבער ייִדן, וואָס קומען פאָר טאָגטעגלעך אין אַלע טיילן פון פוילן און אין אַ צייט, ווען די דייטשן זיינען שוין נישטאָ. ער האָט לייבקען געפרעגט, וואָס ייִדן קענען טאָן, כּדי פאַר זיך צו שאַפן רויִקערע לעבנסבאַדינגונגען אַזוי ווי פאַר דער מלחמה.

לייבקע האָט זיך באַמיט פישלען צו פאַרענטפערן זיינע פראַגן. דער עיקר, האָט ער אים פאַרזיכערט, דאַרף איצט פישל וועגן קיין זאַך נישט זאָרגן. לייבקע וועט שוין וועגן אַלעמען טראַכטן און ער וועט פישלען פון זיך נישט אַוועקלאָזן. אין עטלעכע טעג אַרום וועט לייבקע פון דאַנען אַוועק־פאָרן אויף אַ וואָך־צוויי. אין משך פון דער דאָזיקער צייט וועט זיך לייבקע אַרומקוקן וועגן די ענינים פון זייער צוקונפט, און ווי נאָר ער וועט פאַרטיק ווערן, וועט ער זיך אַהער אומקערן און דאַן וועט ער פישלען פון דאַנען אַוועקנעמען.

איידער לייבקע האָט פאַרלאָזט די קינדערהיים, האָט ער געהאַט אַ לענ־

גערן שמועס מיטן פּאַרוואַלטער. פֿאַר זיגמונטן האָט ער זיך נישט פֿאַרטרויט. ער האָט אים בלויז געזאָגט, אַז ער פֿאָרט קיין וואַרשע, כּדי צו זען, וואָס פֿון דער שטאָט איז געבליבן. ער וויל זיך אויך אַרומקוקן וועגן אַ מעגלעכקייט איינצואָרדענען זיך.

אָבער פֿון פֿישלען האָט זיך זיגמונט דערוווּסט, אַז דער פּעטער גרייט זיך צו פֿאַרלאָזן פּוילן און אַז ער וועט פֿישלען מיט זיך מיטנעמען.

— וווּהין קלייבט ער זיך צו פֿאָרן? — האָט זיגמונט געפֿרעגט אַ דער־שטוינטער.

— דער פּעטער האָט געזאָגט, אַז מיר וועלן פֿאָרן קיין פּאַלעסטינע.

זיגמונט איז געוועזן אויסער זיך פֿון אויפֿרעגונג און ווען לייבקע איז נאָך אַ צייט צוריקגעקומען, איז ער צו אים צוגעשטאַנען מיט טענות.

— היתּכן — האָט ער געפֿרעגט — וואָס קומט דאָ פֿאָר?

לייבקע האָט אים קורץ געענטפֿערט:

— נישטאָ קיין צוקונפֿט פֿאַר ייִדן אין פּוילן... — און דערמיט האָט ער אָפּגעהאַקט דעם גאַנצן וויכּוח, אויף וועלכן זיגמונט האָט זיך געגרייט.

אַ ביסל שפּעטער האָט ער זיגמונטן דערציילט מיט אַ ביטולדיקן שמייכל, אַז ער האָט באַזוכט זיין געוועזענע פֿרוי, צעלינאַ. זי גייט אָנגעטאָן אין אַן אָפֿיצירשן מונדיר מיט דער ראַנגע פֿון מאַיאָר און זי איז דער הויפּט פֿון דער מיליטערישער פּראָקוראַטור. גייענדיק צו איר האָט לייבקע געמיינט, אַז זי איז נאָך כּסדר זיין לעגאַלע פֿרוי, אָבער זי האָט אים אַרויסגעפֿירט פֿון טעות. זי האָט אים דערציילט, אַז באַלד נאָך זיין אַרעסט האָט זי זיך פֿון אים אָפּגעזאָגט. זי האָט אים געוויזן אַ באַשטעטיקונג פֿון סאָוויעטישן אַמט. אַז זייער חתונה איז אַנולירט געוואָרן. ער האָט ביי איר געבעטן אַ קאָפּיע פֿונעם דאָזיקן דאָקומענט און זי האָט עס אים געגעבן.

ביי צעלינאַן אין שטוב האָט לייבקע אויך געטראָפֿן אַ געזעמל פֿון אַמאָ־ליקע חברים. אַלע גייען זיי אָנגעטאָן אין עלעגאַנטע אָפֿיצירשע מונדירן, וואָס שימערירן מיט גאָלד און זילבער פֿון די עפּאָלעטן, זיי זיינען באַהאָנגען מיט כּלערליי מעדאַלן, כאָטש קיינער פֿון זיי, דאָס ווייסט לייבקע בפּירוש, האָט נישט געזען קיין צורה פֿון אַ שלאַכט. זיי זיינען אַלע באַוואָרנט מיט בכּבודיקע שטעלעס אין דער אַדמיניסטראַציע. אַלע האָבן מיט לייבקען זיך דערפֿרייט און געפֿרעגט: „טייערער לעאָנאַרד, ווו טראַכטסטו צו אַרבעטן?".

לייבקע האָט זיינע געוועזענע חברים באַלד אַרויסגעפירט פון טעות. ער האָט זיי דערציילט, אַז דער אַמאָליקער לעאָנאַרד שטיין איז מער נישטאָ, ער איז געבליבן ערגעץ וווּ אויף די פאַרשנייטע פעלדער פונעם ראַטן־פאַרבאַנד. פאַר זיי שטייט איצט אַן אַנדערער שטיין, אַ דעמאָביליזירטער רויטאַרמייער, וואָס האָט אונטער אַ האָגל פון פייער דורכגעמאַכט אַ שטרעקע פון דער וואָלגע ביזן דונאַי און דערביי זיך דערדינט צום ראַנג פון סערזשאַנט. היינט ווי קען ער, דער פשוטער סערזשאַנט גלייכן זיך צו זיי, די הויכראַנגיקע אָפיצירן מיט זייערע מונדירן און עפּאָלעטן? ער וועט שוין פאַר זיך מוזן געפינען אַזאַ שטעלע, וואָס פּאַסט פאַר אַ דעמאָביליזירטן סערזשאַנט פון דער רויטער אַרמיי.

זיגמונט האָט איבערגעשלאָגן דעם שטראָם פון לייבקעס רייד:

— און איצט, נאָך די אַלע מאַטערנישן און פּייניקונגען, גייסטו זיך וואָלגערן ערגעץ ווו אין די לאַגערן. ווו איז דאָ דער שׂכל? און נישט בלויז דו אַליין, נאָר דו גייסט נאָך מיטנעמען פישלען, כּדי ער זאָל זיך אויך דאָרט פּייניקן אומזיסט און אומנישט, פאַר עמעצענס פּאָליטישע אַמביציעס.

לייבקע האָט זיין פריינד אָנגעקוקט פון דער זייט און אים געענטפערט:

— זיגמונט, דו פאַרשטייסט נישט דעם גאַנצן ענין, אָדער נאָך ערגער: דו ווילסט אים נישט פאַרשטיין. עס האַנדלט זיך דאָ נישט וועגן קיינעמס פּאָליטישע אַמביציעס. אַ שארית הפליטה פון אַ שווער געפּרוווטן פאָלק קעמפט פאַר אַן אייגן לאַנד. די לאַגערן זיינען אַ צייטווייליקע זאַך. מען מוז אויך זיי איבערקומען.

צו מאָרגנס האָט לייבקע מיט פישלען פאַרלאָזט די קינדערהיים.

מחותנים

אַמאַליקע צייטן האָט ער געהייסן לייבקע שטיין. קינד און קייט האָבן אים געקענט אויף די גאַסן פון דער ייִדישער אָרעמקייט אין וואַרשע. זיין גרויסער קאָפּ האָט געפלאַמט מיט דער פייערדיק־רויטער טשופּרינע, האַרטע האָר האָבן זיך אַריינגעשניטן ביז אין דער העלפט פונעם שטערן, דאָס פּנים — פּאַרגאָסן מיט אַ ים געלע זומער־שפּרענקעלעך. זיין גוף איז געווען אויס־געדאַרט, אַזש איבערגעבויגן פון דאַרקייט. ער פלעגט זיך טראָגן ווי אַ וויכער פון איין פאַרזאַמלונג צו אַ צווייטער, גערעדט פּאָטיש מיט אַ הייזעריק־צעקוויטשעטער שטימע און נאָך מיט אַ דין קלוסקעלע אונטער דער צונג. ער האָט געשטורעמט און גערופן צו רעוואָלוציע, וואָס וועט באַפרייען דעם אַרבעטער־קלאַס פון באַדריקערס און עקספּלואַטאַטאָרן.

אָט דאָס איז ער אַ מאָל געווען, לייבקע — פּיליפּ גאַלאָמבס פּעטער, דער ייִנגסטער ברודער פון זיין מוטער. אַזוי האָט אויך לייבקען געדענקט זיין חבר, מיכאַל גורני, וואָס איז איצט צוזאַמען מיט פּיליפּן און זיין כּלה געקומען אים אָפּוואַרטן אויפן ניו־יאָרקער פליפּלאַץ.

צו מיכאַלס איבערראַשונג איז אָבער איצט אַלץ געווען אַנדערש. דער פלאַמפייערדיקער קאָפּ איז נעלם געוואָרן ווי אונטער אַ כּישוף און אַנשטאָט דעם — אַ הויכער שטערן ביז אין דער העלפט פונעם שאַרבן גלאַנצט אין דער קאַרגער, שפּעט־אלולדיקער זון, הינטערן שאַרבן — קורצגעשוירענע און גלאַט־צוגעקעמטע האָר פון ווייסלעכן קאָליר און די אַמאַליקע זומער־שפּרענקעלעך זענען ברייטלעך צעגאָסן אין געלע פלעקן איבערן פּנים און שטערן. בלויז די אויגן זענען די זעלבע, וואָס אַ מאָל: קלוגע און טיף־דורכדרינגענדיקע. ס׳פעלט זיי בלויז דער שטיפערישער שמייכל און דער להכעיסדיקער פונק.

ניין, ס׳איז נישט דער זעלבער לייבקע. איצט איז ער דער אדון אריה אַבני, דער באַרימטער קרימינאַל־אַדוואָקאַט פון אַלענבי־גאַס אין תּל־אָביב.

אַן אויסגעפוצטער אין אַן עלעגאַנטן ספּאָרט־אַנצוג לויטן נייעסטן פאַסאָן און אַ באַזאָכטער אין זיין אופן רעדן און אין זיינע באַוועגונגען.

מיכאַל האָט אַ פאַרגאַפטער געקוקט אויף לייבקען: ווי יאָרן פאַרענדערן אַ מענטש! פשוט נישט צו פאַרשטיין. לייבקע האָט צו אים געשמייכלט מיט איין אויג, געדריקט זיין האַנט און גלייך ווי ער וואָלט אַרויסגעלייענט זיינע געדאַנקען, האָט ער אים אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע.

— נו, מיכאַל, מען האָט זיך אַ ביסל געביטן, האַ?

— יאָ, יאָ — האָט מיכאַל פאַרשולדיקט געשמייכלט, ווי ער וואָלט געזוכט זיך צו פאַרענטפערן פאַרן איינדרוק, וואָס לייבקע האָט אויף אים געמאַכט.

פיליפּ האָט זיך צוגעשאַרט צום פעטער, אָנגעכאַפּט אים ביי די הענט און צוגעדריקט צו זיך.

— אָ, לייבקע, ווי גליקלעך איך בין, אַז דו ביסט געקומען צו מיין חתונה. לייבקע האָט אים געגלעט איבערן קאָפּ און פּנים.

— פישעלע, פישעלע, ווי גרויס דו ביסט אויסגעוואַקסן. טאַקע אַן אמת־דיקער חתן־בחור.

בעת אַלע האָבן געלאַכט האָט זיך מיכאַל אָנגערופן:

— לייבקע, באַקען זיך מיט גלאָריאַ. פיליפּס כלה. זי פאַרשטייט יידיש, אָבער רעדן וועט זי, מסתמא, ענגליש. איך וועל פאַר דיר איבערזעצן, וואָס מען וועט דאַרפן — האָט ער אָנגעבאָטן זיין הילף.

— דאָס מאַכט נישט אויס — האָט זיך לייבקע געווענדט צו גלאָריאַן אין אַ פליסיקן ענגליש — איר קענט אומגעשטערט רעדן ענגליש און איך וועל אייך אויך אַזוי ענטפערן. מיכאַלן דוכט זיך, אַז נאָר ער האָט איינגע־שלונגען די גאַנצע חכמה פון דער ענגלישער שפּראַך. נישקשה, איך קען אויך אַ ביסל.

דערנאָך האָט ער צוגעגעבן אין אַ טאָן פון אַ גרויסשטאָטישן דאָן־זשואַן:

— אַז איך קוק אויף אייך, גלאָריאַ, ווערט מיר ערשט קלאָר, פאַר וואָס פיליפּ איז אַזוי פאַרליבט אין אייך.

זי האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל און געדאַנקט פאַרן קאָמפּלימענט.

ער האָט זיך מיט אויפמערקזאַמקייט אַריינגעקוקט אין איר פּנים און איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין אַ זייט, ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטרענגט וועגן עפּעס זיך צו דערמאָנען. מיכאַל האָט באַמערקט,

ווי דער אויסדרוק פון לייבקעס אויגן האָט פּלוצעם זיך געביטן. די פאַרחלומט־קייט איז זיך צעגאַנגען ווי אייז אין אַ הייסן טאָג און איר אָרט האָט פאַרנומען אַ פרעגנדיקע אומזיכערקייט, אַן אומרויִקע און אַ בענקענדיקע נאָך עפּעס, וואָס איז געבליבן לעבעדיק אינעם זכרון.

אין פיליפּס אויטאָמאָביל, וואָס איז געשטאַנען פאַרפּאַרקט אין גאַס, האָבן לייבקע מיט מיכאַלן פאַרנומען דאָס הינטערשטע זיצאָרט, גלאָריאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן פיליפּן. בעתן פאָרן איז לייבקע געווען ערנסט. ער האָט גענומען דערציילן וועגן די שוועריקייטן, וואָס ער האָט געהאַט ביים באַקומען די אַמעריקאַנער וויזע. ס׳האָט ווייניק וואָס געפעלט, אַז ער זאָל אַהער בכלל נישט קומען. אין קאָנסולאַט האָט מען ווייזט אויס, געהאַט אַ ידיעה, אַז ער איז אַ מאָל געווען אַ „רויטער״. בפירוש האָט מען אים דאָס נישט געזאָגט, אָבער מען האָט מיט אים געדרייט אַהין און אַהער און באַמיט זיך אים צו פּטרן מיט גאָרנישט. ער האָט זיך אָנגעשטויסן, וואָס די צרה איז, איז ער גלייך אַוועק צום וויצעקאָנסול און צו אים גענומען רעדן קלאָרע דיבורים. יאָ, ס׳איז אמת, אַז ער איז אַ מאָל געווען אַ קאָמוניסט, אָבער זינט צוואַנציק יאָר איז ער עס שוין נישט. אויב דער קאָנסול גלייבט אים נישט, קען ער זיך אָנפרעגן אין דער ישׂראלדיקער אַדוואָקאַטן־קאַמער, וועט מען פון דאָרט באַשטעטיקן, אַז ער זאָגט דעם אמת. האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגער משׂא־ומתּן צווישן דעם קאָנסולאַט און דער אַדוואָקאַטן־קאַמער, און נאָך גרויסע צרות האָט לייבקע באַקומען די וויזע.

מיכאַל האָט פון אַ זייט באַטראַכט זיין יוגנט־חבר. לייבקע האָט פאַר זיך געהאַט גלאָריאַס רוקן און איר עלעגאַנט־אויפגעקעמטן קאָפּ בלאָנדע האָר. ער האָט זיך פאַרקוקט אין דער מיידלשער געשטאַלט מיט אַ מאָדנער פאַר־טראַכטקייט, וואָס איז נישט אַנטרונען פון מיכאַלס אויג. פּלוצעם האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו מיכאַלן און אַ פרעג געטאָן:

— ווער איז זי, גלאָריאַ? איר פּנים איז מיר עפּעס היימיש.

ער האָט נישט דערזאָגט, אַז צוליב אומפאַרשטענדלעכע סיבות ברענגט אים אַריין די אָנוועזנדיקייט פונעם דאָזיקן מיידל אין אַ מעמד פון צעטומלט־קייט. זי רופט אַרויס אַסאָציאַציעס מיט פאַרגאַנגענע איבערלעבונגען, וואָס זיינען נישט אויסגעמעקט געוואָרן פונעם זכרון.

מיכאַל האָט געהאַט זייער אַ סך צו דערציילן וועגן גלאָריאַן, אָבער דאָ,

אינעם פּאַרנדיקן אויטאָמאָביל, בעת גלאָריאַ איז געזעסן אַזוי נאָענט, האָט ער נישט געוווּסט, ווי אַזוי עס צו טאָן. האָט ער לייבקען געגעבן אַ קורצן ענטפער אויף זיין פראַגע:

— גלאָריאַ איז אַן אַמעריקאַנער געבוירענע, אַ טאָכטער פון וואַרשעווער לאַנדסלייט.

— אַזוי, טאַקע פון וואַרשע? — און ער האָט זיך ווידער פאַרטיפט אין זיינע מחשבות.

*

אין אַזאַ לאַגע פילסט דו זיך, ווי מען וואָלט דיר דערלאַנגט אַ פּאַטש אין פּנים. ס׳קומט אַ טייערער גאַסט, וועמען דו ווילסט מקרב זיין מיטן גאַנצן האַרץ, דו ווילסט אים אַריינבעטן צו זיך אין שטוב אַריין, אים טראָגן אויף די הענט, זאָגט צו דיר דער גאַסט: ניין, איך וועל טאַקע אַ סך צייט פאַר־ברענגען ביי דיר, אָבער וווינען וויל איך אין אַ האָטעל, אין צענטער פון שטאָט. אַזוי וועט זיין בעסער און באַקוועמער, סיי פאַר מיר און סיי פאַר דיר.

אַן ערך אויף אַזאַ אופן האָט לייבקע געענטפערט מיכאַלן, ווען דער לעצטער האָט אים געמאָלדן, אַז איצט פאָרט מען צו אים אין שטוב אַריין, וווּ לייבקע וועט בלייבן וווינען פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין אויפהאַלט אין ניו־יאָרק. לייבקע האָט זיך געווענדט צו פיליפּן:

— דריי אויס דעם דישעל און פיר מיך צו צו אַ האָטעל אויף טיימס־סקווער.

— ס׳טייטש, דו האָסט דאָך נישט געמאַכט קיין רעזערוואַציע.

— זאָרג נישט, מיין קינד, מ׳עט שוין באַקומען אַ צימער.

ער האָט טאַקע באַקומען און גלייך אָנגעהויבן אין אים צו באַלעבאַטעווען אויף זיין אַלט־בחורישן שטייגער: געעפנט די וואַליזעס, צעהאָנגען די אָנצוגן און בשעת מעשה געגעבן צו פאַרשטיין זיינע באַגלייטערס, אַז ער דאַרף זיך אַ ביסל אָפּרוען נאָך דער רייזע. ער האָט ביי מיכאַלן גענומען זיין אַדרעס און טעלעפאָן און צוגעזאָגט צו קומען צו אים אין אָוונט עסן וועטשערע. מיכאַלן איז די גאַנצע זאַך נישט איינגעגאַנגען. ווי קען מען אים לאָזן אַליין פאַרן איבער דער שטאָט באַלד אינעם ערשטן טאָג? אָבער לייבקע האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט:

— פאַר וועמען האַלטסטו מיך, פאַר אַ גרינעם? איך וועל שוין אַליין געפינען מיין וועג.

אַזוי איז טאַקע געווען. צו דער באַשטימטער צייט האָט לייבקע אָנגעקלונגען אין דער טיר פון מיכאַלס דירה. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פיינעם אָוונט־אָנצוג און האָט געטראָגן אַ טייערן קראַוואַט און אַ ווייס טיכעלע אין דער ברוסט־קעשענע. מיט אַ שמייכל האָט ער דערלאַנגט דער באַלעבאָסטע אַ ריזיקן בוקעט בלומען, און מיכאַל, וואָס האָט דאָס אַלץ באַטראַכט, האָט זיך אַזש דעם שטערן געריבן פון גרויס חידוש.

וואָס אַזעלכעס איז דאָ געשען מיט זיין חבר? פון די אַמאָליקע יאָרן האָט מיכאַל געדענקט לייבקען ווי אַן אָפּגעלאָזענעם מענטש, וואָס האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף זיין אויסערלעכן אויסזען. ס'פלעגט אים נישט אַרן, אויב זיינע שיך זיינען געווען אויסגעדרייט, זיין העמד נישט געוואַשן און זיינע באַקן נישט ראַזירט. שטענדיק איז ער פאַרטאָן געווען אין ביכער און דיסקוסיעס וועגן ענינים, אויף וועלכע ס'שטיצט זיך דער סדר פון דער וועלט. און אָט שטייט דאָ פאַר מיכאַלן אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, פעדאַנטיש אויסגעפּוצט. ווי קומט דאָס צו לייבקען?

בעת מען האָט זיך געזעצט צום טיש, זיינען אַריינגעקומען פיליפּ און גלאָריאַ. פיליפּ האָט געפרעגט, ווי אַזוי לייבקע האָט פאַרבראַכט דעם טאָג און לייבקע האָט גענומען דערציילן וועגן די ניו־יאָרקער מערקווערדיקייטן, וועלכע ער איז היינט געגאַנגען אָנקוקן. אין מיטן רעדן האָט גלאָריאַ זיך עפּעס דערמאָנט:

— מיין מומע — האָט זי געזאָגט צו לייבקען — איז היינט געקומען פון מאָנטרעאַל צו דער חתונה. זי האָט געבעטן איך זאָל אייך איבערגעבן אַ גרוס.

— אייער מומע? ווער איז אייער מומע?

— די פרוי פיליס ווינטער — האָט גלאָריאַ אָנגערופן איר מומעס נאָמען, אָבער ווען זי האָט באַמערקט, אַז פאַר לייבקען קלינגט דער דאָזיקער נאָמען פרעמד, האָט זי זיך פאַרריכט.

— די מומע פייגעלע, איר מוזט זי דאָך קענען.

— ס'איז פעלאַ פּאַוועלסקאַ — האָט זיך מיכאַל אַריינגעמישט — דו געדענקסט זי, מסתמא, פון די אַמאָליקע צייטן.

מיכאַל האָט באַלד באַמערקט דעם דערשיטערנדיקן איינדרוק, וואָס די

דאָזיקע ידיעה האָט געמאַכט אויף לייבקען. אַ ווײַלע איז ער געבליבן זיצן אַ פאַרשטאַרטער אָן לשון. באַלד האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, צוגעפירט דעם ווייזפינגער צום שטערן, ווי ער וואָלט זיך וועגן עפּעס דערמאָנט, און האָט שטיל געזאָגט:

— אַהאַ, איר, גלאָריאַ, זענט טאַקע זייער ענלעך צו אייער מומען. און איך האָב נישט געוווּסט אַפילו, אַז זי לעבט.

און באַלד נאָך דעם צו מיכאַלן:

— זי האָט פון לעמבערג זיך אומגעקערט קיין וואַרשע צו די דײַטשן. ס׳איז געווען בעת יענע שרעקלעכע פּרעסט אין יאַנואַר 1940. זינט דעמאָלט האָב איך פון איר קיין זאַך נישט געהערט.

— יאָ, ריכטיק — האָט איצט מיכאַל ממשיך געווען פעלעס געשיכטע — זי האָט אין וואַרשע חתונה געהאַט מיט ווינטערן און געהאַט מיט אים אַ קינד, אַ מיידעלע. איר מאַן איז דערנאָך אומגעקומען און זי האָט זיך געראַטעוועט צוזאַמען מיט דער טאָכטער. זיי וווינען איצט אין קאַנאַדע.

יענעם אָוונט האָט זיך בײַ לייבקען שוין נישט געקלעפּט דער געוויינט־לעכער געמיטלעכער שמועס. כמעט די גאַנצע צייט איז ער געזעסן אַ שווײַגנדיקער און פאַרשלאָסענער אין זײַנע געדאַנקען. אַלטע, כמעט שוין פאַרגעסענע איבערלעבונגען האָבן גענומען צוריקצושפּאַרן אין זײַן זכּרון אַרײַן. לייבקע אַליין האָט זיך דערפילט אומהיימלעך און מיכאַל האָט באַ־מערקט, אַז מיט זײַן חבר טוט זיך עפּעס. ער האָט נישט געקענט תּופס זײַן די סיבה פון דער פּלוצעמדיקער ענדערונג אין לייבקעס געמיט. איז ער דאָך, לייבקע, אַרײַנגעקומען צו אים אין שטוב אַרײַן אַ צעשמייכלטער און זאָרג־לאָזער, און איצט זיצט ער ווי, להבדיל, אַן אָבל.

אין זײַן אײַנגעבוירענער איידלקייט האָט מיכאַל געפילט, אַז ער דאַרף בײַ לייבקען נישט פרעגן וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך מיט אים. ער איז רויִק געזעסן און האָט געוואַרט, ביז לייבקע אַליין וועט עפּעס זאָגן. ערשט נאָך אַ לענגערער ווײַלע האָט ער זיך צוגערוקט צו מיכאַלן און שטילערהייט, ווי ס׳וואָלט געווען אַ סוד, געזאָגט:

— איך פאַרשטיי נישט פאַר וואָס עס איז אַזוי, נאָר אַלע מאָל, ווען מײַן געמיט ווערט שווערער און ס׳רוקן זיך אָן דערמאָנונגען פון טרויעריקע איבערלעבונגען, קומט מיר צוריק אויפן זכּרון די מעשה מיטן אַלטן תּנך

און ס'נאָגט עפּעסביים האַרצן, פּונקט ווי ס'וואָלט דאָרט געזעסן אַ בייזער וואָרעם.

*

מיכאַל האָט געקענט די מעשׂה מיטן אַלטן תּנך. לייבקע האָט זי אים געהאַט דערציילט מיט יאָרן צוריק, בעת זיי האָבן זיך געטראָפן אין לעמבערג.

געווען איז עס אין פרילינג פונעם יאָר 1940. מיכאַל האָט נאָך אַ סך פריִער זיך אַרויסגעראַטעוועט פון וואַרשע. ער איז צוריקגעקומען צו זיינע עלטערן אין ביאַליסטאָק, ער האָט אָבער נישט געקענט איינאָרדענען זיך אין דער דאָזיקער שטאָט, ווו אַלע האָבן געוווּסט, אַז זיין פאָטער איז אַ „נאַציאָנאַליזירטער" גביר און האָט באַקומען דעם עלפטן פּאַראַגראַף אויף זיין סאָוועטישן פּאַספּאָרט. האָט מיכאַל גערעכנט, אַז פאַר אים וועט בעסער זיין צו באַזעצן זיך אין לעמבערג. אָבער אין לעמבערג האָט מיכאַל אויך נישט געפונען דאָס, וואָס ער האָט געזוכט, האָט ער זיך פאַרשריבן אויף אַרבעט קיין רוסלאַנד און איז פרייוויליק אַוועק ווי אַ קוילן־גרעבער אינעם דאָן־באַסיין.

געגלייבט האָט ער דעמאָלט, מיכאַל, באמונה שלימה, אַז זיין עיקרדיקע אויפגאַבע אין לעבן איז אונטערצושטעלן אַ פּלייצע צום אויפבוי פונעם סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד. נאָר לאָמיר נישט פאַרויסלויפן די געשעענישן און האַלטן זיך ביי דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין לעמבערג.

קיין לעמבערג איז ער אָנגעקומען אַן אויפגעלייגטער און אַ האָפערדיקער. נאָך פון פאַר דער מלחמה האָט ער גוט געקענט די דאָזיקע שטאָט, אַלע מאָל אַ פריילעכע און צעבאַלעוועטע, מיט אַ זאָרגלאָז־שפּאַצירנדיקער יוגנט איבער די הויפּטגאַסן. דאָס מאָל האָט אָבער מיכאַל אַרום זיך דערפילט אַן אומהיימ־לעכקייט, אַן אומעט. די רויטע טראַמווייען האָבן זיך טאַקע אויך איצט געטראָגן מיט זייער רעשיקער געקלינגעריי. אָבער די גאַסן זיינען געווען אויסגעליידיקט פון מענטשן, די הויכע קאַמעניצעס — פאַראומערטע און פאַרשטומטע מיט פאַרהאַקטע לאָדנס פון אַלע געשעפטן.

נישט געקוקט אויף דעם האָט לייבקע, כאָטש אויך אַ פּליט, באַוויזן זיך איינצואָרדענען אין אַן אייגענער דירה. מיכאַל איז געווען איבערראַשט, ווען לייבקע האָט אים פאָרגעשטעלט אַ יונגע פרוי מיט קורץ־געשוירענע קאַשטאַנ־האָר און שאַרפקאַנטיקע, כמעט פירעקיקע, באַקנביינער:

— באַקען זיך, מיכאַל, דאָס איז צעלינאַ, אַ חברטע פון לאָדזש. מיט צוויי וואָכן צוריק האָבן מיר זיך פאַרשריבן אין „זאַגס" ווי מאַן און ווייב.

לייבקע האָט מיכאַלן דערציילט, ווי אַזוי ער האָט אין משך פונעם ווינטער אויפגעזאַמלט הונדערטער טויזנטער ביכער פון געזעלשאַפטלעכע און פריוואַטע ביבליאָטעקן. איין מאָל האָט ער זיך דערוווּסט, אַז די גרויסע ביבליאָטעק פונעם יעזויִטן־מאָנאַסטיר אין כערעוו ביים סאַן איז אין סכנה. דער מאָנאַסטיר שטייט האַרט ביי דער ניי־געשאַפענער גרענעץ צווישן דעם סאָוויעטישן און דייטשן אָקופּאַציע־געביט. עס האָט זיך דאָרט פאַרקליבן אַן איינהייט פון דער רויטער אַרמיי, וואָס האָט פאַרטריבן די מאָנאַכן. די ביבליאָטעק איז געבליבן אויף הפקר.

בראש פון אַ קאַראַוואַן לאַסט־אויטאָמאָבילן איז לייבקע אַוועקגעפאָרן קיין כערעוו. ס'איז גאָר קיין לייכטע זאַך נישט געווען צוצוקומען צו דער דאָזיקער ביבליאָטעק; דער מאָנאַסטיר איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיליטערישער גרענעץ־באַזע, וואָס ווערט שטאַרק געהיט פאַר אַ בייז אויג. לייבקעס אַרבעטער האָט דער קאָמענדאַנט נישט דערלויבט אַריבערצוטרעטן די שוועל פונעם מאָנאַסטיר. אַלע לאַסטוועגענער זיינען געבליבן שטיין אויף יענער זייט טויער און בלויז לייבקע אַליין האָט במשך פון אַ גאַנצן טאָג געפּאַקט די ביכער אין די זעק און געשלעפּט זיי אויף די פּלייצעס ביז צום טויער פונעם מאָנאַסטיר.

אין אַ געוויסן מאָמענט, בעתן פאַרפּאַקן אַ זאַק, האָט ער באַמערקט אויף אַ זייטיקער פּאָליצע אַ בוך, וואָס איז געלעגן געעפנט מיט עטלעכע אַרויסגעריסענע בלעטלעך. אינסטינקטיוו האָט ער זיך דערנענטערט צום בוך און גענומען עס אין האַנט. ס'איז געווען אַן אמתדיקער אינקונאַבל: אַ העברעיִשער תּנך מיט פּירושים, איינער פון די ערשטע סאָנצינער דרוקן פונעם פינפצנטן יאָרהונדערט. בעת ער האָט געבלעטערט די פאַרגעלטע בוך־זייטלעך און מיט פאַרדרוס געטראַכט וועגן די אַרויסגעריסענע בלעטער, איז צו אים פון אַ זייט צוגעגאַנגען דער רויטאַרמייער, וואָס איז דאָרט אַוועקגעשטעלט געוואָרן צו היטן לייבקען ביי זיין אַרבעט. ער האָט זיך אָנגערופן:

— דו, ריזשי*, נעם נישט דאָס דאָזיקע בוך.

---

* געלער (רוסיש).

לייבקע האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן סאָלדאַט און אויף זיין פּנים האָט אַ שלאָג געטאָן אַ רויטקייט, וואָס האָט זיך צונויפֿגעגאָסן אין איין פֿאַרב מיטן קאָפּ האָר.

— פֿאַר וואָס?

— דאָס פּאַפּיר איז גוט צו פֿאַרדרייען אין אים מאַכאָרקע.

— האָסטו טאַקע פֿון דאַנען אַרויסגעריסן די בלעטלעך?

— יאָ, וואָס איז דען?

לייבקע איז אין איין אָטעם אַוועקגעלאָפֿן צום קאָמענדאַנט. ער האָט אים אָנגעהויבן אויפֿצוקלערן די חשיבות פֿון אַ יקר־המציאות. ס'איז מעגלעך, אַז אויף דער גאָרער וועלט קען מען געפֿינען בלויז נאָך איין עקזעמפּלאַר פֿון אַזאַ בוך, און אפֿשר אויך דאָס נישט. דער מאַיאָר, אַ טעמפּער אָפֿיציר, האָט פֿונעם ביבליאָטעקאַרס אויפֿרעגונג פֿאַרשטאַנען, אַז ס'האַנדלט זיך וועגן אַ וויכטיקן ענין. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון זיין שטול און איז צוזאַמען מיט לייבקען אַוועק אין דער ביבליאָטעק. דער מאַיאָר האָט דאָס אַלטע בוך גענומען אין די הענט און באַקוקט עס פֿון אַלע זייטן.

— וואָס איז דאָס אַזעלכעס? — האָט ער געפֿרעגט.

— די עלטסטע געדרוקטע אויסגאַבע פֿון דער ביבליע.

— אַ ביבליע? צוליב אַ ביבליע מאַכסטו אַזאַ טומל? ס'איז דאָך אָפּיום פֿאַרן פֿאָלק!

לייבקע האָט זיך נישט פֿאַרלוירן. ער האָט געטענהט, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן דעם אינהאַלט פֿונעם בוך, נאָר וועגן דעם, אַז דאָס דאָזיקע בוך איז אַ קולטור־היסטאָרישער דאָקומענט און אַזעלכע דאָקומענטן ווערן אומעטום אָפּגעהיט מיט באַזונדערער זאָרגעוודיקייט.

דער מאַיאָר איז נישט געווען איבערצייגט פֿון לייבקעס הייסע רייד און האָט זיך געהאַלטן ביים זייניקן.

— און דו ביסט אַ קאָמוניסט... און דו ווילסט אָפּזאָגן דאָס ביסל הנאה אַן אויסגעמאַטערטן רויטאַרמייער, וואָס דאַרף דאָך פֿאַרט אין עפּעס איינוויקלען די מאַכאָרקע...

ער האָט אָבער געזען, אַז לייבקע וועט נישט נאָכגעבן, האָט ער זיך אויסגעדרייט צום סאָלדאַט און גלייך אויפֿן אָרט אַרויסגעגעבן אַ פּסק־דין לויטן נוסח פֿון שלמה המלך:

— רייס דיר אָן אַ ביסל בלעטלעך, אַזוי פיל וויפל דו דאַרפסט אויף עטלעכע טעג צום רויכערן, און דאָס בוך גיב דעם חבר ביבליאָטעקאַר.

לייבקע האָט אַ פאַרצווייפלטער אויפגעהויבן די הענט און געבעטן זיך רחמים:

— רייסט נישט מער פונעם בוך, איך בעט אייך, ס׳איז דאָך אַ הימל־שרייענדיקער וואַנדאַליזם!

מען האָט אים נישט געהערט. דער פסק־דין איז געווען אַן ענדגילטיקער און קיין אַפּעלאַציע קעגן אים איז נישט געווען. דער סאָלדאַט האָט געריסן בלעטלעך צו דריי אָדער פיר אויף אַ מאָל, ביז ער האָט אַרויסגעריסן אַ העלפט פונעם בוך, דערנאָך האָט ער די בוך־טאָוולען מיט די איבערגעבלי־בענע בלעטלעך דערלאַנגט לייבקען.

*

איצט, בעת לייבקע זיצט אין מיכאַלס שטוב אין ניו־יאָרק, און גאַנצע צוואַנציק יאָר זיינען אַריבער זינט יענעם געשעעניש, איז נאָך ביי אים דער איינדרוק אַזוי פריש, ווי דאָס וואָלט פאַרגעקומען ערשט נעכטן.

— זינט דעמאָלט — זאָגט ער מיכאַלן שטילערהייט — האָב איך איבער־געלעבט שווערע צייטן אין די וואָרקוטער לאַגערן, דערנאָך ווי אַ רויט־אַרמייער געפונען זיך אויף די ערשטע שלאַכטליניעס במשך פון עטלעכע יאָר, געוואַלגערט זיך צווישן הונדערטער טויזנטער מתים אין סטאַלינגראַד, צוריקגעקומען קיין פוילן און דאָרט זיך צוגעקוקט צום חורבן פונעם ייִדישן לעבן. און דאָך — האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע, ווי ער וואָלט געוואָלט אין עפּעס זיך איינהערן — קלינגט מיר נאָך איצט אין די אויערן דער שאָרך פון די געריסענע בלעטער פונעם סאָנצינער תּנך. ס׳דוכט זיך מיר, ווי מען וואָלט געריסן שטיקער פון מיין האַרץ.

זיין פּנים האָט זיך אויסגעקרימט אין אַ ווייטיקלעכן שמייכל:

— איז עס דען אַ קלייניקייט? אַ ייִדישער ספר, אָפּגעהיטן אין משך פון יאָרהונדערטער אין אַ יעזויִטישן קלויסטער, און חרוב געמאַכט דורך סאָלדאַטן פון אַן אַרמיי, וואָס קומט באַפרייען די וועלט פון אונטערדריקונג און איינפירן אַן אָרדענונג פון גערעכטיקייט און גלייכקייט פאַרן גאַנצן מענטשלעכן מין. נו, מיכאַל, ווי אַזוי געפעלט דיר דאָס?

מיכאַל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט נישט אַרויסגעזאָגט קיין וואָרט, נאָר שטילערהייט האָט ער זיך געחידושט אויף לייבקען. טאַקע אַ יקר־המציאות, אָבער דאָך נישט מער ווי אַ בוך. קען דען אַזאַ צעריסן בוך איבער־לאָזן אַ ווונד אויפֿן גאַנצן לעבן?

*

די ווייטערדיקע צוויי טעג האָט לייבקע איבערגעלעבט, ווי אין אַ חלום. נאָר מיט גרויס אָנשטרענג איז אים געלונגען צו באַצווינגען זיין אָפּהענטיקייט און זיך אַוועקלאָזן אויף אַ טור איבער ניו־יאָרק. געוואָלט האָט ער, דער עיקר, באַקענען זיך מיט מוזייען און ביבליאָטעקן און חוץ דעם זען עטלעכע גוטע פּיעסן, וואָס מען שפּילט אין די טעאַטערס אויף בראָדוויי. זיינען אים די טעג ווי נישט איז דורכגעגאַנגען, אָבער די נעכט זיינען געווען שלאָפלאָזע. זכרונות פון פאַרגאַנגענע יאָרן האָבן זיך בגעוואָלט געשטופּט אין זיין דמיון און אים געהאַלטן וואַך ביז אין ווייסן טאָג אַריין.

ער האָט שוין צו ביסלעך געהאַט אויסגעפאָרשט מיכאַלן. ער האָט עס געטאָן זייער פּאָרזיכטיק, כּדי מיכאַל זאָל זיך נישט משער זיין, אַז ער אינטערעסירט זיך מיט פּעלען. מיכאַל האָט גאָרנישט געוווסט וועגן דעם, וואָס אים האָט אַ מאָל פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער פרוי און לייבקע האָט אים אויך ווייטער געוואָלט האַלטן אין דער דאָזיקער אומוויסנקייט.

פון מיכאַלן האָט לייבקע זיך דערוווסט, אַז פּעלע האָט זיך אָפּגעמאַטערט דאָס גאַנצע לעבן ווי אַן אַלמנה. אין משך פון די לעצטע צען יאָר האָט זי געאַרבעט ווי אַ פאַרקויפערין אין אַ מאַנטרעאַלער קליידער־געשעפט. דערפון האָט זי זיך מפרנס געווען און דערצויגן איר טאָכטער. לעצטנס גייט איר שוין בעסער. די טאָכטער איז דערוואַקסן און אַרבעט אין אַ ביוראָ. זי גרייט זיך בקרוב חתונה צו האָבן.

אַזעלכע ידיעות האָבן לייבקען נישט לייכטער געמאַכט דאָס געמיט. פאַר וואָס האָט ער, לייבקע, זיך נישט באַמיט איר צו העלפן? אמת, ער האָט נישט געוווסט, אַז זי לעבט. אָבער צי האָט ער ווען נישט איז געמאַכט באַמיִונגען וועגן איר זיך עפּעס צו דערוויסן? און דאָך האָט ער איר געהאַט אַזוי פיל צו פאַרדאַנקען.

לייבקע דערמאָנט זיך וועגן יענער צייט, ווען ער איז צוריקגעקומען

פונעם בערעזער קאָנצענטראַציע־לאַגער אין אַ מצב פון אַ האַלבן אינוואַליד. ער האָט נישט געוווּסט, ווו זיך אַהינצוטאָן. צו זיינע עלטערן, אין דער באַלעבאַטישער שטוב אַריין, האָט ער נישט געקענט צוריקגיין. ער האָט דער דאָזיקער שטוב און דער גאַנצער משפּחה זיינער געבראַכט (ווי דער טאַטע, דער ציוניסטישער עסקן פלעגט זיך אויסדריקן) אַ סך בזיונות. וואָלטן אים די בזיונות אַליין נישט אַזוי פיל געאַרט, ווען נישט דאָס, אַז חוץ זיי זיינען אויך געווען ממשותדיקע צרות: אָפּטע רעוויזיעס, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן אין משך פונעם גאַנצן ערשטן יאָר פון זיין זיצן אין בערעזע. לייבקע איז זיכער געווען, אַז די שטוב פון זיינע עלטערן געפינט זיך נאָך איצט אונטער פּאָליציייִשער אָבסערוואַציע.

וועגן אומקערן זיך צו זיין פריִערדיקער אַרבעט אין דער פּאַרטיי האָט לייבקע נישט געקענט טראַכטן. נישט בלויז צוליב דעם, וואָס ער איז געווען פיזיש חרוב, נאָר דער עיקר, ווייל איצט איז ער געווען דעקאָנספּירירט און זיין יעדער טריט איז געווען באַוואַכט דורך פּאָליציי־אַגענטן.

פאַרנומען מיט לייבקען האָט זיך דער קאָמיטעט פאַר פּאָליטישע אַרעס־טירטע און פּעלע איז דעמאָלט באַשטימט געוואָרן ווי די פאַרבינדלערין אָנצוהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט לייבקען. זי האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין דער דירה, ווו זי האָט געוווינט מיט איר אַלטער מאַמען. די דירה איז געווען אַ גאַנץ גרויסע, אין סאַמע צענטער פון דער ייִדישער געגנט. אַמאָליקע יאָרן, ווען פּעלעס פאָטער (אַ טוער אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען) האָט געלעבט, איז אין דער דאָזיקער דירה געווען לעבעדיק, נאָר איצט האָט דאָ לייבקע געפונען אַ בית־עולמדיקע שטילקייט. ער איז דערפון גראָד געווען צופרידן, ער האָט געלעכצט נאָך רו.

ער האָט זיך אַריינגעצויגן אין אַ זייטיקן צימערל. ער האָט דאָס דאָזיקע צימערל — פּונקט ווי די גאַנצע דירה — גוט געדענקט פון די אַמאָליקע צייטן. מיט פופצן יאָר צוריק האָט אינעם דאָזיקן צימער געוווינט אַדאָלף וואַרסקי און פון דאַנען האָט ער געפירט זיין פאַרקאָנספּירירטע פּאַרטיי־אַרבעט. לייבקע האָט דעמאָלט געשטעלט זיינע ערשטע טריט אין דער פּאַרטיי. אַ שילער פון דער אסכּלה־גימנאַזיע, וואָס זיין טאַטע, דער משׂכּיל, האָט שטאַלצירט אויף זיין זונס בקיאות אין העברעיִשע לימודים, איז ער, לייבקע, פּלוצעם אַוועק צו די „לינקע״.

לייבקע האָט נושא חן געווען ביי וואַרסקין, וועלכער האָט דעם יונגן סטודענט באַשטימט ווי זיין פּערזענלעכער קוריער פאַר באַזונדערע וויכטיקע שליחותן. טאַקע דעמאָלט האָט ער זיך, לייבקע, באַקענט מיט פעלען. זי איז געווען נאָך אַ קינד און האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס אַרום איר טוט זיך. אַ צעשמייכלטע פלעגט זי זיך אַרומדרייען צווישן די דערוואַקסענע און וואַרטן, אַז עמעצער זאָל זי צולאַשטשען אָדער נעמען אויף די קני.

וואַרסקי פלעגט עס אָפּט טאָן. ער האָט צו איר געהאַט אַ סך געדולד, געשפּילט זיך מיט איר און געשטופּט נאַשערייען אין איר מויל אַריין. זי האָט אים ליב געהאַט, זיך נאָך אים נאָכגעשלעפּט און גערופן אים „וויאַשעק (אָנקל) דאַלעק".

לייבקע געדענקט אויך, ווי מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט פעלעס עלטערע שוועסטער זיך געגרייט צו פאָרן קיין אַמעריקע. פעלע איז דעמאָלט געווען אַ מיידל פון אַ יאָר דרייצן און האָט זיך שוין באַטייליקט אין די אַקטיוויטעטן פון דער פּאַרטיי. דער וויאַשעק אַדאָלף איז באַלד דערנאָך אַוועק דורך דער גרינער גרענעץ קיין רוסלאַנד, לייבקע איז געשיקט געוואָרן אויף וויכטיקערע פּאַרטיי־פּאָזיציעס, און זינט דעמאָלט האָט ער פעלען פאַרלוירן פון די אויגן. ער האָט זיך מיט איר ווידער געטראָפן ערשט נאָך זיין אומקערן זיך פון בערעזע־קאַרטוסק.

אין משך פון עטלעכע וואָכן האָט לייבקע זיך אָפּגערוט אין פעלעס שטילער דירה. נאָך דעם האָט ער אָנגעהויבן זיך אַרומצוקוקן וועגן אַרבעט. ער איז אַריינגעטרעטן ווי אַ געהילף אין דער קאַנצעלאַריע פון אַ וואַרשעווער אַדוואָקאַט, וואָס האָט פאַרטיידיקט באַשולדיקטע אין פּאָליטישע פאַרברעכנס. לייבקע איז דעמאָלט געוואָרן אַ פאַרטיידיקער פון קאָמוניסטן פאַר די פּויליש־שע געריכטן. ער האָט גערעכנט, אַז אויב ער קען נישט דירעקט אַרבעטן פאַר דער פּאַרטיי, וועט ער כאָטש אויף אַזאַ אופן זיך נוצלעך מאַכן פאַר איר.

אין אָט די צוויי יאָר, זינט זיין צוריקקומען קיין וואַרשע ביזן אויסבראָך פון דער מלחמה, האָט זיך צווישן אים און פעלען פאַרבונדן אַ נאָענטע באַ־ציִונג. זי איז שוין איצט נישט געווען דאָס קליינע מיידעלע, וואָס האָט זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס פון די דערוואַקסענע, אָבער דער שטיפעריש־ער שמייכל אין די העלבלויע אויגן און דער גאָלדבלאָנדער קאָפּ האָר זיינען איר געבליבן פּונקט ווי אַ מאָל. זי איז אויסגעוואַקסן הויך און שלאַנק, איר

פנים קיילעכדיק און נאַטירלעך פאַררויטלט, אירע פיס אויסגעטאָקט און דער גאַנג אַ ווייכער, אַ מאַיעסטעטישער.

לייבקע האָט איר אַרויסגעוויזן אַ סך געפיל און זי האָט אים צוריקגעצאָלט מיט פרויִשער וואַרעמקייט און מוטערלעכער זאָרגעוודיקייט. ער האָט צו איר אַ מאָל געזאָגט אין האַלבן שפּאַס:

— איך האָב מורא, אַז מיר וועלן בטל בששים אין אַ ים פון סענטימענטאַלקייט. פּאַרטיי־טוערס טאָרן נישט זיין סענטימענטאַל.

זי האָט עס אָבער נישט גענומען אַזוי ערנסט. צום סוף איז ער מיט איר מסכּים געווען. ס'איז גוט געווען צו פילן די וואַרעמקייט פון איר האַנט. איר נאָענטקייט האָט אים באַהויכט מיט אַ נייעם אינהאַלט, דערוועקט אין אים אַ באַגער צו אַ שלווהדיק לעבן, צו אַן אייגענער היים.

גאַנץ מעגלעך, אַז לייבקע וואָלט שוין דעמאָלט בהדרגהדיק אַריבערגעגאַנגען אויף אַ באַלעבאַטישן לעבנס־שטייגער. ס'איז אָבער אויסגעבראָכן די מלחמה און דייטשע באָמבעס האָבן גענומען פאַלן אויף וואַרשע פונעם צעפייערטן הימל. זיי האָבן איינגעפּאַקט צוויי רוקזעק און מיט די מחנות וואַנדערערס זיך געלאָזט אויף מזרח. זיי האָבן פאַר זיך געהאַט אַ קלאָרן ציל: זיי וועלן דערגיין ביז אַהין, אויף דער צווייטער זייט פון דער סאָוויעטישער גרענעץ, ווו מענטשן לעבן אין גליק און מנוחה און אַרבעטן פאַרן אויפבוי פונעם פּראָלעטאַרישן לאַנד. דאָרט ווייסט מען נישט פון דער שרעק, וואָס עס יאָגן אָן די פּאָליציייִשע שפּיצלעס, די דייטשע באָמבעס און דער פאַרויסמאַרש פון די נאַצישע חיילות.

פעלע האָט אויפן וועג אָפּט דערמאָנט אַדאָלפן. זאָלן זיי נאָר אַהין זיך דערשלאָגן, וועלן זיי זיך שוין פילן זיכער און פריי פון אַלע דאַגות. אַדאָלף איז דאָך נישט אַבי ווער, ער וועט פאַר זיי עפענען אַלע טירן.

לייבקע האָט זיך באַמיט זי אָפּצוקילן אין אירע חלומות. ערשטנס, האָבן זיי נישט אַדאָלפס אַדרעס און זיי ווייסן אַפילו נישט, ווו ער געפינט זיך אמת, אין די ערשטע יאָרן נאָך זיין אַוועקפאָרן, פלעגן פון אים קומען פון צייט צו צייט קורצע בריוולעך, אָבער וויפל יאָר זיינען שוין פאַריבער זינט זיין לעצטן בריוו? שפּעטער האָט שוין קיינער פון אים נישט געהאַט קיין שום צייכן פון לעבן. איז דעריבער נישט כּדאי זיך צו פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט אילוזיעס. זייער אויפגאַבע איז בשלום אַריבערצוקומען אויף דער צווייטער

זייט גרענעץ, און אויב זיי וועלן דאָס באַווייזן צו טאָן, וועט שוין דאָס זיין אַ גוטער אויפטו.

אין לייבקעס שטימע האָבן דעמאָלט געקלונגען קלאָרע טענער פון ספק, אָבער פעלע האָט זיי נישט דערהערט. אין דער דאָזיקער ביטערער צייט, בעת זיי האָבן זיך ביי טאָג און ביי נאַכט געוואַלגערט אויף אָפענע פעלדער און כסדר געמוזט זיך שיצן פאַר דייטשע עראָפּלאַנען, וואָס האָבן נאָכגעיאָגט און באַשאָסן די מחנות וואַנדערערס, האָט איר הנאה געטאָן צו פאַרוויגן זיך מיט חלומות.

זיי האָבן זיך דערשלעפּט קיין ראָוונע אין דעם זעלבן טאָג, ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז די רויטע אַרמיי האָט איבערגעטרעטן די סאָוויעטיש־פּוילישע גרענעץ. אין ראָוונע האָבן זיי מיט פרייד באַגריסט די אַריינמאַר־שירנדיקע באַפרייערס.

זיי זיינען נישט געבליבן אין ראָוונע. ווי נאָר עס האָבן ווידער אָנגעהויבן צו קורסירן די באַנען, זיינען זיי אַריבערגעפאָרן קיין לעמבערג. דאָרט האָבן זיי טאַקע באַלד ווי ס׳איז זיך איינגעאָרדנט. פעלע האָט באַקומען אַרבעט אין די זיך שאַפנדיקע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און לייבקע איז אַוועק צו קולטור־אַרבעט. זיי האָבן באַקומען אַ ווינקל צו וווינען מיט באַשיידענע שפּייז־צוטיילונגען. כאָטש אַלץ איז געווען בצימצום זיינען זיי אָבער געווען צופרידן און זיי וואָלטן זיך אויף קיין זאַך נישט באַקלאָגט, ווען נישט די נייע צרות, וואָס האָבן איצט זיך אָנגעהויבן.

אין משך פון אַ געוויסער צייט האָט לייבקע באַמערקט, אַז מיט פעלען איז עפּעס געשען. זי איז נישט געווען דער זעלבער מענטש, וואָס פריִער. דער גוטמוטיקער שמייכל איז פאַרשוווּנדן פון איר פּנים. זי האָט פאַרלוירן דעם אַפּעטיט, איז נישט געשלאָפן אין די נעכט, האָט אָנגעהויבן איינצור־טריקענען. לייבקע האָט זיך דערשראָקן, געבעטן מען זאָל גיין צו אַ דאָקטער. זי האָט אָבער נישט געוואָלט. זי האָט געזאָגט, אַז איר איז גאָרנישט און ס׳וועט איבערגיין.

ס׳איז אָבער נישט איבערגעגאַנגען. אין די אָוונטן, בעת זי האָט זיך אומגעקערט פון איר אַרבעט אין די „פּראָפסאָיוזן״*, האָט זי נישט געקענט נעמען זיך צו דער געוויינטלעכער שטובאַרבעט. זי פלעגט זיך אַוועקזעצן

* פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען (רוסיש).

אויף אַ שטול און פאַרשיטן לייבקען מיט הונדערטער פראַגן — אָן אַ סדר, אָן אַ טאַלק. ס'איז פון זיי געווען צו זען, אַז איר עקבערן ספקות, וועלכע זי קאָן אַליין נישט פאַרענטפערן. ס'מאַכט דעם איינדרוק, ווי דער גאַנצער בנין פון איר ביזאיצטיקן גלויבן וואָלט געהאַלטן אין איינפאַלן זיך און פון דעם ווערט זי צעמישט.

אַ מאָל האָט זי לייבקען געשטעלט אַזאַ פראַגע: צו וואָס זיינען די פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען? אַז מען שיקט זי צו די אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען אין די פאַבריקן, הייסט מען איר אויפקלערן די אַרבעטער דאָס גרויסע גליק, וואָס זיי האָט געטראָפן. אירע אַלע רעדעס דרייען זיך אַרום דעם, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד איז די מלוכה פון די אַרבעטער און דער צוועק פון די פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען איז צו באַשיצן די אינטערעסן פונעם אַרבעטער־קלאַס. די אַרבעטער גלייבן איר נישט. זי זעט עס אין זייערע בליקן, זי הערט עס אין זייער שווייגן. דאָס ערגסטע איז אָבער, אַז זי אַליין ווייסט, אַז אַלץ וואָס זי זאָגט, איז נישט מער ווי דיאַלעקטיק. וואָרעם אויב אַן אַרבעטער האָט ביי די קאַפּיטאַליסטן פאַרדינט פינף זלאָטעס אַ טאָג, פאַרדינט ער איצט אין דער זעלבער פאַבריק און ביי דער זעלבער אַרבעט פינף רובל. אָבער פאַר פינף זלאָטעס האָט ער געקענט אָנקויפן שפּייז־אַרטיקלען צו דער זעט און די פינף רובל קלעקן אים בלויז אויף אויסצוקויפן דאָס טרוקענע ברויט אין דער מלוכישער בעקעריי. היינט, אַז זי קומט צו די אַרבעטער און רעדט צו זיי דאָס, וואָס מען הייסט איר זאָגן, וויל זי וויסן, ווו ס'איז דאָ דער טאַלק. וואָס איז די אויפגאַבע פון די פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין אַ סיטואַציע, ווען דער אַרבעטער ווערט אַזוי שרעקלעך עקספּלואַטירט.

פאַר לייבקען וואָלט נישט געווען שווער צו פאַרענטפערן פעלען די אַלע פראַגן מיט ראיות פונעם פאַרטייִישן שולחן־ערוך, ער האָט אָבער געפילט, אַז ביי איר איצטיקן מצב וועלן די דאָזיקע ראיות נישט האָבן קיין פעולה. האָט ער דעריבער באַשלאָסן צו באַנוצן זיך מיט רייד, וועלכע וועלן מער אַפּעלירן צו אירע סענטימענטן.

— לויטן אופן ווי דו רעדסט, באַקומט זיך אַן איינדרוק, אַז דו ביסט גאָר קיין מאַרקסיסטקע נישט — האָט ער איר געמאַכט אַ פאָרוואורף.

דערנאָך האָט ער איר גענומען אויפקלערן, אַז כאָטש מען האַלט נאָך זייער ווייט פון דער רעאַליזירונג פונעם קאָמוניזם, איז פון דעסטוועגן דער

ראַטן־פאַרבאַנד דאָס איינציקע לאַנד מיט אַ סיסטעם, וואָס קען אַנטוויקלען אַ גערעכטע סאָציאַלע אָרדענונג. מען טאָר נישט פאָדערן צו פיל אויף אַ מאָל. די אַנטוויקלונג קומט בהדרגהדיק און לאַנגזאַם. לעת עתה נייטיקט זיך געדולד און אויסדויער. די אמתדיקע גערעכטע אָרדענונג וועט קומען שפּעטער.

זי איז נישט נתפּעל געוואָרן פון זיינע אויפקלערונגען. אַ צווייט מאָל איז זי געקומען און געפרעגט, וואָס ער טראַכט וועגן דעם חוזק־שפּיל, וואָס זיי רופן: וואַלן. מען הייסט איר אַגיטירן צווישן דעם עולם, אַז למען השם יעדער זאָל גיין און אָפּגעבן די שטימע. מענטשן וועלן דאָך סיי ווי גיין צו די וואַלן. דער טעראָר פון די מאַכטאָרגאַנען איז גרויס און יעדער היט זיך נישט אַריינצופאַלן אין זייערע הענט.

אויף דעם האָט איר לייבקע געגעבן אַ לעקציע וועגן דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז אין דער איצטיקער צייט אַ נויטווענדיקייט, ווייל די רעוואָלוציע איז אַרומגערינגלט מיט אַ סך שונאים. זי האָט אויף אים געקוקט מיט שפּאָט און געזאָגט:

— דו זאָגסט פונעם פּראָלעטאַריאַט? דער פּראָלעטאַריאַט ווערט דאָ צום מיינסטן געדריקט. ס'איז אַ דיקטאַטור פון אַ הייפל מושלים, פון אַ קליקע.

ערשט איצט האָט לייבקע באַנומען, ווו ער האַלט מיט פעלען. ער האָט זי געוואָלט ראַטעווען און ער האָט זי געבעטן זי זאָל פאַר קיינעם נישט אַרויסרעדן קיין וואָרט וועגן אָט די זאַכן. ער וועט פאַר איר שאַפן אַן אַנדערע אַרבעט, ערגעץ אין אַ ביבליאָטעק, דאָרט וועט זי נישט האָבן צו טאָן מיט פּראָפּאַגאַנדע און זי וועט זיך באַרויִקן.

אָבער ס'האָט נישט געהאָלפן. יעדער טאָג האָט פאַר איר געבראַכט נייע אויפרעגונגען. איין מאָל, (געוועזן איז דאָס שוין אין מיטן פונעם ווינטער), איז זי אַהיימגעקומען אַ פאַרוויינטע. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שטול און גלייך אים געפרעגט:

— לאָנעק, זאָג מיר, פאַר וואָס האָבן זיי דערמאָרדעט דעם וויאַשעק דאַלעק?

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן. זי האָט געקוקט אויף אים מיט אַ פאַר־גליווערטן בליק. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז היינט האָט זי זיך דערוווּסט וועגן דעם, וואָס מיט וואַרסקין איז געשען אין די צייטן פון די מאָסקווער פּראָצעסן. לייקענען וואָלט געוועזן נאַריש, האָט ער געענטפערט:

— וואַרסקין האָט מען נישט דערמאָרדעט. ער איז פאַרמישפּט געוואָרן דורכן פאָלקסטריבונאַל.

— יאָ, אָבער פאַר וואָס?

ער איז שוין געווען מיד פון די אַלע פראַגן און ער האָט נישט געקענט צוטראַכטן קיין פּאַסיקן ענטפער פאַר איר.

— פאַר קאָנטררעוואָלוציע. ער איז געווען אַ שׂונא פונעם אַרבעטער־קלאַס — האָט ער נאָכגעזאָגט דעם פּזמון פון דעם סאָוויעטישן גערעכטיקייט־לעקסיקאָן, נישט פאַרטראַכטנדיק זיך אַפילו וועגן דעם אמתן באַטייט פון דעם, וואָס ער האָט געזאָגט.

זי איז אויפגעשפּרונגען ווילד און מיט פאַרביילטע פויסטן.

— אַדאָלף איז נישט געווען קיין שׂונא פונעם אַרבעטער־קלאַס — האָט זי געשריגן אויפן קול — און דו גלייבסט אין דעם? דו ביסט נישט בעסער פון זיי, פון די מערדערס!

ער האָט זיך באַמיט זי איינצושטילן. ער האָט מורא געהאַט פאַר די שכנים, וואָס הערן זיך צו צו אירע געוואַלדן. ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן. זי האָט זיך אויף אים געוואָרפן מיט די פויסטן, געטופּעט מיט די פיס און געריסן זיך די האָר פון קאָפּ.

שפּעטער האָט זי זיך איינגעשטילט, אַרומגעקוקט זיך ווי אַ נישטדאָ־יקע, איז צוגעגאַנגען צו דער שאַפע און אַרויסגענומען איר רוקזאַק. זי האָט געפּאַקט אירע זאַכן. איינגעפּאַקט די זאַכן, האָט זי אָנגעטאָן דעם מאַנטל, דאָס וואַרעמע היטל און איז אַרויס פון דער שטוב אָן אַ וואָרט, אָן אַ „זייַ געזונט".

לייבקע איז איר נאָכגעגאַנגען, ער האָט געוואָלט זי איינגעמען, פאַר־האַלטן. זי האָט זיך צו אים אויסגעדרייט און אים אַ שפּיי געטאָן אין פּנים אַריין. זי איז אַראָפּ פון די טרעפּ. זינט דעמאָלט האָט ער זי נישט געזען.

ערשט מיט אַ צייט שפּעטער האָט אים דערציילט אַ באַקאַנטער, וועלכער האָט זיך געטראָפן מיט פעלען, אַז זי איז צוריקגעגאַנגען קיין וואַרשע. זי האָט זיך אויסגעדריקט, אַז זי וויל בעסער אומקומען פון די הענט פון די דייטשן, ווי צו פאַרדאַנקען דאָס לעבן די רוסן. פון די מערדערס פון אַדאָלף וואַרסקי און נאָך טויזנטער אַזעלכע ווי ער וויל זי נישט האָבן קיין שום טובה.

דאָס איז געשען אין משך פון יענעם שווערן ווינטער פון 1939—1940,

ווען די פּרעסט זיינען געווען זייער גרויס און הונדערטער טויזנטער פּליטים האָבן זיך געוואַלגערט אָן אַ היים. די טייכן אויף דער נייער גרענעץ־ליניע צווישן די צוויי אָקופּירטע געביטן פון דער אַמאָליקער פּוילישער מלוכה זיינען געווען באַדעקט מיט דיקן אייז.

✶

ווען לייבקע איז אַריין אינעם רחבותדיקן פּאַרהויז פונעם עלעגאַנטן האָטעל, ווו ס'איז געפּראַוועט געוואָרן די חתונה פון זיין פּלימעניק, פּיליפּ, מיט גלאָריאַ, האָט ער געפילט אַ ציטער אין אַלע גלידער. די פּיס האָבן זיך געבויגן אין די קני־געלענקען און דאָס בלוט האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין.

לייבקע האָט זיך אָנגענומען מיט כּוח און איז אַריין אינעם גרויסן באַלזאַל. דער זאַל איז שוין געווען געפּאַקט מיט געסט, זיי האָבן זיך געשטופּט אַרום דעם באַר, ווו סאַרווערס אין רויטע פראַקן האָבן געגאָסן די משקאות. אַנדערע האָבן גענישטערט צווישן די הויך אָנגעלייגטע פּאַלומעסקעס מיט פאַרשידענע צובייסעכצן, וואָס זיינען געווען אָנגעשטעלט אויפן ריזיקן מיט בלומען באַצירטן בופעט. ס'האָט נישט געקענט זיין קיין ספק, אַז דאָ איז צוגעגרייט געוואָרן אַ חתונה כּיד המלך.

אַ רגע איז לייבקע געשטאַנען אָן אומזיכערער, נאָר פּלוצעם האָט ער זיך דערפילט אַרומגערינגלט דורך אַ מחנה מענער, וואָס האָבן אים גערופן ביים נאָמען, הויך געלאַכט און געהויבן די גלעזער מיט משקה.

— לחיים, לייבקע. מזל־טוב דיר, מחותן.

לייבקע האָט געקוקט אין די פּנימער און דערקענט די מענטשן — אַלע באַקאַנטע, נאָענטע פריינד פון אַ מאָל, כאָטש אַ שפּאָר ביסל געעלטערטע, יעדער אויף זיין שטייגער.

ער האָט אויך געלאַכט, געדריקט הענט, געפרעגט: „ווי גייט דיר?" און צוגעטראָגן די כּוסע צום מויל:

— לחיים, חברים, ס'זאָל אונדז אַלעמען זיין צו געזונט.

לייבקע האָט זיך דערפילט היימיש און נאָענט צו די אַלע מענטשן, ווי אַ מאָל אין וואַרשע. ערשט איצט האָט ער זיך אַרומגעקוקט איבערן זאַל. ביי דער אַנטקעגנאיבערדיקער וואַנט האָט ער באַמערקט אַ גרופּע פרויען.

דאָרט איז געווען פעלע. זי האָט אויסגעזען יונג און בליִענדיק. די סימנים פון די פאַרגאַנגענע יאָרן האָבן זיך נישט אָנגעזען נישט אויף איר פּנים און נישט אויף איר שלאַנקער פיגור.

לייבקע איז צוגעגאַנגען צו די פרויען, האָט באַגריסט פעלען און איר אָפּגעגעבן דעם מזל־טוב:

— פעלאַ, דו האָסט זיך אויף קיין האָר נישט געביטן זינט איך האָב דיך געזען דאָס לעצטע מאָל, אַגב — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שטיפערישן שמייכל — וועל איך נישט דערמאָנען וויפל יאָר עס זיינען זינט דעמאָלט אַריבער. ס׳שטייען פרעמדע מענטשן.

— נישט קיין פרעמדע. דאָס איז מיין שוועסטער, דער כּלהס מוטער און די איז מיין טאָכטער רוטקע.

לייבקע האָט זיך עלעגאַנט פאַרבויגן ביים אָפּגעבן דעם מזל־טוב דער מחותנתטע.

— איך געדענק אייך, בעת איר זענט געווען אַ יונג מיידל און געגרייט זיך אָוועקצופאָרן קיין אַמעריקע. איר ווייסט, מסתּמא, אַז אין מיינע סטודענ־טישע יאָרן בין איך געווען אַן אָפּטער איינגייער אין אייער שטוב.

— אַוודאי ווייס איך — און מיט אַ פילבאַדייטנדיקן שמייכל האָט זי צוגעגעבן: — און איך פריי זיך, אַז לכל הפּחות זיינען מיר געוואָרן מחותּנים.

זי האָט געמוזט אַוועקגיין העלפן דער כּלהן זיך אָנטאָן צו דער חופּה. זי האָט מיטגענומען רוטקען. לייבקע מיט פעלען האָבן זיך געלאָזט אויף אַ שפּאַציר איבערן פאַרקעט פונעם באַלזאַל. ער האָט זי געפרעגט:

— האָסטו געוווּסט, אַז איך בין געבליבן לעבן און ווו איך געפין זיך?

— יאָ.

— פאַר וואָס האָסטו מיר די גאַנצע צייט נישט געגעבן קיין צייכן, אַז דו לעבסט? — אין זיין שטימע האָבן געקלונגען טענער פון צער און פאַרוואורף.

— צוליב וואָס האָב איך עס געזאָלט טאָן? דו וואָלסט דאָך געמיינט, אַז איך וויל זיך צו דיר שדכנען.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט איצט אויף איר געקוקט פון דער זייט. פונעם פּראָפיל האָט זי אויסגעזען אַנדערש, ווי ער האָט זי פריִער געזען פון דער ווייטנס. אַ האַרטקייט איז געלעגן באַהאַלטן אין דעם שאַרפן בייג

פון איר קינבאַק און אַ נעץ פון געלע קנייטשעלעך האָט זיך צעשפּרייט איבער דער אונטערשטער באַק ביז טיף אין האַלדז אַריין. אירע אויגן האָבן פאַרלוירן דעם שטיפערישן שמייכל און פון זיי האָט אַרויסגעקוקט אומרו און ביי־טערקייט.

די דאָזיקע אַנטדעקונג האָט אָבער לייבקען נישט דערוויטערט פון פעלען. פאַרקערט, ווען ער האָט אָנגענומען איר האַנט, האָט ער געפילט, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם וואָלט דורכגעגאַנגען זיין לייב. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אויסגעדרייט זיך צו איר מיטן פּנים.

— דו ווייסט, פעלאַ, איך האָב געפונען דעם ענטפער אויף דער פראַגע, פאַר וואָס זיי האָבן דערמאָרדעט דעם וויאַשעק דאַלעק.

זי האָט אויפגעציטערט מיט איר גאַנצן קערפּער. אַ געפיל פון שרעק האָט איר גענומען שטיקן אין האַלדז, אַזאַ געפיל, וואָס ס׳האָט אַ פאַרברעכער, ווען מען פירט אים צוריק צום אָרט פון זיין פאַרברעכן. זי האָט זיך געבעטן:

— אָ, לאַנעק, לאָמיר נישט דערמאָנען יענעם קאָשמאַר.

ער האָט אָבער געהאַט אַ גאַנץ אַנדערע מיינונג, ער האָט עס איר בפירוש געזאָגט:

— דו האָסט אַ טעות, פעלאַ. אַ מאָל וועדט בעסער, אויב מען האָט דעם כּוח צו דערמאָנען אַזאַ מין אַריבערגעגאַנגענעם קאָשמאַר.

✶

מען האָט גלאָריאַן מיט פיליפּן געפירט צו דער חופּה. דער ראַבאַי האָט מיט זיין באַריטאָן־שטימע אויסגעזונגען די שבע־ברכות. לייבקע און פעלע זיינען געזעסן אין דער ערשטער ריי פון די שטולן. ער האָט געהאַלטן איר האַנט און זי האָט מיט דער צווייטער האַנט, בגנבה, געווישט זיך אַ טרער.

— ס׳איז אַ נחת צו זען — האָט זי געשעפּטשעט — ווי אונדזערע קינדער האָבן דאָס, פון וואָס מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט אין אונדזער נאַרישער פאַרבלענדקייט.

זי האָט מיטן פינגער געוויזן אויף דער חופּה־צערעמאָניע און אויף גלאָריאַן, וואָס איז געשטאַנען אין איר ווייסן חופּה־קלייד און לאַנגן שלייער.

ער האָט זי פאַרשטאַנען. ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר אויער און שטי־לערהייט געזאָגט:

— ס'איז נאָך נישט צו שפּעט. מיר קענען פאַרריכטן דאָס צעשטערטע, אָניאָגן דאָס פאַרלוירענע.

זי האָט אים נישט געענטפערט.

אָדער ס'איז געווען אַ צופאַל, אָדער עפּעס אַ זאָרגעוודיקע האַנט האָט יענעם אָוונט איבער זיי געוואַכט און נישט געלאָזט זיי צעשיידן זיך. ווען מען האָט זיך צוריקגעקערט אינעם גרויסן באַלזאַל, זיינען שוין דאָרט געווען אויסגעשטעלט טישן געדעקטע צו דער סעודה. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי דאַרפן ביידע זיצן ביי דעם זעלבן טיש. האָבן זיי זיך אָוועקגעזעצט שטול צו שטול און האָבן ממשיך געווען זייער שמועס.

ער האָט איר דערציילט:

— ווען דו ביסט פון מיר אַוועק, האָב איך זיך געפילט דערדריקט און פאַראיינזאַמט. איך האָב אָבער באַשלאָסן צו אונטערדריקן אַלע געפילן. מען טאָר נישט זיין סענטימענטאַל. אויב איין פרוי גייט אַוועק, געפינט מען אַ צווייטע. מיין פאַרבינדן זיך מיט צעלינאַ איז טאַקע געווען אַ רעזולטאַט פון דער דאָזיקער לאָגיק. דערמיט האָב איך אויך געמיינט דיר אָפּצוטאָן אויף צו להכעיס. און דאָך... איז די לאָגיק נישט געווען קיין ריכטיקע און קיין גוטס איז פון דעם אַלעמען נישט אַרויסגעקומען.

זי האָט אים נישט איבערגעפרעגט וועגן פּרטים. זי איז אַרויס מיט אַן אַנדערן ענין.

— אפשר ביסטו גערעכט, לאָנעק, אַז מ'דאַרף דעם אָקס גלייך אָננעמען ביי די הערנער. טאָ דערצייל מיר טאַקע, פאַר וואָס האָבן זיי דערמאָרדעט אַדאָלפן? ווי אַזוי ביסטו דערגאַנגען צום דאָזיקן סוד?

ער האָט זיך פאַרטראַכט און דערנאָך האָט ער איר מסביר געווען דעם ענין אויף אַזאַ אופן:

— דו קענסט זיך פאָרשטעלן, אַז קיין דירעקטע אינפאָרמאַציע וועגן וואַרסקיס גורל האָט מיר קיינער נישט געגעבן. די סיבות פון זיין אומקום זיינען פאַר מיר קלאָר געוואָרן ערשט דעמאָלט, ווען ס'האָט אויסגעשלאָגן מיין שעה און איך בין געשטעלט געוואָרן אין דער זעלבער לאַגע, וואָס ער מיט עטלעכע יאָר פריִער. איך וועל דיר וועגן דעם דערציילן.

אָבער ס'האָט זיך נישט געמאַכט די געלעגנהייט. אין זאַל איז איצט געווען זייער טומלדיק, די מוזיק האָט געשפּילט און געסט האָבן זיך געדרייט

אין אַ טאַנץ. ביי די טישן האָט מען שוין סערווירט די שפּייזן און דער עולם איז געווען אויפגעלייגט און פריילעך. לייבקע האָט פעלען פאַרבעטן צום טאַנץ. אַ ביסל שפּעטער האָבן זיך צו זייער טיש צוגעזעצט גוטע־פריינד פון אַ מאָל. די פאַרווייַלונג האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

ערשט צו מאָרגנס האָט לייבקע באַזוכט פעלען אין איר שוועסטערס שטוב און דאָרט האָט ער איר דערציילט וועגן זיין אַרעסט אין לעמבערג, וועגן די בריגידקעס, ווו ער איז דאָס צווייטע מאָל איינגעזעצט געוואָרן. ער האָט איר אויך דערציילט וועגן די יאָרן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין דעם סיבירער לאַגער און וועגן זיין דאָרטיקן באַגעגעניש מיטן מנוול פעלדמאַן.

דאָרט, אינעם דאָזיקן לאַגער, האָט לייבקע געטראָפן אַן אַלטן פּוילישן פּאַרטיי־טוער. ער איז געווען פון וואַרשע און האָט גוט געקענט דאָס דאָרטיקע פּאַרטיי־לעבן ביזן יאָר 1933, ווען ער איז אַוועק איבער דער גרענעץ. ער האָט געהערט צום עלטערן דור אַרבעטער און לייבקע האָט זיך מיט אים באַגעגנט אין וואַרשע. דער דאָזיקער פּאָליאַק האָט גוט געקענט וואַרסקין און ער איז אַרעסטירט געוואָרן מיט אים אין איין צייט. דער דאָזיקער פּאָליאַק האָט שוין הינטער זיך געהאַט פיר יאָר פון סאָוועטישע תּפיסות און לאַגערן, נישט רעכענענדיק די היפּשע צאָל יאָרן אין פּוילישע און צאַרישע טורמעס. וועגן די פּוילישע תּפיסות פלעגט ער דערציילן אַזוי, ווי מען דערציילט וועגן אַמאָליקע גליקלעכע צייטן, וועלכע מען האָט פאַרבראַכט אויף אַ דאַטשע.

— צוליב וואָס האָב איך געדאַרפט שמוגלען די גרענעץ קיין רוסלאַנד?

— האָט ער זיך געפרעגט — איז דען שלעכט געווען אין די פּוילישע תּפיסות? גלייב מיר, אַז מען האָט זיך דאָרט געקענט אָפּלעבן די יאָרן אין כּבוד. און וואָס איז דאָ?

דאָ האָט ער באַקומען די סוכאָטע, ער האָט געשפּיגן מיט בלוט. ער איז טאַקע מיט עטלעכע חדשים שפּעטער אַוועקגעשטאָרבן אויף לייבקעס הענט. ער האָט אויסגעשפּיגן דאָס לעצטע שטיקל לונג.

לייבקע האָט באַטראַכט דעם אויסגעדאַרטן אַלטן פּוילישן רעוואָלוציאָנער און דעם אויסגעפּאַשעטן פּרצוף פונעם שפּיצעל פעלדמאַן. דעמאָלט האָט זיך אים דערמאָנט אַדאָלף וואַרסקי און ס׳האָט זיך אים דערמאָנט פעלעס צאָרנדיקע פראַגע: „פאַר וואָס האָבן זיי דערמאָרדעט דעם וויאַשעק דאָלעק?".

ער האָט איצט געהאַט דעם ענטפער: מען דאַרף שוין נישט די וואַרסקיס, מען דאַרף די פעלדמאַנס.

✶

לייבקעס דערציילונג האָט פעלען דערמאָנט אַן ענלעכן עפּיזאָד פון איר לעבן. אויך זי האָט באַלד נאָך דער באַפרייונג זיך געטראָפן מיט אַמאָ־ליקע חברים, וואָס זיינען אין די רייען פון דער נייער פוילישער אַרמיי געקומען פון רוסלאַנד. זיי האָבן זיך מיט פעלען געפרייט און האָבן איר געזאָגט:

— פעליציאַ, איצט איז געקומען די צייט צו רעאַליזירן אונדזער אַלטן חלום. דו דאַרפסט תיכף זיך מעלדן צו דער אַרבעט אין דער פּאַרטיי.

פעלע האָט נישט געהאַלטן בסוד אירע געפילן. זי האָט זיי גלייך געזאָגט, וואָס פאַראַ מיינונג זי האָט סיי וועגן דעם אַלטן חלום און סיי וועגן דער פּאַרטיי. האָבן די חברים זי גענומען טרייסטן:

— דאָ איז פּוילן, נישט רוסלאַנד. מיר וועלן אויפבויען אַ פּוילישן קאָמוניזם לויט די אַלטע טראַדיציעס פון אונדזער פּוילישער פּאַרטיי.

פעלע האָט זיי אַריינגעלאַכט אין פּנים אַריין און זי לאַכט נאָך איצט, בעת זי דערמאָנט זיך ווי נאַיִוו די דאָזיקע מענטשן זיינען געווען.

— איר וועט בויען דאָס — האָט זי זיי געזאָגט — וואָס ס'וועלן אייך הייסן בויען אייערע באַשיצערס. אין זכות פון זייערע באַגנעטן לעבט איר דאָך.

פעלע איז אין פּוילן געבליבן נאָר אַזוי לאַנג, ביז זי האָט צוריקגעפונען איר קינד. זי איז געווען צווישן די ערשטע פּליטים, וואָס זיינען נאָך דער מלחמה אָנגעקומען אין די לאַגערן פון דייטשלאַנד.

דער אָוונט איז צוגעפאַלן און זיי האָבן פאַרגעסן אָנצוצינדן דאָס ליכט. זיינען זיי אַזוי געזעסן אין דער פינצטער פאַרטיפט אין שמועס. זי האָט געוואָלט וויסן, וואָס דער סוף איז געווען מיט צעלינאַן. לייבקע האָט אַ צי געטאָן מיט דער פּלייצע.

— ווייס איך וואָס: נישט עס איז וויכטיק און נישט אינטערעסאַנט.

פון דעסטוועגן האָט ער דערציילט.

*

מיט צוויי טעג שפּעטער האָט פּעלע זיך געפּאַקט פאַרן צוריקפאָרן קיין מאָנטרעאַל. לייבקע איז געקומען זיך געזעגענען און זי באַגלייטן צו דער באַן. דער שמועס האָט זיך געדרייט אַרום פאַרשידענע ענינים און לייבקע האָט דערציילט, אַז ער קלייבט זיך איצט צו מאַכן אַ טור איבער די פאַר־אייניקטע שטאַטן, כדי זיך צו באַקענען מיטן לאַנד. אויב ס׳וואָלט זיך געשאַפן אַ געלעגנהייט, האָט ער געמאַכט אַן אָנצוהערעניש, וואָלט ער אויך באַזוכט מאָנטרעאַל.

ער האָט אויף איר געקוקט מיט אַ פרעגנדיקן בליק, געוואָרט זי זאָל אים דערמוטיקן צו קומען קיין מאָנטרעאַל. אָבער זי האָט זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק. אַן אַנטוישטער איז ער אַרויס מיט אַ טענה:

— מיינסטו טאַקע, אַז נאָך דעם, ווי מיר האָבן זיך על פּי צופאַל געטראָפן דאָס ערשטע מאָל נאָך צוואַנציק יאָר, וועלן מיר אויף דער צווייטער באַגעגעניש דאַרפן וואַרטן ווייטערדיקע צוואַנציק יאָר?

זי האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט. זי איז איצט געוואָרן צוגעלאָזט און נאָענט, פּונקט ווי דעמאָלט, ווען זיי האָבן געלעבט צוזאַמען.

— לאָנעק, זאָג קלאָר, וואָס דו ווילסט. מיר זיינען נישט קיין פרעמדע מענטשן.

— וועל איך זאָגן: איך וויל דיך האָבן צוריק, לאָמיר איצט חתונה האָבן.

זי האָט איצט גערעדט לאַנגזאַם, גלייך ווי זי וואָלט געוויגן און געמאָסטן יעדעס וואָרט:

— ס׳איז מיר נישט אַזוי לייכט צו ענטפערן. אויך איך האָב זיך געביטן אין משך פון די צוואַנציק יאָר. איך ווייס גאָרנישט, צי דו וואָלטסט איצט מיט מיר געווען גליקלעך. מען האָט שוין גענוג אַנטוישונגען איבערגעלעבט און ס׳איז נישט כדאַי צו זוכן זיך נייע צרות.

— וואָס רעדסטו, פּעלאַ? איך פאַרשטיי נישט, וואָס דו מיינסט.

— איך וועל עס דיר אויפקלערן. דיר דוכט זיך, אַז מען קען גלאַט אַזוי חתונה האָבן און אין דער רגע וועט באַנייט ווערן דאָס זעלבע לעבן, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן דעמאָלט, מיט צוואַנציק יאָר צוריק, פּונקט ווי די צוואַנציק יאָר וואָלטן געווען אַ ליידיקער רוים און דער צומאָרגנס נאָך דער

חתונה וועט זיין דער המשך פונעם טאָג פון אונדזער צעשיידונג. ווײַל איך דו זאָלסט פאַרשטיין, אַז דאָס איז שוין נישט מעגלעך.

— פאַר וואָס?

— ערשטנס, ביסטו שוין נישט דער זעלבער, וואָס דו ביסט געווען דעמאָלט, און צווייטנס, פיל איך זיך אַליין שטאַרק דערוויטערט פון יענער מערכה, אין וועלכער איך האָב דעמאָלט געלעבט. איך האָב געהאַט אַ מאַן, מיט וועלכן איך האָב געלעבט צוויי יאָר. חתונה געהאַט האָב איך מיט אים טאַקע צוליב דער זעלבער סיבה, וואָס דו מיט צעלינאַן — אויף צו להכעיס. אָבער אין די צוויי יאָר פון אונדזער צוזאַמענלעבן האָב איך אים אויף אַן אמת ליב באַקומען. ער איז געווען אַ מענטש, וואָס מען טרעפט אַזעלכן זייער זעלטן, אַ צדיק. איך האָב געבוירן און דערצויגן זיין קינד און איך האָב אין איר איינגעפּלאַנצט אַ ליבע צום טאַטן, וועלכן זי האָט נישט געדענקט. איך האָב ביז היינט נישט אויפגעהערט צו טרויערן אויף ווינטערס אומקום. איך האָב שוין נישט איין מאָל געהאַט אַ מעגלעכקייט חתונה צו האָבן. איך האָב אָבער אָפּגעזאָגט צוליב דער דאָזיקער סיבה.

— דו ביסט נישט גערעכט, פּעלע. דער מענטש איז טויט און דו טאָרסט נישט אָפּפּינצטערן דיין גאַנץ לעבן בלויז צוליב זיין אָנדענק.

פּעלע האָט געהאַט נאָך אַנדערע סיבות. אָט גייט רוטקע חתונה האָבן קומענדיקן פרילינג און פּעלע קען זי נישט איבערלאָזן פונקט אין אַזאַ צייט, ווען די טאָכטער וועט אין איר אַזוי זיך נייטיקן.

לייבקע איז נישט געוואָרן נתפּעל אויך פון דער דאָזיקער באַוואָרעניש. וואָס הייסט איבערלאָזן? וועט זי דען אויפהערן זיין רוטקעס מאַמע, אויב זי וועט חתונה האָבן מיט לייבקען? און חוץ דעם: ווי לאַנג וועט זי, רוטקע, אַזוי שטאַרק דאַרפן איר מוטער? אַ האַלב יאָר, אַ יאָר. און דערנאָך וועט זי, פּעלע, בלייבן אַליין און פאַראיינזאַמט, און ער, לייבקע, דאַרף זי איצט און וועט זי דאַרפן אויך שפּעטער, אַזוי לאַנג ווי ער וועט לעבן. און אויב זי וועט מיט אים חתונה האָבן, וואָס וועט דאָס איר שטערן צו העלפן דער טאָכטער? פאַרקערט, זי וועט איר קענען מער העלפן, ווייל זי וועט האָבן רייכערע מיטלען. און חוץ דעם וועט איר לייבקע נישט שטערן צו פאָרן צו רוטקען אַזוי אָפט, ווי זי וועט נאָר וועלן.

פּעלע איז אַלץ נאָך נישט געווען אַנטשלאָסן. זי מוז זיך מישב זיין און

טאַקע מיט רוטקען און אפשר אויך מיט דער שוועסטער. זינט אַ לאַנגער צייט טראָגט זי זיך אַרום מיטן געדאַנק צו באַזוכן ישראל. זי האָפט באַלד נאָך רוטקעס חתונה אַהין צו קומען, וועט זי שוין ביז דעמאָלט וויסן, וואָס זי האָט צו טאָן און טאַקע דאָרט וועט זי אים געבן דעם ענטפער.

לייבקע האָט מסכים געווען, ער האָט אָבער געשטעלט אַ תּנאי: וועלכער איר באַשלוס זאָל נישט זיין, זאָל זי אים דערלויבן צו באַטייליקן זיך אין דער הוצאה פון רוטקעס חתונה. וועגן דעם דאַרף קיינער חוץ זיי נישט וויסן, אַפילו נישט רוטקע. דערמיט מיינט ער, חלילה, נישט צו מאַכן אַן איינצאָלונג אויף דעם, וואָס דאַרף קומען, ניין, געלט שפּילט ביי אים נישט קיין שום ראָל. ער פאַרדינט אַ סך און וועמען דאַרף ער דען פאַרזאָרגן? וויל ער איצט פעלען אַרויסהעלפן פונקט אַזוי ווי ער האָט שוין פריער אַרויסגעהאָלפן אַ סך נאָענטע פריינד. זאָל זי, פעלע, איצט נישט רעכענען זיך מיט דער הוצאה און זאָל זי קויפן פאַר איר טאָכטער אַלץ פונעם שענסטן און בעסטן, ווי פאַר אַ בת־מלכּה.

און נאָך אַ קלייניקייט האָט לייבקע געבעטן: אויב פעלע וועט איר באַשלוס האָבן נאָך פאַר דער חתונה און אויב איר באַשלוס וועט אויסקומען אויף „יאָ", זאָל זי אים שיקן אַ פאַרבעטונג צו רוטקעס חתונה. ער וועט קומען און וועט זי שפּעטער מיטנעמען אויף איר באַזוך קיין ישראל.

נאָכן דאָזיקן אָפּמאַך האָט לייבקע זיך באַמיט אַראָפּצופירן דעם שמועס אויף לייכטערע און זייטיקע ענינים, ער האָט אָבער באַמערקט, אַז פעלע איז כּסדר פאַרטראַכט און נישט אַלע מאָל הערט זי זיך גוט צו צו זיינע רייד. זי האָט פאַרפאַקט און ווידער איבערגעפּאַקט די וואַליזעס, ווי זי וואָלט זיך שווער אַן עצה געגעבן מיט זיך אַליין. לייבקע האָט באַנומען, אַז פעלע ראַנגלט זיך מיט אירע אייגענע געדאַנקען.

רוטקע איז אַריינגעקומען אַן אָנגעטוענע אין מאַנטל. זי האָט געזאָגט, אַז ס'איז שוין צייט צו פאָרן צו דער באַן.

אויפן וואָקזאַל, פאַר אַריינשטייגן אין וואַגאָן, האָט לייבקע געקושט פעלען און רוטקען. פעלע האָט אים שטילערהייט איינגערוימט אין אויער אַריין:

— און דו, לאָנעק, דו דאַרפסט זיך אַליין אויך גוט מישב זיין. אין דיינע יאָרן איז עס אַ גאַנץ ערנסטער באַשלוס.

זי איז גיך אַריין אין וואַגאָן און ווען זי האָט זיך מיט אַ מינוט שפּעטער באַוויזן אינעם פענצטער, האָט ער געזאָגט צו איר:

— איך האָב זיך שוין מיישב געווען און מיין באַשלוס איז אַן ענד־גילטיקער.

זי האָט אים פאַרבעטן צו באַזוכן זי אין מאָנטרעאַל איידער ער וועט צוריקפליִען קיין ישׂראל. ער האָט געשטראַלט פון גליק און האָט צוגעזאָגט צו קומען.

דער נס פון קהלת

ס׳איז געווען אין יענע יאָרן ווען די צאָל איינוואַנדערערס פון פאַרשי־דענע לענדער און פעלקער איז שטאַרק אויסגעוואַקסן. אין ניו־יאָרק האָט מען זיך גאַנץ פלוצעם אַרומגעזען, אַז די באַפעלקערונג איז געוואָרן פאַר־דאָפלט. אַ ריזיקע בוי־באַוועגונג איז אָנגעגאַנגען אין אַלע טיילן פון דער וואַקסנדיקער שטאָט און אין אירע ווייטסטע פאַרשטעט.

אין בראָנקס האָט די סטייט־רעגירונג באַשלאָסן צו שניידן נייע וועגן און גאַסן צווישן די פאַרמס, וואָס זיינען רחבותדיק צעשפּרייט געווען אויף מערב צו פון גרענד־קאָנקורס. איבער נאַכט זיינען די פרייזן פון באָדן אין יענעם טייל בראָנקס געשטיגן אויף הונדערט פּראָצענט. מענטשן מיט אַ שטאַרקערן אונטערנעמונג־גייסט, צווישן זיי אַ סך ייִדן־אימיגראַנטן, ביי וועמען ס׳האָט אָנגעהויבן ווייזן זיך אַ שפע, האָבן געצאָלט די הויכע פרייזן און געשטעלט זיך בויען הייזער.

אין משך פון אַ קורצער צייט איז אַזוי אַרום מערב־בראָנקס באַדעקט געוואָרן מיט שפּאָגל־נייע ווינקוואַרטאַלן. געבויט האָט מען דאָרט, חוץ פּריוואַטע איין־און צוויי־משפּחהדיקע הייזער, דאָס רוב זעקסגאָרנדיקע מאָדערנע בנינים מיט ליפטן, צענטראַלער באַהייצונג, הייס און קאַלט וואַסער אין די דירות.

די שטאָט האָט געזאָרגט פאַר דעם, אַז דער אַרום זאָל געדיכט באַדעקט זיין מיט גרינס. ביימער זיינען אומעטום פאַרפלאַנצט געוואָרן, פּאַרקן און שפּילפּלעצער פאַר קינדער זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן מיט אַ ברייטער האַנט.

אין אַ טייל פון די מערב־בראָנקסער ווינקוואַרטאַלן זיינען ייִדישע תוש־בים געווען אין דער מערהייט, אין די אַנדערע איז זייער צאָל געווען אַ קלע־נערע, אָבער אומעטום זיינען זיי געווען, אומעטום האָט מען געקענט זען זייער אָנוועזנדיקייט. מען האָט געפילט די ספּעציפישע אַטמאָספער פון ייִדיש־

באַלעבאַטישער איינגעוואָרצלטקייט מיט איר וואָכעדיקע דאַגות און אירע שבת־יום־טובדיקע פריידן.

ייִדישע קהלה־צענטערס און בתּי־תּפילה פון פאַרשידענע מינים זײַנען אין משך פון יאָרצענדליקער אויסגעבויט געוואָרן אין אַלע געגנטן, מתפּללים זײַנען געווען אין אַ שפע און ס'האָבן אויך נישט אויסגעפעלט קיין קינדער פאַר די פילצאָליקע תּלמוד־תּורהס, ישיבות און וועלטלעכע ייִדיש־שולן, וואָס האָבן אין משך פון עטלעכע דורות איינגעפּלאַנצט דעם ייִדיש־טראַדיציאָנעלן חינוך אין די הערצער פון דער ייִדישער יוגנט.

צווישן די אַלע קהילה־צענטערס און בתּי־תּפילה איז די „שערי־חסד״־שול געווען איינע פון די עלטסטע און ר׳ הערשל ערליך איז געווען אײנער פון אירע עלטסטע און איבערגעגעבנסטע גבאים.

✶

אין דער צײַט, וועגן וועלכער מיר דערציילן דאָ, איז שוין ר׳ הערשל געווען אַ ייִד אין די יאָרן, ער האָט אָבער זיך נישט שלעכט געהאַלטן. זײַן מיטלוווקסיקע געשטאַלט, מאָגער, אויסגעגלייכט און רירעוודיק, האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ יונגן מאַנספּאַרשוין. אָבער זײַן פּנים, מיטן זילבער־ווײַסן קמץ־בערדל און מיט קנייטשן אַרום די אויגן, האָט פאַרראַטן זײַנע אמתדיקע יאָרן.

אויף זײַנע קינדער האָט זיך ר׳ הערשל נישט געהאַט וואָס צו באַקלאָגן. ביידע זין זײַנע, כאָטש אויסשטודירטע אין קאַלעדזשעס און איינגעאָרדנטע אויף גוטע שטעלעס, האָבן פון דעסטוועגן זיך געפירט ייִדישלעך, אַזוי ווי זיי האָבן עס געזען ביי זייערע טאַטע־מאַמע אין שטוב. אויך זייערע פרויען האָבן זיך געפילט גאָר היימיש אין די ענינים פון ייִדישן דין, געפירט כשרע היימען, אָפּגעהיט שבתים און ימים־טובים.

אַזוי לאַנג ווי די מאַמע, דאָס הייסט ר׳ הערשלס ווײַב, האָט געלעבט, פלעגן די זין מיט זייערע משפּחות קומען אין ר׳ הערשלס הויז אויף אַלע ימים־טובים און אַ טייל שבתים. אין ר׳ הערשלס הויז אין בראָנקס האָט מען געקענט פאַרברענגען אין אַן אמתדיקער יום־טובדיקער שטימונג. געווען זײַנען עס געהויבענע טעג ווען דער עונג־יום־טוב האָט זיך געפילט אין יעדן ווינקל פונעם הויז און פון דער נשמה.

אין אַזאַ שבת־יום־טובדיקן פרימאָרגן פלעגט ר׳ הערשל פירן זיין גאַנצע משפחה אין דער „שערי־חסד״־שול אַנטקעגן איבער דעם הויז ווו ער האָט געהאַט זיין דירה. אַגב, איז מיט דער דאָזיקער שול דאָס גאַנצע לעבן פון זיין משפחה געווען געקניפּט און געבונדן במשך פון עטלעכע יאָרצענדליקער. ר׳ הערשלס ביידע זין האָבן דאָ געלערנט אין דער תּלמוד־תּורה, דאָ האָט מען געפּראַוועט זייערע בר־מצוות און נאָך דער בר־מצווה האָט יעדער פון זיי טאַקע דאָ ווייטער געלערנט יידישקייט, דאָ האָבן זיי ביידע געהאַט זייערע אויפרופנס פאַר די חתונות און ווען די קינדער זיינען ביי זיי געבוירן געוואָרן, זיינען זיי פון זייערע ווייטע ווינערטער אַהער געקומען צו געבן די ניי־געבוירענע זייערע נעמען.

און ר׳ הערשל אַליין, כאָטש נישט קיין גביר, נאָר אַ מענטש וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן אָפּגעאַרבעט אין גאַרמענט־צענטער ווי אַ צושניידער פון פרויען־קליידער, האָט דאָ געהאַט זיין צוגעטיילטן כּבוד, וואָס קומט אַ ייִד אַ ירא־שמים און אַ למדן. ער איז געווען דער שטענדיקער בעל־שחרית און בעל־קורא, און יעדן שבת פאַר שלש סעודות האָט ער מיט די ייִדן געלערנט אַ פּרק משניות אָדער אַ בלאַט גמרא. פאַר זיין טרחה האָט ר׳ הערשל קיין מאָל נישט גענומען קיין באַלוינונג.

אין אַזעלכע יום־טובדיקע טעג, ווען די זין מיט זייערע משפחות זיינען ביי אים געווען צו גאַסט, איז ביים אַלטן ר׳ הערשל דאָס האַרץ געוואַקסן פון נחת. בעתן לייענען איז ער ביים שולחן געשטאַנען מיט אַ געהויבענעם קאָפּ און מיט אַ לויטערער און יונגער שטימע אויפגערופן ייִדן צו די עליות. דעמאָלט האָט ער געפילט דעם אמתדיקן תּענוג פון יום־טוב.

ר׳ הערשל האָט אין אַזעלכע שעהען איבערגעלעבט אַן אומקער פון נשמהדיקער התעוררות, ווי אין די אַמאָליקע צייטן, ווען ער האָט נאָך, ווי אַ בחור, געלעבט ביים טאַטן אין שטוב אין זיין גאַליצישן געבוירן־שטעטל. דער טאַטע זיינער, אַ פּשוטער בעל־מלאכה, אַ זיפּנמאַכער, וואָס האָט געהאַלטן אַ קראָם אין מיטן מאַרק און האָט דאָרט צוזאַמען מיט זיין ווייב און מיט הערשלען אויסגעאַרבעט און פאַרקויפט צו די גויִים פון די אַרומיקע דערפער כּל המינים רעשעטעס און זיפּן — איז געווען אַ הוסיאַטינער חסיד.

הערשל פלעגט פון צייט צו צייט מיטפאָרן מיטן טאַטן אויף אַ שבת אָדער אַ יום־טוב צום רבין קיין הוסיאַטין. איז אַ מאָל געשען, מסתמא פאַר

הערשלס בר־מצווה, אַז דער טאַטע האָט אים מיטגענומען קיין הוסיאַטין, כּדי דער רבי זאָל אים געבן זיין ברכה. אין ר׳ הערשלס זכּרון טויכט איצט אויף דעם רבינס טיש פון יענעם פרייטיק־צו־נאַכטס. די גרויסע סאַליע אין רבינס הויז, באַלויכטן דורך קרישטאָלענע בליצלאָמפּן און הונדערטער ליכט, אַריינגעשטעקטע אין מעשענע הענגלייכטער, איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט חסידים אין שוואַרצע זיידענע בעקעשעס און פוקסענע שטריימלעך אויף די קעפּ.

בלויז אַ קליינער טייל פון עולם האָט באַוויזן צו פאַרכאַפּן שטולן אַרום דעם לאַנגן טיש. דאָס רוב חסידים איז געשטאַנען אין אַ מוראדיקן געדראַנג, אַז ס׳איז נישט געווען ווו אַ שפּילקע אַריינצושטעקן. אין ר׳ הערשלס געדעכעניש האָט זיך איינגעקריצט דאָס בילד פון צוזאַמענגעפּרעסטע פּנימער, פון פאַרשידנאַרטיקע און פאַרשידנפאַרביקע בערד, פון אויגן פאַרגלאָצטע און פאַרהלומטע, פאַררויטלטע און פאַרקוקטע אין איין פּונקט — דאָרט ווו ס׳איז געזעסן דער רבי.

מען האָט דערלאַנגט דעם רבין שבתדיקע מאכלים אין גרויסע שיסלען. פון יעדן מאַכל האָט ער מיט אַ לעפל אַ שעפּ געטאָן אַ קליין ביסל, גענומען עס אין מויל אַריין און גלייך אַוועקגערוקט די שיסל אין אַ זייט, אַ מאָל אין דער רעכטער און אַ צווייט אין דער לינקער: שיריים פאַר די חסידים.

פאַרענדיקט מיט די מאַכלים, האָט דער רבי גענומען זאָגן תּורה. די ווערטער האָבן ביי אים, ווי פּערל, זיך געקייקלט פון זיין מויל. ר׳ הערשל האָט שוין אַ סך מאָל געפּרוווט אויפלעבן אין זיין זכּרון דעם אינהאַלט פון דער תּורה וואָס דער רבי האָט דעמאָלט געזאָגט. דאָס האָט זיך אָבער ר׳ הערשלען קיין מאָל נישט איינגעגעבן. אין זכּרון איז אים געבליבן בלויז איין עפּיזאָד.

דער רבי האָט דערציילט וועגן די גזירות און צרות וואָס זיין זיידע, דער הייליקער ר׳ ישׂראלטשע רוזשינער, האָט געהאַט אויסצושטיין מצד דעם צאַרס רשעים, וועלכע האָבן אים פאַרשפּאַרט אין תּפיסה און אים דאָרט מוראדיק געפּייניקט. געווען איז דערמיט פאַרבונדן אַ מעשׂה וועגן אַ כּתב־יד פונעם רוזשינערס זיידן ר׳ אַברהם המלאך, וואָס איז פאַרלוירן געוואָרן בעת די פּאָליציייִשע רעוויזיעס. דער רוזשינער זצ״ל האָט זיך מוסר נפש געווען, כּדי דעם דאָזיקן כּתב־יד צוריקצוגעפינען.

היינט קען זיך ר׳ הערשל נישט שענקען, הלמאַי ער איז נישט ביכולת

אויפצולעבן דעם פולן תּוכן פון דער תּורה, וואָס דער רבי האָט דעמאָלט געזאָגט. ער געדענקט אָבער גוט דעם גרויסן רושם, וואָס זי האָט איבער־געלאָזט ביים עולם, דאָס התלהבותדיקע גלאַנצן מיט די אויגן און די התפּעלות, מיט וועלכן חסידים האָבן שפּעטער נאָכגעזאָגט די פּשטלעך און משלים פון רבינס תּורה.

דער טאַטע, דער זיפּנמאַכער, האָט זיך איבערגעבויגן איבער הערשלען און האָט מיט זיין שוואַרץ־צעוואַקסענער באָרד אַ גלעט געטאָן הערשלס שטערן און נאָז:

— נו, הערשעלע, האָסט געהערט דעם רבינס תּורה?

— יאָ, טאַטע, כ׳האָב געהערט.

— און זעסט דאָס ליכט, וואָס צעשפּרייט זיך אויפן רבינס פּנים און איבער זיין קאָפּ?

יאָ, טאַקע איצט האָט הערשל אויף אַן אמת דערזען עפּעס אַ נישט נאַטירלעכע שיין, אַ מין ליכטקרייז אַרום דעם רבינס קאָפּ. דאָס דאָזיקע ליכט האָט מיט אַ שטראַלנדיקן גלימער געשיינט איבער זיין ברייטן שטערן און דער לאַנגער ווייסער באָרד.

— יאָ, טאַטע, איך זע.

— קוק איצט גוט, הערשעלע, און פאַרגעדענק עס פאַר דיין גאַנצן לעבן — האָט דער זיפּנמאַכער אַריינגעשעפּטשעט אין דעם יינגלס אויער — דאָס איז די שכינה, וואָס הויערט איבערן קאָפּ פונעם צדיק. ווער ווייסט, צי דו וועסט נאָך אַ מאָל זוכה זיין צו זען אַזאַ זאַך.

טראַכט איצט ר׳ הערשל, אַז ער איז טאַקע געווען אַ בר־מזל, אויב אים איז באַשערט געווען מיט זיינע אייגענע אויגן צו קוקן אויף דער געטלעכער שכינה. ס׳האָט אים אָבער אַזוי שטאַרק ווי געטאָן דאָס האַרץ, אַז איצט איז זי ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, אַז ער קען זיינע קינדער און קינדסקינדער די דאָזיקע שכינה מער נישט ווייזן.

*

היות, ווי קיין שום זאַך אויף אונדזער זינדיקער ערד איז נישט אייביק, איז נישט קיין חידוש, אַז אין איין טאָג איז געקומען אַ סוף צו ר׳ הערשלס פיינער היים. און נישט בלויז צו זיין היים, נאָר ממש צו די יסודות פון זיין

גאַנצן לעבן. אין יענעם טאָג איז זיין געטרייע לעבנס־באַגלייטערין פלוצעם אַוועק פון דער וועלט.

מיר וועלן דאָ נישט דערציילן בפּרטותדיק, ווי אַזוי ס'איז אויף איר געקומען דער פּלוצעמדיקער טויט, מחמת דאָס האָט נישט קיין שייכות צו אונדזער סיפּור־המעשׂה. דערקעגן איז אָבער וויכטיק צו וויסן, אַז בעת ר' הערשלס צוויי זין זיינען, צוזאַמען מיט די שנורן, אָנגעקומען אין שפּיטאָל, איז שוין געווען אַן ערך צוויי שעה נאָך יציאת־נשמה. זיי האָבן זייער פּאָטער געטראָפן אַן איינגעקאָרטשעטן זיצן אין פּאָדערהויז פונעם מתים־שטיבל. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געקוקט אויף זיי מיט אַ פאַרשטאַרטן בליק. ער האָט נישט געוויינט און נישט געקלאָגט, ער האָט בלויז גענומען רעדן מיט אַ שטיל קול, אַז קוים וואָס מען האָט אים געקענט הערן:

— פאַר וואָס אַזוי אומגעריכט דאָס אויסרייסעניש? אָן אַן אָנזאָג, אָן אַ וואָרענונג. זי זאָל כאָטש האָבן קראַנק געווען אַ וואָך, אַ טאָג. ניין, נישט אָפילו אַ שעה, גלייך אַוועקגעפאַלן — און נישטאָ.

ער האָט תּרעומותדיק צעלייגט די הענט און די צוויי זין זיינע, כאָטש לויט זייער אויסזען האָבן זיי אויסגעזען ווי צוואָקסענע גיבורים, זיינען איינגעבראָכענע לעבן אים געשטאַנען און האָבן שטילערהייט געהעשעט.

שבעה זיינען די אבלים געזעסן ביי ר' הערשלען אין דער פּאַריטומטער שטוב. ערשט נישט לאַנג צוריק איז עס געווען די פריילעכע שטוב, ווו די מאַמע איז אַרומגעגאַנגען מיט איר אייביקן שמייכל אויפן פּנים און האָט רק געטראַכט, ווי אַזוי די קינדער און די אייניקלעך צו פאַרשאַפן הנאה. איצט זיינען עס די צוויי יונגע שנורן, וואָס דרייען זיך שווייגנדיקע אַרום צווישן די פאַרהאָנגענע שפּיגלען און גרייטן צו אַ מאָלצייט פאַר די פאַר־אָבלטע מענער.

צוויי מאָל אַ טאָג, אין דער פרי און פאַר נאַכט, קומט אַרויף דער ראַבאַי פון דער שול און פירט מיט זיך מיט אַ מנין ייִדן. זיי שטעלן זיך דאַווענען טאַקע דאָ אין שטוב, כּדי ר' הערשל מיט זיינע זין זאָלן קדיש זאָגן.

און דער צער פון די זין צוליבן טויט פון דער מוטער כּפלט זיך נאָך צוליב דער זאָרג פאַרן ווייטערדיקן גורל פון זייער טאַטן. האָט אין איינעם אַן אָוונט דער עלטערער זון זיך אָנגערופן צו ר' הערשלען בזה הלשון:

— טאַטע, אונדזער הויז איז געראָם און מיר האָבן צוויי פרייע צימערן,

וואָס פּאַסן זיך פּונקט פאַר דיר. דו וועסט אַריבערפירן אַהין דיינע זאַכן און וועסט וווינען צוזאַמען מיט אונדז. ס׳וועט דיר קיין זאַך נישט פעלן און אַ שול צו דאַוונען וועסטו האָבן סך־הכל צוויי גאַסן ווייטער. טאַ גרייט זיך מיט אונדז מיטצופאָרן גלייך נאָך דער שבעה.

די שנור האָט אויך צוגעטראָגן איר חלק:

— יאָ, יאָ — האָט זי געזאָגט — ס׳וועט דיר ביי אונדז גאָרנישט נישט פעלן. קום צו אונדז.

דער יינגערער זון האָט נישט געוואָלט בלייבן הינטערשטעליק: אויך ביי אים וועט דער טאַטע געפינען אַ וואַרעמע היים, האָט ער פאַרזיכערט. אָבער ר׳ הערשל האָט מיט אַ שמייכל געדאַנקט די קינדער און צוגעגעבן, אַז כּיבוד־אב געהערט ביי אונדז צו די סאַמע וויכטיקסטע מצוות, ער ווייסט, אַז ער וועט ביי זיי זיין אַן אָנגעלייגטער גאַסט, אָבער פון דעסטוועגן פילט ער, אַז ס׳וואָלט פאַר אים נישט געווען קיין גלייכע זאַך צו פאַרלאָזן אָט די געגנט. יאָרצענדליקער איז ער דאָ פאַרוואָרצלט, פאַרבונדן מיט אַלע טע־טיקייטן פון דער שול, ווי קען ער דאָס אַלץ איבערלאָזן?

און צוריקגעשמועסט, אין אָט דער דירה האָבן זיי דורכגעלעבט אפשר דעם וויכטיקסטן טייל פון זייער לעבן, איז ווו איז דער אָנדענק פון דער מאַמען? כּל־זמן ער געפינט זיך דאָ אין דער דירה, קען ער אים אָפּהיטן, ווייל דער אָנדענק פון אַ פאַרשטאָרבענעם איז פאַרוואָרצלט אין דעם אָרט ווו ער האָט געלעבט. און צום סוף נאָך איין טעם: כּל־זמן ער וווינט דאָ, איז ער, ר׳ הערשל אַ בעל־הבית פאַר זיך. צוליב אָט די אַלע טעמים האַלט ער, ר׳ הערשל, אַז ער דאַרף דאָ בלייבן.

— דאָס מיינט אָבער נישט — האָט ער זיך באַוואָרנט — אַז איך וויל זיך פון אייך אָפּשיידן. דאָס נישט. אַלע מאָל, ווען איר וועט נאָר קומען מיט אַ קאַר מיך נעמען, וועל איך מיט אייך מיטפאָרן און פאַרברענגען ביי אייך אַ טאָג. ס׳וועט ביי מיר זיין שטאַרק אָנגעלייגט, אָבער אָפּזאָגן זיך פון מיין אייגענער שטוב וועל איך נישט.

אויפגעשטאַנען פון דער שבעה, זיינען זיי אַלע אַראָפּ צו די אויטאָמאָבילן. די קינדער האָבן געדאַרפט צוריקפאָרן צו זיך אַהיים. נאָך זיבן טעג זיצן אין שטוב האָט איצט די שניידנדיקע קעלט פון דער שפּעט־נאָוועמבער־דיקער לופט אַ זעץ געטאָן אין ר׳ הערשלס מויל און נאָז. אַ פּראַקטיקער

ווינט האָט געצויגן פון צפון און צעבלאָזן די צעפוילטע בלעטער, אָנגעזאַמלטע אונטער די ביימער־שורות לענג־אויס דער ברייטער עווענין. די ביימער אַליין האָבן נעבעכדיק געבויגן זייערע קרוינשפּיצן אַנטקעגן דעם בלאָזנדיקן ווינט. דאָס ביסל נאָך אויף זיי פאַרבליבענע בלעטער פון טונקל־ברוינעם און רויטן קאָליר, די לעצטע סימנים פון זייער זומערדיקער פּראַכט, האָט איצט דער ווינט פון זיי געריסן מיט אַכזריותדיקן ירגזון און זיי אויסגעמישט מיטן מיסט אויף דער ערד.

איינע פון די שנורן האָט זיך אָנגערופן:

— זעט נאָר וויפל שמוץ ס'האָט זיך אָנגעזאַמלט דאָ אין גאַס.

און דער עלטערער זון, וועלכער האָט די געגנט גוט געקענט פון אַמאָליקע צייטן, האָט גענומען אויפקלערן:

— אַמאָליקע צייטן פלעגט מען דאָ יעדן טאָג רייניקן די גאַסן, אָבער היינט ווערט שוין, ווייזט אויס, די דאָזיקע ווינעגגנט באַטראַכט ווי אַ צווייטראַנגיקע.

זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין די אויטאָס און אָנגעזאָגט דעם טאַטן נישט אַרומצוגיין אין גאַס אין אַזאַ וועטער. אין אַ טאָג ווי היינט דאַרף ער זיצן אין שטוב. אָבער ר׳ הערשל האָט נישט געפאָלגט די עצות פון די קינדער און איז קודם אַוועק אין סופּערמאַרקעט איינצוקויפן פאַר זיך אַ ביסל שפּייז־פּראָדוקטן. פון סופּערמאַרקעט איז ער מיט די פּראָדוקטן צוריקגעגאַנגען אין זיין שטוב.

נאָך דעם, ווי די קינדער זיינען אַוועקגעפאָרן, איז ר׳ הערשלען באַפאַלן אַן אומעט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און אָנגעהויבן עפּעס עסן, אָבער דער ערשטער ביסן איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז און ער האָט אים קוים געקענט אַראָפּשלינגען. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול און איז אַוועק אין שול. ווי ס'זאָל נישט זיין, וועט ער דאָרט, לכל הפּחות, זיין צווישן מענטשן.

אין אָוונט נאָכן דאַווענען, איז ר׳ הערשל ווידער געגאַנגען אין זיין איינזאַמער שטוב. ווידער אַ מאָל האָט ער געפּרוווט עפּעס נעמען אין מויל אַריין, אָבער אויך דאָס מאָל האָט ער נישט געפילט קיין הונגער. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און גענומען פאַר זיך צוגרייטן דאָס געלעגער. בשעת־מעשה האָט ער צו זיך אַליין שטילערהייט גערעדט:

— נעם זיך אין די הענט אַריין, הערשל ערליך. ס׳איז אַ זינד פֿאַר אַ ייִד אַ ירא שמים אַריינצופֿאַלן אין יאוש.

ווי אין אַ טראַנס איז ער צוגעגאַנגען צו דער ספֿרים־שאַנק אין שלאָף־צימער און האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו נעמען אַ ספֿר. ער האָט אַליין נישט געוווּסט ווי אַזוי: אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן דאָס ספֿר קהלת.

ר׳ הערשל האָט זיך אַוועקגעזעצט, זיך פֿאַרריכט די יאַרמלקע אויפֿן קאָפּ און גענומען מישן די בלעטלעך. וויפֿל נעמען האָט ער דאָס, קהלת? אָן אַ שיעור, אָבער אין ר׳ הערשלס זכרון האָט ער זיך איינגעקריצט ווי שלמה המלך, דער קליגסטער צווישן מענטשן פֿון אַלע דורות.

וואָס איז דער זין פֿון הבל הבלים? דער ענטפֿער איז אין דעם זעלבן בוך: כּי מי יודע, מה־טוב לאדם בחיים — ווער ווייסט וואָס איז בעסער פֿאַרן מענטש אין לעבן, אין די געציילטע טעג פֿון זיין נישטיקן לעבן, וואָס ער גייט דורך ווי אַ שאָטן.

דער ענטפֿער קומט איצט צו ר׳ הערשלען אין אַ כוואַליע פֿון פּעסימיזם, וואָס ווייעט אַרויס פֿונעם ספֿר קהלת. אָבער אין איצטיקן מאָמענט פֿון איינזאַמקייט און יאוש ווירקט אויף אים דער דאָזיקער פּעסימיזם ווי אַ היילנדיקער באַלזאַם.

— וואָס איז געווען, דאָס וועט זיין — זאָגט קהלת — און וואָס איז געשען, דאָס וועט געשען.

איטלעכס וואָרט איז אמת. ר׳ הערשל קען בנאמנות אויף דעם עדות זאָגן. דאָס זעלבע איז איצט שוין מיט אים, ר׳ הערשלען געשען. אָט גראָבט ער אויס פֿון זיין געדעכעניש שטיקער פֿון עבר, מיט אַ סך יאָרן צוריק, דאָרט אויף יענער זייט ים, אין דער אַמאָליקער היים, וואָס איז שוין איצט חרוב. און אָט ווי אַזוי דאָס איז געשען:

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך נאָר וואָס געהאָט געענדיקט, אָבער אירע נאָכווייענישן האָבן זיך נאָך געלאָזט פֿילן און זיינען לרוב אויסגעגאַנגען צו די ייִדישע קעפּ. אין די ערשטע זומערטעג פֿון יאָר 1919 האָט דאָס ניי צונויפֿגעשטעקעוועטע פּוילישע חייל פֿאַרטריבן פֿונעם שטעטל די אוקראַיִנישע באַנדעס, וואָס האָבן במשך פֿון ווינטער דאָרט באַלעבאַטעוועט.

עטלעכע טעג שפּעטער, אין אַ ליכטיקן שבתדיקן פֿרימאָרגן, האָבן ייִדן

מיט טליתים־זעק אונטער די אָרעמס און מיט באַזאַכטע טריט געשפּרייזט איבער די שטעטלשע גאַסן און געסלעך, יעדער צו זיין בית־הכּנסת.

דער זיפּנמאַכער, אַ הויכוווקסיקער און אויסגעגלייכטער מיט זיין הדרת־דיקער שוואַרצער באָרד, אין וועלכער ס׳האָבן זיך שוין געוויזן זילבערנע פּעדעמס, האָט געשפּאַנט אין זיין שבתדיקער זיידענער בעקעשע און פוקסענעם שטריימל. פון דער זייט האָט ער געוואָרפן נחתדיקע בליקן אויף זיין הערש־לען, וואָס האָט מיט פעסטע טריט געשפּאַנט לעבן אים. הערשל האָט זיך מיט סך־הכּל עטלעכע חדשים צוריק אומגעקערט פון דער מלחמה. נישט באַוויזן נאָך צו פאַרשאַפן זיך די ציווילע קליידער, האָט ער געטראָגן זיין עסטרייכישן מיליטערישן מונדיר. נישט מער, פונעם קאָלנער האָט ער באַזיי־טיקט זיינע אונטעראָפיצירשע אָפּצייכענונגען און פונעם היטל די קירהשע רויז, וואָס פלעגט באַשיינען די קעפּ פון די עסטרייכישע אָפיצירן און אונטער־אָפיצירן.

זייער וועג האָט געפירט דורך דער שטעטלשער פּרינציפּאַלער גאַס. פוןביידע זייטן זיינען אין געראַמיקע אָפּשטאַנדן געשטאַנען נגידישע הייזער אויף הויכע שטיינערנע פונדאַמענטן, מיט גלעזערנע פראָנט־וועראַנדעס און געפאַרבטע אייזערנע שטאַכעטן, וואָס האָבן דעם רשות־היחיד פונעם באַלעבאַטישן פאַרמאָג אָפּגעצוימט פון דער רשות־הרבימדיקער גאַס.

די פריזומערדיקע לופט איז אין איר קרישטאָל־ריינער דורכזיכטיקייט געווען אָנגעלאָדן מיט טויזנטער מחיהדיקע ריחות, וואָס האָבן זיך כוואַליעס־וויז געטראָגן פון די בלומען־גערטנער פאַר די הייזער און פון די רחבותדיקע סעדער אויף ריזיקע שטחים הינטער די נגידישע הייזער.

אין די בלומען־גערטנער האָבן רויזן, פּעאָניעס און היאַצינטן זיך צעבליט אין אַלע קאָלירן, און פון די סעדער האָבן די קאַרשנביימער אַרויסגעקוקט מיט זייערע קרוינען, געדיכט באַדעקטע מיט זילבער־ווייסן צוויט. דער זיפּנ־מאַכער און הערשל האָבן איינגעאָטעמט די שמעקעדיקע ריחות, וואָס האָבן אַ ווײַלע געלאָזט זיי פאַרגעסן אין די שלאַכטן און אומגליקן, וואָס האָבן זיך גאָר נישט לאַנג צוריק דורכגעקייקלט דורך דער דאָזיקער ערד, איינגעשלונ־גען אַזוי פיל מענטשלעכע קרבנות און אַלעמען פאַרביטערט דאָס לעבן.

דער זיפּנמאַכער איז איצט געווען אין גאַנצן באַנומען דורך דער פּראַכט פונעם שבתדיקן פרימאָרגן. אויף זיין פּנים איז געלעגן די שיין פון אינערלעכן

נחת בעת ער האָט שטילערהייט געמאַכט אַ ברכה אויף דער שיינקייט פון גאָטס באַשאַף.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צום הויז פון ר׳ סאַנע שוחט און אַריין אין דער הוסיאַטינער קלויז, האָבן זיך שוין די חסידים געגרייט צום דאַווענען. ר׳ סאַנע איז טאַקע באַלד צוגעגאַנגען צום עמוד, האָט אַריבערגעוואָרפן דעם טלית איבער זיין קאָפּ און געשטעלט זיך דאַווענען שחרית.

פּלוצעם האָט פון דרויסן זיך דערהערט אַ ווייבעריש געשריי און אַ געוויין פון קינדער. אין קלויז איז די גאַנצע עדה געבליבן ווי פאַרגליווערט. באַלד האָבן זיך אַריינגעריסן סאָלדאַטן אין העלבלויע מונדירן און פירעקיקע היטלעך מיט גלאַנציקע דאַשיקעס.

— האַלערטשיקעס* — האָט עמעצער אויסגערופן אין שרעק.

זיי זיינען מטורפדיק אַרומגעלאָפן איבער דער קלויז און האָבן געשריגן אין אַ ווילד געלעכטער:

— פּאַרשיווע זשידי מאָדלאָן שיען דאָ פּאַרשיווגאָ באָגאָ**.

איינער איז צוגעלאָפן צום עמוד און האָט מיט אַ קאָפּע פון פיס אומגע־וואָרפן דעם שטענדער און דעם בעל־תּפילה. אַ צווייטן האָט, ווייזט אויס, געלאָקט דעם זיפּנמאַכערס הדרת־פּנימדיקע באָרד. ער האָט אים מיטביידע הענט אָנגעכאַפּט ביי דער באָרד און גענומען מיט אַכזריות זי רייסן. דערווייל האָט אַ דריטער זעלנער ערגעץ ווו געפונען אַ ברענענדיק ליכט, איז דערמיט צוגעלאָפן צום זיפּנמאַכער און האָט גענומען צינדן און ברענען די באָרד. בעתן טומל האָט לכתחילה קיינער נישט באַמערקט, וואָס דאָ איז געשען, אָבער באַלד האָבן די ברענענדיקע האָר פון דער באָרד געלאָזט שנירלעך בלוי־גרוילעכן רויך, וואָס האָט די לופט אָנגעפילט מיט אַ שאַרפן ריח פון סמאַלינעס.

---

* די אַרמיי פון גענעראַל יוזעף האַלער איז געשאַפן געוואָרן אין פראַנקרייך פון געוועזענע פּוילישע עמיגראַנטן און מלחמה־געפאַנגענע פּאַליאַקן, וואָס האָבן געקעמפט אין דער דייטשער אַרמיי. האַלער האָט געקעמפט קעגן די דייטשן ביי דער זייט פון דער פראַנצויזישער אַרמיי. נאָכן אויפקום פון פּוילן איז ער צוזאַמען מיט זיין חייל צוריקגעקומען קיין פּוילן, ווו די האַלערטשיקעס האָבן זיך באַרימט געמאַכט מיט זייערע פּאָגראָמען אויף יידן.

** פאַרכוואַטע יידן דאַווענען צו זייער פאַרכוואַטן גאָט.

הערשל איז אַריינגעלאָפן צום שוחט אין שטוב און באַלד צוריקגעקומען מיט אַ נאַסן האַנטעך. ער האָט שנעל איינגעוויקלט אין דעם האַנטעך דעם פּאַטערס באָרד און מיט די הענט איינגעקוועטשט דאָס פייער. ווען ער האָט פונאַנדערגענומען דאָס האַנטעך האָט דעם זיפּנמאַכער געפעלט איין זייט פון זיין לאַנגער באָרד; צום נאַסן האַנטעך איז געבליבן צוגעקלעפּט אַ פעטער פלעק פון שוואַרצער סאַזשע. אַ נס בלויז, וואָס דער זיפּנמאַכער האָט נישט באַקומען קיין בראַנדווונדן.

אינעם טומל האָבן דערוויל די האַלערטשיקעס זיך אָפּגעטראָגן. אַזוי מטורפדיק און ווילד, ווי זיי האָבן זיך אַהער אַריינגעריסן זייבען זיי פון דאַנען אַוועק.

אין שטאָט האָבן ייִדן איבערגעלעבט עטלעכע אימהדיקע טעג פון אומ־זיכערקייט און שרעק. קיינער האָט דאָך נישט געקענט פּאָרויסזען ווו די שונאי ישׂראל וועלן ווידער באַפאַלן די ייִדן.

באַזונדערס דערשלאָגן זיינען געווען דער זיפּנמאַכער און זיין זון הערשל. די שבתדיקע מיטאָג־סעודה איז ביי זיי געבליבן נישט אָנגערירט אויפן טיש. אַ שווייגנדיקער איז הערשל געזעסן אין אַ ווינקל און האָט געבלעטערט אַ ספר פון קליינעם פאָרמאַט אין אַ טונקל ברוינעם לעדערנעם איינבונד. זינט ער איז צוריקגעקומען פון דער מלחמה האָט הערשל געהאַלטן אין איין לייענען פאַרשידענע ביכער און דער זיפּנמאַכער האָט געהאַט טענות, הלמאַי הערשל פאַרנאַכלעסיקט דאָס לערנען. אויך איצט, כאָטש אויפגעבראַכט און צערודערט פונעם נאָר וואָס איבערגעלעבטן געשעעניש אין קלויז, האָט דער זיפּנמאַכער געוואָלט וויסן וואָס פאַראַ ספר הערשל לייענט.

— ס'איז דער ספר קהלת — האָט אים הערשל געענטפערט.

— ספר קהלת? וואָס עפּעס פלוצעם ספר קהלת?

הערשל האָט אויפגעהויבן די אויגן און שטיל באַטראַכט דעם פאָטער, ווי ער וואָלט געוואָלט אויספּרווון, צי ער קען אים איצט אַנטפּלעקן אַ וויכטיקע זאַך. דערנאָך האָט ער פאַרמאַכט דאָס בוך און צוגעטראָגן דעם איינבונד נאָענט צום זיפּנמאַכערס אויגן.

— טאַטע, טו אַ קוק אָט דאָ.

דער זיפּנמאַכער האָט דאָס בוך גענומען אין האַנט און פון דער נאָענט באַטראַכט די לעדערנע הילע. אין דער זייט פון בוך האָט ער באַמערקט

אַ דין קיילעכדיק לעכל, וואָס האָט זיך אין אַ שיפער ליניע אַריינגעשניטן טיף ביז צו דער צווייטער זייט פון בוך.

דער זיפּנמאַכער האָט אַנגעשטעלט אויף הערשלען אַ פרעגנדיקן בליק:

— וואָס איז דאָס?

— דעם דאָזיקן ספר קהלת — האָט הערשל געמומען דערציילן — האָב איך מיט זיך געהאַט אויפן פראָנט אין צפון־איטאַליע. איך האָב אים געטראָגן אין דער לינקער ברוסט־קעשענע פונעם שינעל. אין אַ פרייער רגע פלעג איך ליב האָבן אַריינצוקוקן דערין. געווען איז עס אין דער צייט ווען מיר האָבן זיך געגרייט אַריבערצוגיין דעם טייך פּיאַוואַ. די איטאַליענער האָבן אונדז שטאַרק באַשאָסן, אָבער נישט געקוקט אויף דעם האָבן מיר באַקומען אַ באַפעל אַרויסצוגיין פון די טראַנשייען און צוצולויפן צו די וואַרטנדיקע שיפלעך.

ווי נאָר מיר האָבן פאַרלאָזט אונדזערע באַהעלטענישן, זיינען מיר גלייך אַריין אין אַ שטח, וואָס דער שונא האָט געהאַלטן אונטער אַ מטורפדיק פייער. לינקס און רעכטס פון מיר זיינען סאָלדאַטן געפאַלן ווי פליגן. איך האָב דערפילט אַ מין קיצלדיקן גלעט אין דער לינקער זייט פון מיין ברוסטקאַסטן. איך בין ווייטער געלאָפן נאָך עטלעכע טריט. אָבער פלוצעם האָב איך באַמערקט, אַז אַרום מיר לויפט שוין קיינער נישט. אַלע סאָלדאַטן ליגן אויסגעצויגן אויף דער ערד. בין איך אויך געפאַלן צו דער ערד. אין דעם דונערדיקן רעש פון דער שיסעריי האָט מען נישט געקענט הערן קיין מענטשלעכע שטימע. איך האָב בלויז געקוקט, וואָס ס׳טוט זיך אַרום מיר. האָב איך געזען, אַז סאָלדאַטן אין זייער פולער מלחמה־אויסשטאַטונג קריכן אויף אַלע פיר צוריק צו די טראַנשייען. האָב איך געטאָן דאָס זעלביקע. ערשט ווען מיר זענען געווען צוריק אין טראַנשיי האָבן מיר געזען אונדזער חורבן. פון אונדזער קאָמפּאַניע האָט געפעלט אַ העלפט סאָלדאַטן, און יענע קאָמפּאַניעס, וואָס זיינען פאַר אונדז אַרויסגעגאַנגען און האָבן דערגרייכט צו זייערע שיפלעך, זיינען אַלע אומגעקומען אין די הויכע וואַסערן פון דער פּיאַוואַ.

דער זיפּנמאַכער האָט איצט אַ שטאַרק אויפגערעגטער געשפּאַנט איבער דער שטוב. אין זיין פולער הויך פון אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן האָט ער מיט דער אָפּגעברענטער לינקער זייט פון זיין באָרד אויסגעזען אַ ביסל קאָמיש. ער האָט געפרעגט:

— נו, און וואָס איז די מעשׂה מיטן ספר קהלת?

— יאָ, דעם עיקר האָב איך דיר טאַקע נישט דערציילט. זעסט, לכתּחילה האָב איך אין גאַנצן פאַרגעסן וועגן דעם גלעט אויף דער ברוסט, אָבער שפּעטער, ליגנדיק אין טראַנשיי, האָב איך אָנגעטאַפּט אַ קליין לעכעלע אין שינעל. איך האָב אַרויסגעשלעפּט דעם בוך און געזען ווי ער איז דורכגע־לעכערט, האָב איך פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז געשען. ס׳איז געווען אַ פּשוטע קויל פון אַ ביקס און דער ספר קהלת האָט אויפגענומען איר הויפּטקראַפט. זי איז דערגאַנגען בלויז צו מיין רעקל, האָט איבערגעלאָזט אויף אים אַ קליינעם ברוינעם פלעק און איז אַראָפּגעפאַלן. וואָלט איך אויף זיך נישט געהאַט דעם ספר, וואָלט זי אַריין אין לייב.

— זאָל גאָט שומר ומציל זיין — האָט געזאָגט דער זיפּנמאַכער און אַריינגערופן זיין ווייב. ער האָט איר געזאָגט:

— גאָלדע, לאָמיר נישט טרויערן אויף דעם וואָס היינט איז געשען. זעסט דעם ספר קהלת? ער האָט אונדז געבראַכט אַ נס, געראַטעוועט הערשלען פון טויט, חלילה. מיר וועלן גיין בענטשן גומל.

גאָלדע איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל. זי האָט געוואָלט פאַרשטיין, וואָס דאָ איז געשען. מען האָט איר געמוזט איבערדערציילן דאָס גאַנצע געשעעניש. זי האָט געציטערט און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אירע אויגן.

אויך ביים זיפּנמאַכער האָבן געציטערט אַלע אברים, בעת ער האָט גענומען רעדן צום זון:

— הערשל, דו טאָרסט קיין מאָל נישט פאַרגעסן, אַז דיינע זיידעס און דיינע עלטערן האָבן אַלע מאָל אָפּגעהיט יידישקייט, תּורה און מצוות. אויך דו ביסט מחויב זיי אָפּצוהיטן.

הערשל געדענקט, ווי ער האָט דעמאָלט פייערלעך צוגעזאָגט דעם טאַטן און דער מאַמען געטריי אָפּצוהיטן יידישקייט פּונקט אַזוי ווי זיי טוען עס.

יענעם שבת האָט טאַקע דער זיפּנמאַכער באַשלאָסן אַוועקצושיקן הערש־לען קיין אַמעריקע. צו מאָרגנס האָט ער געשריבן אַ בריוו צו זיין ברודער יאַנקל אין ניו־יאָרק און אים געבעטן צו שיקן פּאַפּירן און אַ שיפסקאַרטע פאַר הערשלען.

ווען ער האָט דאָס דערציילט הערשלען, האָט ער זיך שטאַרק געחידושט:

— ווי קענסטו, טאַטע, דאָס טאָן? ווי אַזוי וועסטו פירן דיין מסחר?

וועסטו דען קענען איינער אַליין אי מאַכן די זיפּן און אי פאַרקויפן זיי אויפן מאַרק?

— מילא, ס׳וועט טאַקע זיין שווער, אָבער ס׳איז אַ שעת הכושר. מיר וועלן זיך מוזן דאָ ווי נישט איז דורכמוטשען ביז מיר וועלן אויך אַוועקפאָרן.

— ווילסטו טאַקע אויך פאָרן קיין אַמעריקע? און די מאַמע אויך?

— אַוודאי וויל איך. ווען דו וועסט זיך איינאָרדנען, וועסטו אונדז, אם ירצה השם, אַריבערנעמען. איך קען אויך דאָרט געפינען מיין חיונה. פאַראַן דאָך גויים אויך אין אַמעריקע, און ווי אַזוי קענען זיי פירן אַ באַלע־באַטישקייט אָן זיפּן? וועלן מיר זיך אַוועקשטעלן אויך דאָרט און מאַכן רעשעטעס פאַר די גויים.

— אין אַמעריקע רופט מען זיי פאַרמערס — האָט הערשל פאַרריכט דעם פאָטער — און די אַרבעט איז ביי זיי מער מעכאַניזירט.

— זאָלן זיי הייסן פאַרמערס — האָט דער זיפּנמאַכער זיך געהאַלטן ביים זייניקן — אָבער זיפּן דאַרפן זיי?

און ביי אָט די דאָזיקע געדאַנקען האָט איצט ר׳ הערשל זיך אויפגעוועקט פון זיין הינערפּלעט. אין זיין האַנט האָט ער געהאַלטן דעם ספר קהלת אין דעם שוין גוט אויסגעריבענעם, דורכגעשאָסענעם לעדער־איינבונד מיט פאַר־געלטע בלעטער. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, כדי צו פאַרטרייבן פון זיך דעם שלאָף, און ווען ער איז געוואָרן אין גאַנצן וואַך, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז אויך איצט, אין דער סאַמע שווערסטער שעה פון זיין לעבן, האָט דער בעל חכמה, קהלת, באַרויקט זיין געמיט.

דער פעטער יאַנקל, וואָס פאַרא טייערער און ערלעכער ייִד ער איז דאָס געוועזן. און ווי גוט ער איז געווען צו אים, צו הערשלען. נישט מער, ער איז שוין זינט צען יאָר אַ שוכן עפר און זיינע קינדער האָבן זיך אָפּגעקערט פון ייִדישקייט. זיי האַלטן זיך פון דער ווייטנס, ווילן מיט אים, ר׳ הערשלען, נישט האָבן קיין שום מגע־ומשׂא.

נאָך דעם פעטערס פּטירה האָט קיין איינער פון זיינע זין נישט געזאָגט קדיש נאָכן טאַטן. אמת, ער, ר׳ הערשל, האָט געטריי אָפּגעהיט דעם קדיש נאָכן פעטער יאַנקל אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר און ער האַלט נאָך היינט זיינע יאָרצייטן. אָבער דאָך, אַ קדיש פון אַן אייגן קינד איז נישט דאָס זעלבע וואָס אַ קדיש פון אַ ברודערס אַ קינד.

אָבער צוריקגעשמועסט, איז דאָך דער גורל פונעם פעטער יאַנקל געווען אַן אַ שיעור לייכטער ווי דער גורל פונעם זיפּנמאַכער און זיין ווייב. איז דאָך דער פעטער יאַנקל געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, אין זיין אייגענעם בעט. דער טאַטע און די מאַמע זיינען, נעבעך, אַוועק אויף קידוש־השם, געטריבן צו דער עקדה דורך בלוטדורשטיקע רוצחים. ס׳איז נאָך זיי אַפילו קיין קבר מיט אַ בערגל ערד נישט געבליבן.

ר׳ הערשל איז געלעגן אויף זיין בעט און האָט געבלעטערט דעם ספר קהלת, ביז דער גוטער בעל־חכמה האָט אים אויף אַ רעכטן אמת באַרויִקט און ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

*

נאָכן טויט פון זיין פרוי האָט ר׳ הערשל זיין גאַנצע צייט אַוועקגעגעבן דער שול. ער פלעגט אַהין אַריינקומען יעדן אינדערפרי און אַליין צוגרייטן אַלץ וואָס מען דאַרף צום מנין. דאָס רוב טעג איז אים טאַקע אויסגעקומען אַליין צו דאַווענען פאַרן עמוד, סיידן ס׳האָט זיך אַ מאָל געוויזן אַ גראַמאַטנער בעל־יאָרצייט, וואָס איז בכּוח געווען זיך צו שטעלן פאַרן עמוד.

נאָכן דאַווענען איז ר׳ הערשל געבליבן אין שול און האָט דאָרט דער־ליידיקט פאַרשידענע ענינים ביז מיטאָגצייט. פאַר נאַכט איז ער צוריקגעקומען צו מנחה ומעריב און נאָכן דאַווענען איז ער נאָך אויף אַ שעה צייט געבליבן מיט אַ גרופּע ייִדן צו זאָגן מיט זיי קאַפּיטלעך תּהילים אָדער צו לערנען אַ דף גמרא.

שבתים און ימים־טובים איז ר׳ הערשל געווען דער בעל־שחרית. בעתן לייענען האָט ער געטיילט די עליות און ביים שלש־סעודות האָט ער געהאַט די חזקה צו זאָגן תּורה. בלויז איין טאָג אין דער וואָך, זונטיק, פלעגט ר׳ הערשל פאַרפעלן צו קומען אין שול, מחמת דעם דאָזיקן טאָג פלעגט ער פאַרברענגען ביי זיינע זין; איין זונטיק ביים עלטערן און אַ צווייטן ביים ייִנגערן. מוצאי־שבת פלעגן די זין קומען אים נעמען צו זיך און פלעגן אים צוריקברענגען זונטיק אין אָוונט, כּדי ער זאָל אויף מאָנטיק אין דער פרי ווידער זיין גרייט צו זיין אַרבעט.

אַזוי האָט איצט, אויף דער עלטער, זיך איינגעשטעלט ר׳ הערשלס לעבן. קיין דאַגות פּרנסה האָט ער נישט געהאַט און כּבוד אין דער „שערי־חסד"־שול

האָט אים אַוודאי נישט געפעלט. אַדרבה, דער נאָמען ר׳ הערשל איז ביי די שול־מעמבערס* און ביי די מתפללים געווען אַ שם־דבר. פּאַקטיש איז ער דאָ געווען די צווייטע אויטאָריטאַטיווע פּערזענלעכקייט נאָכן ראַבאַי.

די שפּעט־אלולדיקע נעכט, ווען יידן קערן זיך אום אַהיים פון די סליחות, זיינען קילע אַפילו אינעם צעהיצטן ניו־יאָרק. איז דעריבער נאָך די זומער־דיקע היצן דאָס גיין צו סליחות פּאַר אַ ייד אַ מחיהדיקע איבערלעבונג. אָבער אין דער „שערי־חסד״־שול איז אין יענעם יאָר צו סליחות געקומען אַ קלענערער עולם, ווי אין די פריערדיקע יאָרן. האָט זיך אויף דעם ר׳ הערשל שטאַרק געחידושט. הלמאַי — פאַר וואָס?

אָבער דעם ערשטן טאָג ראש השנה נאָכן לייענען האָט דער ראַבאַי אין אַ ספּעציעלער דרשה גערופן דעם עולם צו בלייבן וווינען אין די ביזאיצטיקע דירות. ס׳מוז אָפּגעשטעלט ווערן — האָט ער געזאָגט — דאָס זינלאָזע אַנ־טלויפן פון דער וווינגעגנט, און כּדי נאָך מער צו ווירקן אויף די יידן, האָט ער צוגעגעבן:

— אין משך פון דריי דורות האָבן מיר דאָ געבויט אונדזער קהילה, און איצט זעט עס אויס, ווי מיר וואָלטן מיט אונדזערע אייגענע הענט געוואָלט חרוב מאַכן אַלץ דאָס, וואָס אונדזערע עלטערן און מיר אַליין האָבן אויפ־געבויט מיט אַזוי פיל מי.

דעם ראַבאַיס רייד האָבן אויפן אַלטן ר׳ הערשל אָנגעיאָגט אַן אומרו. וואָס מיינט ער, דער ראַבאַי, ווען ער זאָגט, אַז מ׳גייט לאָזן דעם מקום־קדוש אויף הפקר, חלילה? און ווער אַנטלויפט עס פון דאַנען? און ווו אַהין לויפן זיי דאָס, צו אַלדי גוטע יאָר?

ערשט איצט איז ר׳ הערשלען קלאָר געוואָרן אין קאָפּ. אַלע רעדן דאָך וועגן אַריבערציִען זיך ערגעץ ווו ווייט פון דאַנען. הייסט עס, אַז ס׳איז נישט סתּם אַזוי גערעדט. זיי מיינען עס ערנסט. אַ ציטער איז דורכגעלאָפן ר׳ הערשלס רוקן. אויב זיי וועלן טאַקע אַלע פון דאַנען אַוועק, וועט דאָך די שול בלייבן אויף הפקר.

דערווייל האָט דער ראַבאַי פאַרענדיקט די דרשה און ר׳ הערשלען גע־געבן אַ צייכן, אַז ס׳איז צייט אָנצוהייבן די תּקיעות. ר׳ הערשל האָט אָנגע־

* מעמבערס — מיטגלידער (ענגליש).

הויבן צו זאָגן דעם „למנצח לבני קרח מזמור״, בעת אין זיין דמיון האָט פלוצעם זיך דערוועקט אַן אַלט פאַרגעסן בילד: איידער ר׳ משה שפיגל האָט ביי סאַנע שוחט אין קלויז אָנגעהויבן מסדר צו זיין די תקיעות, פלעגט ער דעם טלית מיט דער גרויסער זילבערנער עטרה אַריבערוואַרפן איבער זיין פנים און איז אַזוי אָפּגעשטאַנען אַ לענגערע ווײַלע. ערשט נאָך דעם האָט ער צוריק אויפגעדעקט דאָס פנים און געזאָגט דעם פסוק „מן המצר קראתי יה ענני במרחב יה״.

שטייט אים איצט, ר׳ הערשלען, פאַר די אויגן, ווי אַ לעבעדיקער, דער אַלטער שפיגל, אַ קליינוווקסיקער ייִד מיט אַ לאַנגער שניייווייסער באָרד. קוקט ער אויף אים און קען נישט פון אים דעם בליק אָוועקרייסן, און דאָס ערשטע מאָל זינט ר׳ הערשל לעבט דאָ אין אַמעריקע, קומט אים אויפן געדאַנק, אַז דאָרט ביי ר׳ סאַנע שוחט אינעם ווייטן גאַליצישן שטעטל, האָבן די פסוקים פון תהילים געהאַט גאָר אַן אַנדערן טעם, ווי זיי האָבן איצט דאָ.

מיטן בליק האָט ר׳ הערשל זיך אַ קער געטאָן צום עולם מתפללים און דערזען אַ פול־געפּאַקטע שול. ייִדן אין טליתים און מיט מחזורים אין די הענט זיינען געשטאַנען און האָבן געוואַרט אויף די תקיעות. ר׳ הערשל האָט גלייך אָנגעהויבן: תקיעה, שברים, תרועה, תקיעה... אין דעם זעלבן מאָמענט איז אים אַן אָפּגעריסענע פראַגע אַדורכגעלאָפן דעם מוח:

— אַזאַ שיינער עולם ייִדן, קיין עין־הרע, אין שול. פאַר וואָס רעדט מען וועגן אַנטלויפן און לאָזן די שול אויף הפקר?

אָבער דעם ערשטן טאָג סוכות באַלד אין דער פרי, בעת די מתפללים האָבן אָנגעהויבן אַריינצוקומען, האָט זיך ביי דער טיר אָפּגעשטעלט אַ מאַן מיט אַ צעממיתטע פנים, מיט אונטערגעהאַקטע אויגן און ברוין און בלאָע צייכנס אויפן שטערן און אויף ביידע באַקן. ר׳ הערשל האָט דעם ייִד גלייך דערזען, אָבער פון דער ווייטנס אים נישט דערקענט. ערשט ווען ער האָט זיך דערנענטערט, האָט ר׳ הערשל זיך אויפגעריסן פון אָרט און אויסגערופן:

— ווײַ איז צו מיר, ס׳איז דאָך מיסטער סיגעל. וואָס איז מיט אייך געשען, מיסטער סיגעל?

מיסטער סיגעל האָט מיט אַן אָפּגעשוואַכטער שטימע דערציילט אַזאַ מעשה־נורא: ווען ער האָט מוצאי יום־כיפור נאָכן תענית זיך אומגעקערט

אין שטוב, וואָס איז סך־הכל צוויי בלאָקס פון דער שול, האָט ער אויף די שטיגן פלוצעם דערפילט פון הינטן אַ קלאַפּ אין קאָפּ. אַ כוליגאַן האָט מיט אַ שטעקן אים געשלאָגן איבערן קאָפּ, פּנים און ווו נאָר ער האָט געקענט דערלאַנגען. אין דעם האַלב־פינצטערן דורכגאַנג האָט זיך שאַרף אָפּגעשניטן דעם כוליגאַנס שוואַרצע פּנים, בעת פון זיין מויל האָבן זיך געטראָגן אָפּגע־ריסענע באַפעלן: דאָס געלט גיב, שטיל זיי!..

אומזיסט האָט סיגעל זיך געבעטן ביים רוצח: ס'איז היינט יום־כּיפּור און ער איז אַ ייִד, וואָס קערט זיך אום פון שול. די רעליגיע דערלויבט נישט צו טראָגן מיט זיך געלט אין אַזאַ טאָג. יענער האָט נישט אָפּגעשטעלט דאָס שלאָגן, נאָר איצט האָט שוין סיגעל פאַרשטעלט דעם קאָפּ מיט זיינע אָרעמס און האָט אויפן קול גענומען שרייען: הילף!...

אויפן אונטערשטן און אויבערשטן גאָרן האָבן טירן אָנגעהויבן זיך צו עפענען. דער רוצח איז מיט גיכע טריט אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ און פאַר־שוווּנדן אין דער פינצטערער נאַכט.

— ייִדן — האָט מיסטער סיגעל פאַרענדיקט זיין דערציילונג — מען דאַרף פון דאַנען אַנטלויפן ווו די אויגן טראָגן.

פון יענעם טייל בראָנקס זיינען שוין איצט ייִדן און אַנדערע ווייסע תּושבים געלאָפן אין בהלה, ווי מען לויפט פון אַ פייער. די גבאים פון דער „שערי־חסד"־שול האָבן פאַרשטאַנען, אַז אויך פאַר זיי איז געקומען די צייט זיך פון דאַנען אָפּצוטראָגן. וואָס וועט זיין מיט דער שול?

די גבאים האָבן גערופן אַן אסיפה און געמאָלדן: מיר גייען פון דאַנען אַוועק און קיינער וועט דאָ נישט בלייבן צו זאָרגן פאַרן מקום־קדוש. קען דאָך געמאָלט זיין, אַז די שול, איבערגעלאָזט אויף הפקר, וועט אַריינפאַלן אין נישט געוווּנטשענע הענט. דעריבער האָבן זיי, די גבאים, באַשלאָסן צו פאַרקויפן דעם שול־בנין און דאָס אָפּגעלייזטע געלט באַשטימען אויף אויפצובויען אַ נייע שול אין אַ געגנט ווו ייִדן ציִען זיך איצט אַריין.

דער אַלטער ר' הערשל איז נישט נתפּעל געוואָרן פונעם דאָזיקן רעיון, און ווען ער האָט גענומען פרעגן: וואָס וועט זיין מיטן ראַבאַי? וואָס מיטן חזן? האָבן די גבאים געענטפערט: סיי דער ראַבאַי און סיי דער חזן האָבן שוין נייע שטעלעס אין אַנדערע שולן און זיי פאַרלאָזן בקרוב די געגנט.

— אויב אַזוי — האָט איצט ר' הערשל געזאָגט — האָט מען שוין אַלעמען,

ברוך השם, פאַרזאָרגט. בלויז איין קלייניקייט האָט מען פאַרגעסן: די אַלטע און די אָרעמע־לייט, וואָס קענען זיך נישט פאַרגינען צו באַצאָלן דאָס טייערע דירה־געלט אין די בעסערע וווינגעגנטן. אַזעלכע ייִדן זיינען פאַראַן ביי אונדז אין די הונדערטער, און איר, חשובע גבאים, מאַכט זיך נישט וויסנדיק. און איר ווילט נישט וויסן פון נאָך אַ זאַך: די שול איז געבויט געוואָרן פאַר ייִדן פון דער דאָזיקער געגנט און זי קען נישט ווערן אַן אַרטיקל פון האַנדל־וואַנדל, טאָ זאָל זי אויך אויף ווייטער זיין די גייסטיקע היים פאַר די לעצטע ייִדן, וואָס וועלן דאָ נאָך בלייבן, און גלייבט מיר: זיי וועלן די דאָזיקע היים איצט דאַרפן מער, ווי אין אַלע אַנדערע צייטן.

די גבאים האָבן געקוקט אויף ר׳ הערשלען מיט גרויס חידוש:

— ר׳ הערשל, אָבער ווי אַזוי וועט איר אויסהאַלטן די שול?

— וואָס הייסט? — האָט ער געענטפערט מיט אַ פראַגע — און איר אַלע, ווו איר זאָלט נישט וווינען, וועט איר דען זיך אָפּזאָגן צו העלפן אויסצוהאַלטן די שול? און אויב איר וועט יאָ זיך אָפּזאָגן, וועט מען סיי ווי מוזן זיך אַן עצה געבן.

ביי דעם איז טאַקע געבליבן. די גבאים זיינען אַוועק אין זייערע נייע דירות, דער ראַבאַי און דער חזן האָבן איבערגענומען זייערע נייע שטעלעס. אין דער „שערי־חסד״־שול איז איצט ר׳ הערשל געבליבן איינער אַליין, ווי דער רעליגיעזער מדריך, דער בעל־תּפילה און אַלץ וואָס איר ווילט נאָר, אין מיטן פון אַ שטאָט־שטח, וואָס איז אין משך פון עטלעכע חדשים פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין קיינעמס לאַנד און ווו ס׳איז געוואָרן סכנותדיק צו באַוועגן זיך. ער איז אַוועק אין דער צדקה־פעדעראַציע און האָט געפאָדערט הילף אויף איינצואָרדענען אין שול אַ קיך פאַר די פאַראייִנזאַמטע עלטערע ייִדן, וואָס זיינען דאָ געבליבן.

✶

שבת־צו־נאַכטס, ווען ר׳ הערשלס בכור איז געקומען מיט זיין אויטאָ נעמען דעם טאַטן צו זיך אויף זונטיק, האָט ער, ווי בדרך אַגב, באַמערקט:

— איך זע, אַז אין דער געגנט דאָ איז פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש.

— יאָ, וואָס קען מען זיך העלפן? ס׳איז געוואָרן אַ בהלהדיקע שטימונג. אָבער דער זון האָט זיך נישט געלאָזט פאַררעדן די ציין.

— טאַטע — האָט ער זיך געגומען בעטן — דאָס הויז וווּ דו ווינסט איז געוואָרן אַ חורבה, אין די קאָרידאָרן און אין עלעווייטער שטינקט צואה, ס'איז פשוט נישט מעגלעך דורכצוגיין. אויף דיינע ביידע שכנים איז אַ שרעק אַ קוק צו טאָן. נאָך וואָס דאַרפסטו דאָ זיצן און איינשטעלן דאָס לעבן? פאָלג מיך, טאַטע, און קום צו אונדז ווינען. אויב דו ווילסט דווקא זיין פאַר זיך, איז איצט פריי געוואָרן אַ קליינע דירה לעבן אונדז, אויף דער שכנותדיקער גאַס, פונקט אַנטקעגן איבער דער שול, ווי דאָ. איך וועל דינגען פאַר דיר די דירה און דו וועסט ממש אויפלעבן, וועסט זיין נאָענט פון דיינע קינדער און וועסט אויך האָבן אַ שול פונקט אַזאַ גוטע, ווי די שול דאָ איז געווען.

ר׳ הערשל האָט זיך צוגעהערט צו די דאָזיקע רייד און האָט לכתּחילה נישט געענטפערט. ערשט שפּעטער, בעת זיי זיינען שוין געווען ביים זון אין שטוב און ר׳ הערשל האָט מיט אַ געפיל פון נחת זיך צעשמועסט מיט זיינע אייניקלעך, האָט ער פּלוצעם זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו זיין בכור און האָט אים געזאָגט:

— געוויס ווייס איך, אַז דו ביסט גערעכט און יעדעס וואָרט, וואָס דו האָסט געזאָגט איז אמת. אָבער נישט אַלע מאָל קענסטו טאָן דאָס וואָס ס'ווייזט אויס צו זיין גוט פאַר דיר. פאַראַן אומשטענדן, אין וועלכע דו מוזסט אַ טראַכט טאָן וועגן אַנדערע מענטשן, וואָס נייטיקן זיך אין דיין הילף. האָבן מיר דען נישט געלערנט, אַז אויף מצוות און מעשׂים־טובים שטייט די וועלט? נישטאָ פאַר מיר קיין אַנדערע ברירה. איך וועל דאַרט מוזן בלייבן.

ר׳ הערשל איז געבליבן אין דער אַלטער שול און האָט ענערגיש זיך גענומען צום אָרגאַניזירן דעם הילפסצענטער פאַר די עלטערע ייִדן, וואָס זיינען דאָ געבליבן צעוואָרפן אין פאַרשידענע פּונקטן פון דער געגנט. די טעג ביז פאַר נאַכט פלעגט ער איצט פאַרברענגען אין שול ביי דער אַרבעט. עטלעכע ייִדן האָבן אים געהאָלפן אין דער אַרבעט און צוזאַמען מיט אים פאַרבראַכט אין שול זייערע טעג. צו דער דאָזיקער גרופּע זיינען כמעט יעדן טאָג צוגעקומען נייע פּנימער. געווען זיינען עס אַזעלכע ייִדן, וואָס האָבן אין די פריִערדיקע יאָרן צו דער „שערי־חסד״־שול, אָדער בכלל צו קיין שול, קיין שום שייכות נישט געהאַט, אָבער איצט האָבן זיי זיך דערוווּסט וועגן דעם אויפקום פון ר׳ הערשלס זאַמלפּונקט פאַר קעגנזייטיקער הילף.

פאַר דער דאָזיקער גרופּע מענטשן איז איצט די נאַכט געווען די סאַמע שווערסטע צייט, מחמת ביי נאַכט איז יעדער פון זיי אַליין מיט זיך געבליבן אין די ד׳ אמות פון זיין דירה, הינטער טירן פאַרשלאָסענע אויף אַ סך שלעסער און פאַרהאַקטע פענצטער, ווי להבדיל אין אַ פעסטונג. אויף ר׳ הערשלס געמיט האָט די דאָזיקע אויפגעצוווּנגענע איינזאַמקייט געווירקט ווי אַ גזירה פון הימל. אַט זיצט ער דאָ ווי אין אַ תּפיסה, כאַפּט אַ מאָל אַ בליק דורכן פענצטער און דערמאָנט זיך מיט בענקשאַפט יענע אַמאָליקע צייטן, ווען ער פלעגט אין די שפּעטע אָוונטן צוזאַמען מיט זיין פרוי אַרויסגיין אין אַט דער גאַס טאַקע אויף אַ שפּאַציר. ער פלעגט זיך טרעפן דאָרט מיט שכנים און פריינד. היינט זיצט ער דאָ באַהאַלטן פאַר די רויבערס און גזלנים. זיי לאָקערן אויף זיין לעבן, וואָס האָט ביי זיי דעם ווערט פון נישט מער ווי די עטלעכע דאָלער, וואָס זיי קענען ביי אים צורויבן.

אָ, נישט אַזוי האָט ער זיך פאָרגעשטעלט זיינע אַלטע יאָרן אין אַמעריקע, בעת ער האָט זיך געגרייט אַהער צו פאָרן פון זיין גאַליצישן היימשטעטל. אויך זיין טאַטן, דעם זיפּנמאַכער, האָבן זיך דעמאָלט אַזעלכע מינים אָנשי־קענישן אַפילו נישט געחלומט. אויפן וועג קיין וואַרשע, ווו ער איז מיט הערשלען געפאָרן, כּדי צו דערליידיקן דאָרט די נייטיקע פאָרמאַליטעטן אין אַמעריקאַנער קאָנסולאַט און אין דער שיפס־געזעלשאַפט, האָט ער, דער זיפּנמאַכער, כּסדר גערעדט וועגן די צרות, וואָס יידן האָבן אויסצושטיין אין פּוילן. פון דער צווייטער זייט האָט ער געהאַלטן אין איין אונטערשטרייכן דעם בכּבודיקן אָנזען, וואָס יידן האָבן דאָרט, אין דער פרייער אַמעריקע.

אָבער די אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט איז נישט אַלע מאָל נאָכגעקומען דעם זיפּנמאַכערס אָפּטימיסטישע פאָרשטעלונגען. פאַר הערשלען איז דאָס איינאָרדענען זיך דאָ נישט אָנגעקומען לייכט. אין די ערשטע צען יאָר האָט ער פון זיינע פאַרדינסטן נישט געקענט אָפּשפּאָרן דאָס געלט, וואָס איז נייטיק געווען, כּדי אַריבערצונעמען אַהער זיינע עלטערן. ערשט אין עלפטן יאָר האָט ער געקענט חתונה האָבן מיט זיין באַשערטער, און נאָך פופצן יאָר זיין אין אַמעריקע האָט ער זיך געקענט פאַרגינען צו פאָרן אויף אַ באַזוך קיין פּוילן. ער האָט געטראָפן זיינע טאַטע־מאַמע שטאַרק געעלטערטע. אָבער דער זיפּנמאַכער האָט זיך באַמיט די גאַנצע זאַך אָוועקצומאַכן מיט אַ חכמהלע:

— ווי דו זעסט, הערשל, האָט זיך די צייט אַ רוק געטאָן. כ׳וועל שוין נישט באַווייזן דיינע פּאַרמערס צו פאַרזאָרגן מיט רעשעטעס. שוין אַ ביסל צו שפּעט פאַר מיר.

אָבער הערשלען איז געווען אומעטיק אויפן האַרץ. אין שכנות פון פּוילן האָט געבושעוועט דער אַכזריותדיקער שונא־ישראל און אין פּוילן גופא האָט יעדער טאָג געבראַכט פרישע גזירות אויף יידן. געווען זיינען איצט די גזירות אַ סך ערגער ווי דעמאָלט, ווען הערשל איז געפאָרן קיין אַמעריקע. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איצט איז געקומען די צייט צו ראַטעווען די עלטערן. האָט ער דעם טאַטן געענטפערט אַזוי:

— דו ווערסט נישט דאַרפן מאַכן קיין רעשעטעס. איך וועל אייך שיקן פּאַפּירן און איר וועט קומען צו מיר. אַז איר וועט שוין דאָרט זיין, וועט מען פאַר אייך, מיט גאָטס הילף, געפינען אַ פּרנסה.

דער זיפּנמאַכער האָט הערשלען אויסגעהערט. ער איז אָבער נישט נתפּעל געוואָרן פון זיינע רייד.

— קום, הערשל, לאָמיר גיין אַ קוק טאָן ווי ס׳זעט אויס אין אונדזער קלויז.

אין דער הוסיאַטינער קלויז ביי ר׳ סאַנע דעם שוחט זיינען יידן פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין זקנים. דער אַלטער שפּיגל איז שוין נישט געווען. ר׳ סאַנע אַליין, אַ גרייזגרויער זקן מיט אַ רויטער נאָז פון שמעקן טאַבעק, איז געזעסן איבער אַ ספר און האָט געלערנט. זיין שטעלע פון שוחט האָט ער געהאַט איבערגעגעבן דעם זון זיינעם. אַליין האָט ער געלעבט פון אַ מאָגערער פּענסיע, וואָס קהל האָט אים געצאָלט.

די געדריקטקייט פון דער שטימונג, וואָס האָט זיך דאָ געלאָזט פילן, האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויף הערשלען. ער האָט איצט בחוש געפילט, אַז זיין אַמאָליקע וועלט, וועלכע ער האָט דאָ געהאַט איבערגעלאָזט, האָט זיך געעקט.

ביים געזעגענען זיך האָט ער געבעטן דעם טאַטן און דער מאַמען זיי זאָלן זיך גרייטן צו דער נסיעה איבערן ים. דער זיפּנמאַכער האָט אָן חשק געצויגן מיט די אַקסלען, אָבער הערשל איז צו אים צוגעשטאַנען און האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט אַזוי גיך ווי ס׳וועט נאָר מעגלעך זיין שיקן די בייטיקע פּאַפּירן.

ער האָט די פּאַפּירן געשיקט, אָבער דער זיפּנמאַכער מיט זיין ווייב האָבן

שוין נישט באַוויזן זיי אויסצונוצן; איבער פּוילן האָט זיך צעפלאַקערט דאָס פייער פון דער מלחמה, וואָס היטלער האָט אָנגעצונדן.

איצט ליגט דאָ ר׳ הערשל אויפן געלעגער אין זיין איינזאַמער דירה און טראַכט וועגן דעם אומקום פון זיינע עלטערן און וועגן דעם חלק פון דער שולד, וואָס ער אַליין טראָגט אויף זיך. איז ער געווען גענוג ענערגיש אין זיינע באַמיִונגען? האָט ער אויסגענוצט אַלע וועגן, וואָס זיינען געווען אויף צו ראַטעווען זיי? זיינען דאָך פאַראַן ייִדן, וועלכע זיינען אַרויס פון דאָרט שוין נאָכן אויסבראָך פון דער מלחמה. פאַר וואָס האָט ער נישט געוווּסט וועגן אַזעלכע וועגן?

זיי זיינען אומגעקומען צוזאַמען מיט די איבעריקע אַלטע־לייט פונעם שטעטל. די רוצחים האָבן זיי געטריבן צום בית־עולם און דאָרט דערשאָסן. וועגן דעם האָט זיך ר׳ הערשל דערוווּסט שוין נאָך דער מלחמה פון די עטלעכע לאַנדסלייט, וואָס האָבן מיט גרויסע ניסים באַוויזן זיך צו ראַטעווען פון טויט.

*

נאָך אַ לאַנגן ווינטער האָבן ווידער אַ מאָל זיך צעגרינט די בראָנקסער פּאַרקן אין דער מילדער מייִקער וואַרעמקייט. די באַיאָרטע ביימער, וואָס זיינען דאָרט געוואַקסן זינט קדמונים און אַ טייל פון זיי האָבן נאָך געדענקט די פּאַרצייטיקע באַלעבאַטים פונעם דאָזיקן לאַנד, די אינדיאַנער, האָבן איצט אָנטקעגן דער זון געגלימערט מיט אַ ברייטער גאַמע פון פּיל־ניואַנסדיקע גרינע קאָלירן. די בראָנקסער פּאַרקן האָבן זיך צוזאַמען מיט דעם גאַנצן באַשאַף געוועקט צו אַ נייעם פריילעכן זומער, אָבער די מענטשן פון ר׳ הערשלס מין זיינען מיט זייער געמיט גאַנץ ווייט געווען פון אָט דער דערוואַכנדיקער פרייד.

אין דעם אַלטן זעקסשטאָקיקן הויז אַנטקעגן דער שול, ווו ר׳ הערשל האָט אויפן דריטן גאָרן געהאַט זיין דירה, איז ער איצט געווען דער אייני־ציקער ייִדישער תּושב, דער לעצטער דאָ פאַרבליבענער, לזכרון פון די אַמאָליקע גוטע צייטן, ווען דאָס הויז איז כמעט אין גאַנצן באַוווינט געווען דורך ייִדן. אין אַזעלכע באַדינגונגען איז ר׳ הערשלס לעבן אין זיין אַלטער דירה נישט געווען לייכט, און מיט דער צייט איז עס געוואָרן וואָס אַ מאָל שווערער.

אמת, זיין דירה איז געווען אַ געראַמע, ווייל געהאַלטן האָט זי ר׳ הערשל נאָך פון די אַמאָליקע צייטן, ווען זיין גאַנצע משפחה איז דאָ געווען צוזאַמען. אָבער די געראַמקייט פון דער דירה איז גראָד איצט נישט געווען קיין מעלה. צו וואָס האָט איין מענטש אַליין געדאַרפט האָבן זעקס גרויסע צימערן? בפרט, אַז עס איז נישט געווען ווער ס׳זאָל דאָ צורוימען און האַלטן ריין.

די פענצטער פונעם רוב צימערן קוקן אַרויס צום פראָנט פונעם הויז, צו דער גאַס, אָבער די צוויי פענצטער פון ר׳ הערשלס שלאָפצימער גייען אַרויס אויפן הינטערשטן הויף, וואָס איז פון דריי זייטן אַרומגענומען דורך ווענט מיט שורות פענצטער פון די אַנדערע דירות. די איצטיקע שכנים פון הויז, דאָס רוב שפּאַניש־רעדנדיקע מענטשן, האָבן שטאַרק ליב מוזיק, און די מוזיק זייערע איז גראָד נישט קיין שטילע, נאָר דווקא אַ הויכע און שרייַיִקע. מאַכט זיך, אַז שפּעט אין אָוונט, ווען ר׳ הערשל וויל שוין שלאָפן, צעשרייען זיך די הילכערס פון עטלעכע פענצטער אויף אַ מאָל און ס׳ווערט אַ רעש נישט אויסצוהאַלטן.

די איבעריקע שכנים, ווייזט אויס, אַרט נישט די גאַנצע זאַך. אַ סימן, קיינער באַקלאָגט זיך נישט, אָבער ר׳ הערשל קען בשום אופן נישט אַנטשלאָפן ווערן. נעמט ער זיין קישן מיט דער קאָלדרע און גייט אַריבער אין אַ צווייטן צימער מיט די פענצטער צו דער גאַס און ער לייגט זיך אויף דער קאַנאַפּע, אָבער אויך דאָ געפינט ער נישט קיין מנוחה. קוים ווערט ער אַנטשלאָפן, וועקן אים אויף קולות, וואָס טראָגן זיך פון דער גאַס. אַ מאָל זיינען עס געוואַלדן פון מענטשן, וואָס קריגן זיך און שעלטן איינער דעם צווייטן אויף שפּאַניש, אַן אַנדערש מאָל זיינען עס הילפרופן פון מענער אָדער געוויינען פון פרויען, מסתּמא דורכגייערס וואָס זיינען אָט דאָ נישט ווייט, אפשר טאַקע הינטער זיינע פענצטער, באַפאַלן געוואָרן דורך רויבערס.

ר׳ הערשל שלעפּט זיך אַראָפּ פון זיין געלעגער, גייט פּאַרזיכטיק צו צום פענצטער און קוקט אַרויס אין דער גאַס. ס׳טרעפט זיך, אַז ר׳ הערשל זעט קיינעם נישט. די יללות קומען, ווייזט אויס, פון אַ זייטיקער גאַס. אָבער טייל מאָל זעט ר׳ הערשל מיט די אייגענע אויגן די גאַנצע סצענע פון דער רויב־פּראָצעדור, ווי די רוצחים מיט מעסערס און שטעקנס איזדעקעווען זיך איבער זייער קרבן.

לויפט ר׳ הערשל צום טעלעפאָן און ביי דער שיין פון אַן אָנגעצונדן

שוועבעלע רופט ער פּאָליציי. ער מאָלט געגנבֿי אויס דאָס אָרט, ווו דער אָנפּאַל קומט פּאָר און וואַרט אויפֿן אָנקום פֿון אַ פּאָליציייִשן פּאַטראָל. אָפּט טרעפֿט זיך, אַז ער דערוואַרט זיך נישט. די רויבערס זיינען נעלם געוואָרן, דער קרבן האָט זיך מיט זיינע צעשלאָגענע אבֿרים ערגעץ ווו אַוועקגעשלעפּט און די פּאָליציי האָט זיך נישט געוויזן. ס'האָט זיך אויך אַ סך מאָל געטראָפֿן, אַז דער פּאָליציי־אויטאָ איז געקומען, אָבער שוין נאָך אַלעמען. די פּאָליציאַנטן האָבן זיך אַרומגעקוקט און זיינען אַוועקגעפֿאָרן. געטראַכט, מסתּמא, אַז ס'איז געווען אַ פֿאַלשער אַלאַרם.

נאָך יעדן פֿאַל אַזעלכן איז ר׳ הערשל אַ צערודערטער און אַ באַדעקטער מיט קאַלטן שווייס געלאָפֿן קוקן, צי די טיר און די פֿענצטער זיינען ביי אים גוט פֿאַרמאַכט. נאָך דעם האָט ער, אָן אויסגעמאַטערטער, זיך אומגעקערט צו זיין געלעגער. דער שלאָף איז אָבער נישט געקומען. איז ר׳ הערשל אַזוי געלעגן און האָט געטראַכט: אפֿשר זיינען זיינע זין טאַקע גערעכט? ווי לאַנג וועט ער דאָ קענען אויסהאַלטן? אָבער ביינאַנד מיט אָט די געדאַנקען קומען ווייטערדיקע: ער האָט דאָך שוין געשאַפֿן אַ גאַנצע הילפֿס־אָרגאַניזאַציע, וואָס דערהאַלט ביים לעבן הונדערטער צעבראָכענע זקנים. אין אָט דער שול פֿאַרברענגען זיי זייערע טעג אין אַן אייגענער סבֿיבֿה, זיי עסן דאָ זייערע מאָלצייטן און גייען צו זיך אַהיים בלויז אויף איבערצונעכטיקן. אויב ער זאָל פֿון דאַנען אַוועקגיין, וועט זיך די גאַנצע אָרגאַניזאַציע צעפֿאַלן. קען ער אַזאַ זאַך טאָן?

אַזוי האָט געטראַכט ר׳ הערשל, אָבער די געשעענישן זיינען זיך געגאַנגען זייער אייגענעם וועג. שׂרפֿות זיינען איצט אין דער געגנט געוואָרן טעגלעכע דערשיינונגען. כּמעט קיין איין טאָג איז נישט אַדורך אָן דעם, אַז ס'זאָל זיך נישט הערן נאָענט דער יאָמערדיקער געוואָי פֿון פֿייערלעש־סירענעס. וואָלקנס שוואַרצער רויך האָבן זיך כּמעט אָן איבעררייס געטראָגן איבער די דעכער פֿון די בנינים און אָנגעפּילט דעם חלל מיט אַ שאַרף־שטיקנדיקן ריח פֿון אויסגעברענטע הייזער־איינגעווייידן. אין די נעכט האָבן זיך פֿון פֿאַרשידענע זייטן געלאָזט זען גאָלדיקע און רויטע פֿלאַמענצונגען, וואָס האָבן אַרויסגעפּלייצט פֿון ברענענדיקע הייזער.

איידער נאָך די חמימות פֿונעם ניו־יאָרקער זומער האָבן דערגרייכט זייער סוף איז שוין דער אַרום אין אַ ווייטן מהלך באַדעקט געווען מיט גאַנץ

און האַלב אויסגעברענטע בנינים. די אַלטע שול און דאָס הויז אַנטקעגן איבער, ווו ר׳ הערשל האָט געהאַט זיין דירה, זיינען דאָ איצט געשטאַנען צווישן די חורבות ווי אַן אַאַזיס אין מיטן פון אַ מדבר.

די האַלב־אויסגעברענטע הייזער זיינען געוואָרן אַ נייער גורם פון סכּנות פאַרן אָרעמען תּושב פון דער געגנט. ס׳האָבן זיך אין זיי אויפגעהאַלטן באַנדעס פון כּל המינים אויסוורפן, נאַרקאָטיקערס און סתּם אונטערוועלט־ניקעס, וואָס האָבן פון דאַנען געפירט זייער געיעג נאָך קרבנות. מ׳האָט איצט געהערט דערציילן נישט בלויז וועגן רויבאָנפאַלן, נאָר אויך וועגן מאָרדן און פאַרגוואַלטיקונגען פון פרויען. דאָס רוב קרבנות זיינען געווען עלטערע מענטשן, בעיקר עלטערע און איינזאַמע פרויען.

די יידן פון דער „שערי־חסד״־שול האָבן זיך באַמיט אַנצונעמען שוץ־מיטלען, מחמת די פּאָליציי האָט זיי קיין זאַך נישט געקענט גאַראַנטירן. מ׳האָט אַלעמען אָנגעזאָגט צו באַוועגן זיך אין גרופּעס און אַהיימצוגיין נאָך פאַרן צופאַלן פון אָוונט. אויף די טירן האָט מען זיי געהייסן אָנהענגען שטאַרקע שלעסער. אָבער די אַלע מיטלען האָבן נישט שטענדיק געהאָלפן.

צווישן די איינגייערס פון דער שול זיינען געווען צוויי אַלטיטשקע פרויען, וואָס האָבן צוזאַמען געוווינט אין אַ דירה. אַזוי ווי זיי האָבן שוין דעם צווייטן טאָג נישט געוויזן זיך אין שול, האָט ר׳ הערשל אָפּגערופן די פּאָליציי־סטאַציע און געמאָלדן וועגן דעם פאַל. אין אַ שעה אַרום זיינען צוויי פּאָליציי־אָפיצירן געקומען אין שול.

— שלעכטע נייעס, ראַבאַי, — האָבן זיי געזאָגט — מען האָט די צוויי פרויען געפונען טויט, דערשטיקטע מיט דאַמען־זאָקן.

ר׳ הערשל איז געשטאַנען אַ פאַרשטאַרטער און האָט קיין וואָרט פון מויל נישט געקענט אַרויסברענגען, בעת צוויי יידן האָבן זיך געגרייט גיין מיט די פּאָליציאַנטן אין מתים־שטיבל צו אידענטיפיצירן די קרבנות.

ביי ר׳ הערשלען איז דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל אויפגעקומען דער געדאַנק, אַז ס׳איז נישט געבליבן קיין אַנדערער אויסוועג, ווי אויפצוגעבן דעם מקום־קדוש. אָבער איידער דאָס געשעט, מוז יעדער ייד פון זיין קאָנ־גרעגאַציע באַקומען די נייטיקע מיטלען אויף אַריבערצוציִען זיך אין אַ נייער געגנט, ווו ס׳וווינען יידן.

געטראַכט און געטאָן. לויט זיין טבע האָט ר׳ הערשל גלייך זיך גענומען

צו דער אַרבעט. אָבער נאָך עטלעכע געציילטע טעלעפאָן־געשפּרעכן איז ער אַן אָפּהענטיקער געבליבן זיצן אויף זיין שטול. פון אַלע זייטן האָט ער באַקומען דעם זעלבן ענטפער: ס׳האַנדלט זיך נישט בלויז וועגן די עטלעכע הונדערט ייִדן פון ר׳ הערשלס קאָנגרעגאַציע, מחמת אין די זעלבע באַדינגונגען זיינען געבליבן עטלעכע צענדליק טויזנט ייִדן. כדי זיי אַלעמען צו העלפן זיינען נייטיק מיליאָנען, און די דאָזיקע פאָנדן זיינען נישטאָ.

*

ווינטערדיקע וואָלקנס האָבן פאַרצויגן דעם הימל איבער מערב־בראָנקס. זיי האָבן זיך גוט צוגעפּאַסט צום געמיט פון די עטלעכע הונדערט ייִדישע זקנים, וואָס זיינען דאָרט פאַרלאָזטע און פאַרגעסענע געבליבן אויפן חסד פון גזלנים און אונטערוועלטניקעס.

יענעם פרימאָרגן האָט ר׳ הערשל, פּונקט ווי יעדן טאָג אָפּגעדאַוונט מיט מנין שחרית, ביים לאַנגן טיש פונעם עסזאַל אָפּגעגעסן זיין פרישטיק און איז אַריין אין דעם ראַבאַיס סטודיאָ צו מאַכן עטלעכע טעלעפאָן־געשפּרעכן אין די ענינים פון דער שול.

ס׳האָט זיך דערהערט אַ האַסטיק קלאַפּן אין דער דרויסנדיקער טיר, וואָס איז איצט כסדר געווען פאַרשלאָסן, כדי בויאַנעס זאָלן זיך נישט קענען אַריינרייסן. ס׳זיינען אָבער איצט נישט געווען קיין בויאַנעס, נייערט אַ גרופּע ייִדן וועלכע זיינען געקומען ווי יעדן טאָג צו פאַרברענגען דאָ די צייט.

ווען מען האָט פאַר זיי געעפנט די טיר האָט זיך מיט זיי צוזאַמען אַריינגעריסן אין דער שול אַ כוואַליע פון שאַרפן רויך. די ייִדן זיינען געווען צערודערט און האָבן שטיל גערעדט:

— אַ געדיכטער שוואַרצער רויך טראָגט זיך פונעם הויז אַנטקעגן דער שול. ס׳זעט אויס ווי אַ שׂרפה.

ר׳ הערשל האָט עס דערהערט און איז צוגעלאָפן צו דער אָנגעקומענער גרופּע.

— וואָס זאָגט איר? מיין דירה ברענט? — האָט ער געפרעגט און די קאָלירן פון זיין פּנים האָבן זיך געביטן פון בלייך אויף רויט.

אין בהלה איז ער אָן דעם אייבערשטן בגד אַרויסגעלאָפן אין גאַס, עטלעכע ייִדן זיינען אים אָבער נאָכגעלאָפן און אים מיט כּוח צוריקגעשלעפּט.

— ר׳ הערשל, וווהין לויפט איר? איר וועט דאָרט סיי ווי נישט קענען העלפן.

דורך דער אָפענער טיר האָט זיך איצט אָנגעזען אַ שוואַרצע רויכוואָנט, וואָס האָט פאַרטונקלט דאָס ליכט פונעם טאָג. דער רויך האָט זיך איינגעגעסן אין די אויגן פון די ייִדן אין שול, געביסן און געשטאָכן, אַרויסגערופן טרערן.

— פאַרמאַכט די טיר — האָט מען זיך געבעטן פון אַלע זייטן.

אין גאַס זײַנען פייערלעש־מאַשינען אָנגעלאָפן מיט אַ פּייפעריי פון סירענעס. זיי זײַנען געפאָרן פון אַלע זייטן, אָנפילנדיק דעם חלל מיט אַ גיהנומדיקן רעש און טומל. פייערלעשערס זײַנען געשפּרונגען פון די מאַ־שינען, געלאָפן אַהין און צוריק און צוגעוואָרפן איינער דעם אַנדערן באַפעלן און אָנווייזן.

אויפן אייבערשטן גאָרן פון דער שול האָבן ייִדן דורך פאַרמאַכטע פענצטער געקוקט אויפן פייער. איינער איז אַראָפּגעקומען און האָט דערציילט, אַז פלאַמען קומען אַרויס פון די פענצטער פון פינפטן שטאָק. ס׳ווייזט אויס, אַז די שׂרפה האָט בכלל נישט דערגרייכט צו ר׳ הערשלס דירה אויפן דריטן שטאָק.

ר׳ הערשל איז אַ שווייגנדיקער געזעסן אויף זײַן שטול אינעם גרויסן עסזאַל. אויף זײַן פּנים איז געלעגן אַ פאַרגליווערטקייט, ווי קיין זאַך וואָלט אים מער נישט אָנגעגאַנגען. געטראַכט האָט ער בלויז וועגן די בילדער און פאָטאָגראַפיעס, וואָס זײַנען אים איבערגעבליבן נאָך זײַן פאַרשטאָרבענער פרוי און וועגן דורכגעשאָסענעם ספר קהלת, וואָס האָט אים געראַטעוועט פון טויט און שוין אַזוי פיל מאָל אין לעבן צוריקגעבראַכט זײַן נשמהדיקע גלייכוואָג. ווער ווייסט, צי ער וועט נאָך אַ מאָל זען די דאָזיקע טייערע חפצים?

ס׳האָט זיך ווידער דערהערט אַ שאַרפער קלאַפּ אין טויער. ס׳זײַנען געקומען וואָלונטירן פון רויטן קרייץ. זיי האָבן געבעטן אַרײַנצונעמען אין שול אַ גרופּע נשׂרפים אויף איבערצונעכטיקן.

ר׳ הערשל האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון זײַן הינערפּלעט. ער איז צוגע־גאַנגען צו די וואָלונטירן און געפרעגט זיי וועגן דער שׂרפה. זיי האָבן דערציילט, אַז לויט ווי זיי האָבן געהערט פון די פייערלעשערס, האָבן זיי שוין דאָס פייער לאָקאַליזירט, אָבער צום באַדויערן זײַנען פאַראַן מענטש־לעכע קרבנות. ר׳ הערשל האָט געפרעגט וועגן די דירות אויפן דריטן שטאָק.

פון דאָרט, האָבן די וואָלונטירן געענטפערט, האָט מען אַלע מענטשן בשלום אַרויסגעפירט. צום מיינסטן געטראָפן זייבען די דירות אויפן פינפטן און זעקסטן גאָרן.

באַלד האָט מען אַריינגעפירט די נשׂרפים. דאָס רוב ווייבער און קינדער, טייל פּאַרטאַריקאַנער און טייל שוואַרצע. כאָטש איינגעהילט אין וואָלענע קאָלדרעס מיט אָפּצייכענונגען פון רויטן קרייץ, האָבן זיי געציטערט פון קעלט. מען האָט זיי גלייך אַוועקגעפירט צום אייבערשטן גאָרן אין די ליידיקע קלאַסן פון דער אַמאָליקער תּלמוד־תּורה, ווו מ׳וועט זיי שפּעטער לייגן שלאָפן אין וואַרעמע שלאָפזעק.

ר׳ הערשל איז גלייך אַריין אין קיך און האָט געהייסן אויפקאָכן הייסע וואַסער און קעסלען זופּ פאַר די נשׂרפים. דערנאָך האָט ער אָנגעטאָן דעם מאַנטל און איז אַרויס אין גאַס.

דער ווינטערדיקער אָוונט האָט שוין אָנגעהויבן צופאַלן, בעת די פייער־לעשערס האָבן זיך געגרייט אַוועקצופאָרן. איבערן אָפּגעברענטן בנין האָט נאָך געהויערט אַ שוואַרצער רויכוואָלקן, וואָס האָט מיט אַ שאַרפן ריח פאַרסמט די לופט.

ר׳ הערשל איז צוגעגאַנגען צום פּאָליציי־אָפיציר, וואָס האָט געהיט דעם אַריינגאַנג אין דעם אָפּגעברענטן הויז.

— איך וואָלט געוואָלט אַרויפגיין אין מיין דירה אויפן דריטן שטאָק — האָט ער זיך געבעטן ביים פּאָליציימאַן.

יענער האָט, ווייזט אויס, געוווּסט ווער ר׳ הערשל איז. ער האָט אויף אים געקוקט מיט אַ רחמנותדיקן בליק און געזאָגט:

— ראַבאַי, ס׳איז נאָך אַ געפאַר דאָרט אַריינצוגיין. קומט צוריק אין אַ שעה אַרום, וועלן מיר מיט אייך אַרויפגיין.

אין שול האָט ער אין דער בין־השמשותדיקער טונקלקייט דערזען זייבעביידע זין. זיי האָבן אים שווייגנדיק באַגריסט און געפרעגט ווי אַזוי ס׳זעט אויס די דירה.

— איך בין דאָרט נישט געווען — האָט ר׳ הערשל געענטפערט — די פּאָליציי לאָזט נישט אַריין.

אויב אַזוי וועלן זיי פּרוּוון, און זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר, ר׳ הערשל איז זיי נאָכגעגאַנגען.

— קינדער, קוקט גוט נאָך אין שלאָפצימער... דער מאַמעס פאָטאָגראַפיעס און דער ספר קהלת.

זיי האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ ווי אַ צייכן, אַז זיי פאַרשטייען אים.

— בלייב דאָ, טאַטע, וואַרט אויף אונדז.

זיי זיינען צוריקגעקומען נאָך אַ לאַנגער ווייל. מיט זיי צוזאַמען זיינען געקומען עטלעכע פּאָליציאַנטן און אַלע האָבן געשלעפּט שטובזאַכן. די זין האָבן דערציילט, אַז דאָס שלאָפצימער איז אין גאַנצן ניצול געוואָרן, דאַקעגן זיינען די אַנדערע צימערן פאַרגאָסן מיט וואַסער און ס׳איז דערווייל נישט מעגלעך צו זיי צוצוקומען. די זין האָבן איצט אַריינגעטראָגן אין שול אַלע זאַכן פון שלאָפצימער און זיי צעשטעלט אין איינעם פון די ליידיקע צימערן אויפן אייבערשטן גאָרן.

ר׳ הערשל האָט זיך אַרומגעקוקט אין זיין נייער שלאָפשטוב און ווי נאָר ער האָט מיטן בליק אויפגעכאַפּט דאָס קעסטל מיט די בילדער און דעם ספר קהלת, האָבן זיינע אויגן זיך צעשטראַלט אין אַ לייטזעליקן שמייכל. ער איז ווידער געוואָרן רירעוודיק און האָט מיט זיינע אַנטשלאָסענע טריט פון אַ יונגן־מאַן גענומען אַרומשמייען איבער זיין נייעם שטיבל. דאָ האָט ער פאַרריכט דעם מאַטראַץ פון זיין בעט, דאָרט האָט ער איבערגערוקט אַ חפץ פון איין אָרט צו אַ צווייטן, ווי ער וואָלט זיך אויף אַן אמת געגרייט דאָ צו וווינען אַ לענגערע צייט.

די זין האָבן מיט חידוש זיך צוגעקוקט צו זייער פאָטערס האַוועניש. דער בכור, וואָס האָט אַלע מאָל געהאַט צום טאַטן מער דרייסטקייט, האָט זיך אָנגערופן:

— איצט, טאַטע, אַז די דירה איז אויך נישטאָ, האָסטו שוין דאָ באמת נישט וואָס צו טאָן. דו וועסט דאָך איינער אַליין נישט בלייבן וווינען אין דעם שטיבל. לאָז דאָ איבער די זאַכן און קום מיט אונדז. וועסט זיך אַ ביסל אָפּרוען און דערנאָך וועלן מיר דיך איינאָרדענען ווי ס׳באַדאַרף צו זיין.

אָבער ר׳ הערשל האָט מיט אַ שמייכל, וואָס האָט אויסגעדריקט אי ביטול און אי אַ מין רחמנות, געקוקט אויף זיין זון און געענטפערט:

— נאַריש קינד, פאַר וואָס פאַרשטייסטו נישט? איצט וועט פאַר מיר דאָ זיין הונדערט מאָל מער אַרבעט ווי פריִער. ווי קען איך פון דאַנען אַוועקגיין? איך וועל דערווייל בלייבן אין דעם צימער. נישקשה, ס׳וועט זיין אַל ריַט.

ווערק פון דעם זעלבן מחבר:

פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק (זכרונות, געשטאַלטן, בילדער) — צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן אין אַרגענטינע, בוענאָס־איירעס, 1948, 239 ז״ז.

ד״ר י. שיפּער — זיין לעבן און שאַפן — (מאָנאָגראַפיע) — סעפּאַראַטער אָפּדרוק פון „פון נאָענטן עבר״, באַנד איינס, אַרויסגעגעבן פון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס — ניו־יאָרק, 1955 — 81 ז״ז.

ייִדישע נאַפּט־מאַגנאַטן — צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן אין אַרגענטינע, בוענאָס־איירעס, 1954, 397 ז״ז.

(פּרעמירט דורכן מרדכי־סטאָליאַר־ליטעראַטור־פאָנד ביי „די ייִדישע צייטונג״, בוענאָס־איירעס, 1955).

ד״ר מאיר באַלאַבאַן — מאָנאָגראַפיע — סעפּאַראַטער אָפּדרוק פון „פון נאָענטן עבר״, באַנד פיר, אַרויסגעגעבן פון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1959, 122 ז״ז.